בן־ציון רובשטיין

גאליציע

און איר

באפעלקערונג

(יידן, פאָלאַקן און רוסינער אונטער דער הערשאַפט פון די
האַבסבורגער)

וואַרשע – 1923.

UTL AT DOWNSVIEW
D RANGE BAY SHLF POS ITEM C
39 24 11 04 02 002 4

LIBRARY
SEP 21 2017
UNIVERSITY OF TORONTO

מײן לעבנס־פרײַנד מ א ס י ע
געװידמעט

געזעצט בײַ ה״ה ראָטער און גאָלדרײַך, פּולאַװ

(—) 1.0

(—) 20.4

(—)1.7,(—

ן זיי געהאט א
רן פאַקטישן צו=
ער באַפעל=
ערע ווינ=
ון 5000 איינוווי=
אַקישער צוווקס
ייסיקיערינקן
) האָט באַ=
אָצענט.

הרה"ג יעקב געלער
מו"ץ דפה האוסטאן [illegible]

Rev. Jacob Geller
1814 Franklin Ave
Houston Tex.

Abram L. Geller
4545 N. Braeswood, 307 THA
Houston, TX 77096 USA

רעוו יעקב געלער
עוויר פראנקלין האוסטאן

Rev. Jacob Geller
1814 Franklin Ave
Houston Tex.

אַרייַנפיר.

איידער איך טרעט צו צו דער סטאַטיסטישער אויספאָרשונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע, געפין איך פאַר נייטיק צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם מעטאָד, וואָס איך האָב אָנגעווענדט ביי מיין אויספאָרשונג.

די פראַגע, ווי אַזוי אויסצופאָרשן די נאַציאָנאַלע פאַרהעלטנישן אין עסטרייך (אַלזאָ אויך אין גאַליציע), איז איינע פון די שווערסטע און פאַרפלאָנטערסטע. אַרום איר האָט זיך שוין זייער לאַנג געפירט אַ שטאַרקער קאַמף צווישן די קאָנסערוואַטיווע מלוכה-קרייזן פון דער געוועזענער עסטרייכישער מלוכה און די פאָרשטייער פון די אונטערדריקטע נאַציעס מיט די טשעכן בראש.

די טשעכן האָבן שוין לאַנג געפאָדערט, אַז אין די פראַגעבויגנס פון די פאָלקסציילונגען זאָל אַריינגעטראָגן ווערן אַ ספּעציעלע פראַגע וועגן דער נאַציאָנאַליטעט, כדי יעדער בירגער זאָל קענען אַליין באַשטימען צו וואָס פאַר אַ נאַציע ער געהערט.

די עסטרייכישע אָנפירנדיקע קרייזן האָבן אָבער בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין אויף דעם, ווייל זיי האָבן פשוט נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז ס'זאָלן קומען צום אויסדרוק די אמתע נאַציאָנאַלע פאַרהעלטנישן אין דער עסטרייכישער אימפּעריע, ווי אויך אין אירע באַזונדערע פּראָווינצן

אַלס אַן אָביעקטיוון סימן פון נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט, נעמט דערייבער אָן די אָפיציעלע עסטרייכישע סטאַטיסטיק די „אומגאַנגס-שפּראַך" (נישט פאַרביטן מיט מוטער-שפּראַך).

דער דאָזיקער טערמין — „אומגאַנגס-שפּראַך" איז אויף אַזוי פיל נישט קלאָר און אומגעלומפּערט, אַז ער קען שאַפן דאָס ברייטסטע פעלד פאַר דער פאַרשיידנסטער סטאַטיסטישער „קינצנמאַכעריי", ווו די עסטרייכישע אָנפירנדיקע

קרייזן האָבן זיך שוין לאַנג קונה־שם געווען אַלס די גרעסטע בריות, ווייל אייגנטלעך באַשליסט דאָך די מלוכה אַליין די פראַגע, וועלכע שפּראַכן זיינען „לאַנדעס־איבלעך" אַדער „אומגאַנגס־שפּראַכן" אין דער אָדער יענער פּראָווינץ, און זי באַנוצט זיך מיט דעם דאָזיקן רעכט, כּדי צו ערקלערן די שפּראַכן פון די קליינע נאַציאָנאַלע גרופּעס פאַר נישט „לאַנדעס־איבלעך" און נעמט ביי זיי אָפּ אויף אַזאַ אופן די מעגלעכקייט אָנצווייזן זייער אמתע שפּראַך, בעת די פאָלקס־ציילונגען, און פעסטצושטעלן זייער צאָל, כּדי דערנאָך, אויפן סמך פון די דאָזיקע צאָלן, צו פאָדערן און פאַרטיידיקן זייער רעכט אויף נאַציאָנאַל־עפנטלעכע שולן, אַנערקענונג פון זייער שפּראַך אין דער געגנט וכדומה.

נישט דאָ איז דאָס אָרט אָפּצושטעלן זיך געניי אויף דער קריטיק פון דער טערמינאָלאָגיע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן פון דער עסטרייכישער צענטראַל־קאָמיסיע, און דערווייזן, ווי פאַלש און נישט ריכטיק ס'איז צו משפּטן וועגן די נאַציאָנאַלע פאַרהעלטענישן בלויז אויפן סמך פון די ידיעות וועגן דער אומגאַנגס־שפּראַך. די פאָלקסציילונגען פון 1910 יאָר האָבן שוין אין דעם איבער־צייגט אַפילו די עסטרייכישע סטאַטיסטישע צענטראַל־קאָמיסיע. אַ דאַנק דער אומגעהייער גרויסער נאַציאָנאַל־פּאָליטישער באַדייטונג פון דער פראַגע וועגן דער שפּראַך־פאַרהעלטניש אין אַזאַ פּין נאַציאָנאַליטעטן־מלוכה, ווי די געוועזענע עסטרייך, האָט זיך, בעת דער פאָלקסציילונג פון 1910 יאָר אַרום איר אויפ־געהויבן אַ ליידנשאַפטלעכע מלחמה צווישן די עסטרייכישע נאַציעס, און די שטאַרקערע פעלקער האָבן אָנגעווענדט אַ מוראדיקן דרוק אויף די שוואַכערע און דורך פּאָליטישן טעראָר זיי געצוווּנגען אָנווייזן, בעת דער פאָלקסציילונג די שפּראַך פון די הערשנדיקע פעלקער אַלס זייער אייגענע „אומגאַנגס־שפּראַך". אין אייניקע ערטער האָבן די באַאַמטע זיך ערלויבט אַליין צו באַשטימען די אומ־גאַנגס־שפּראַך פון דער באַפעלקערונג. אַדאַנק דעם אַלעמען האָט באַזונדערס די לעצטע פאָלקסציילונג געבראַכט אינם דאָזיקן פּרט צו מוראדיקע קוריאָזן, און האָט געמאַכט די אַלע ידיעות וועגן דער „אומגאַנגס־שפּראַך", אַלזאָ, אויך די ידיעות וועגן די נאַציאָנאַלע פאַרהעלטנישן אין עסטרייך, אויף אַזוי פיל ווערטלאָז, אַז אַפילו די סטאַטיסטישע צענטראַל־קאָמיסיע אַליין איז געצווּנגען געווען מיט עניוות צו ערקלערן, אַז די ידיעות פון דער לעצטער פאָלקסציילונג וועגן דער שפּראַכלעכקייט פון דער באַפעלקערונג שטעלן אונז פאָר ערשיינונגען, פאַר וועלכע ס'איז שווער צו געפינען אַן ערקלערונג, און האָט זיך נעבעך עפנטלעך געמוזט מודה זיין, אַז „די ידיעות וועגן דער שפּראַכלעכקייט האָבן בלויז אַ רעלאַטיוון ווערט".*)

נאָך ערגער אָבער האַלט עס מיט שפּראַך־סטאַטיסטיק בנוגע צו די ייד־

*) Ergebnisse der Volkszählung v. j. 1910 I B.

אין עסטרייך. די עסטרייכישע רעגירונג האָט זיך געהאַלטן ביזן לעצטן סאָג פון איר קיום ביים אַלטן פאַרשימעלטן געזעץ פון 1812 יאָר, וואָס פאַרבאָט עפנטלעך צו געברויכן דעם יידישן כתב און אנערקענט נישט די יידישע שפּראַך. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ס'איז נישט זעלטן צו באַגעגנען אין די שטעטלעך פון גאַליציע, באַזונדערס אין איר מזרחדיקן טייל, קריסטן, וואָס פאַרשטייען און ריידן אפילו נישט שלעכט יידיש, ווערט דאָך די יידישע שפּראַך אין גאַליציע נישט גערעכנט פאַר „לאַנדעס-איבלעך" (וואָס ווערט געברויכט אין לאַנד) און די יידן זיינען געצוווּנגען אָנצוּווייזן בעת דער פאָלקסציילונג אַלס זייער אומגאַנגס-שפּראַך, איינע פון די „לאַנדעס-איבלעכע" שפּראַכן — פויליש, רוטעניש אָדער דייטש. פאַרן אָנווייזן יידיש אַלס אומגאַנגס-שפּראַך, פלעגט מען באַשטראָפט ווערן און אַ חוץ דעם פלעגט דאָס וואָרט „יידיש" פון פראַגעבויגן אויסגעמעקט ווערן און פלעגט פאַרביטן ווערן מיט אַן אַנדערער שפּראַך, לויטן איינזען און ווילן פונם באַאַמטן.

דער העלדישער קאַמף, וואָס די גאַליצישע יידן האָבן געפירט בעת דער לעצטער פאָלקסציילונג פאַר דער אַנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך, האָט צו קיין שום פּאָזיטיווע רעזולטאַטן נישט געבראַכט. די פוילישע באַאַמטע האָבן מיט דער הסכמה פון דער אָרטיקער מאַכט אויסגעמעקט פון די יידישע פראַגע-בויגנס אין דער רובריק „אומגאַנגס-שפּראַך" דאָס וואָרט „יידיש" און פאַרביטן דאָס מיטן וואָרט „פויליש". אויף אַזאַ אופן האָבן די פוילישע מאַכטהאָבער אויסגענוצט די יידישע נאַציאָנאַל-פּאָליטישע רעכטלאָזיקייט אין דער געוועזע-נער עסטרייכישער אימפּעריע, כדי צוצורעכענען די יידן, קעגן זייער אייגענעם ווילן, צו די „פויליש-שפּרעכנדע", אַלזאָ, צו דער פוילישער נאַציע, כדי דורכן דאָזיקן שווינדל פאַרוואַנדלען גאַליציע אין אַן עטנאָגראַפיש פוילישע פּראָווינץ.

אַלזאָ, ווען מ'זאָל זיך האַלטן אין דער קלאַסיפיקאַציע פון דער עסט-רייכישער סטאַטיסטיק -- באַשטימען די נאַציאָנאַליטעט נאָך דער אומגאַנגס-שפּראַך — און מ'זאָל גלייבן די אָפיציעלע ידיעות פון דער פאָלקסציילונג וועגן דער שפּראַכלעכקייט פון דער באַפעלקערונג, איז שוין אין גאַליציען קיין סימן פון יידן נישטאָ, און די הונדערטער טויזנטער מענטשן אין שטריימלעך און פאות זיינען איבערגעטוענע פּאָלאַקן, וואָס ווילן צוליב פאַרבאָרגענע כוונות בלויז סימולירן יידן.

אויך באַנוגע צו די רוסינער האָבן די פוילישע מאַכטהאָבער אָנגעווענדט געוואַלט, און נישט איין צענדליק טויזנט רוסינער זיינען געווען געצוווּנגען קעגן זייער אייגענעם ווילן אָנגעבן די פוילישע שפּראַך אַלס זייער אייגענע אומגאַנגס-שפּראַך. איבערהויפּט זיינען געצוווּנגען עס געווען צו טון די רוסינישע באַאַמ-טע און דינערשאַפט, וואָס זיינען עקאָנאָמיש אָדער פּאָליטיש אָפּהענגיק געווען

פונם הסד פון זייערע פוילישע אַדונים.

אויף אַזאַ אופן האָבן די ידיעות פון די פאָלקסציילונגען וועגן דער שפּראַכלעכקייט פון גאַליציע (ווי פון גאַנץ עסטרייך) קיין שום ווערט נישט, און כּדי אויסצופאָרשן און פעסטצושטעלן די נאַציאָנאַלע פאַרהעלטנישן אין גאַליציע מוז מען זיך ווענדן צו אַנדערע מיטלען.

צום גליק פאַלן צוזאַמען אין גאַליציע די באַגריפן נאַציע און אמונה. די דריי הויפּט-נאַציעס — רוסינער, פּאָלאַקן און יידן — געהערן אין דער זעלבער צייט אויך צו פאַרשיידענע אמונות (פּוילן — רוימיש-קאַטוילישע, די רוסינער — גריכיש-קאַטוילישע און די יידן צו דער יידישער אמונה).

דערביי פאַלן ביי יידן אינגאַנצן צוזאַמען די ביידע באַגריפן, נאַציע און אמונה, ווייל די גאַליצישע יידישע מאַסן ווייסן נישט פון קיין אַנדערש גלויבנדע און נישט פון קיין פריידענקענדע.

בנוגע צו די רוימיש-קאַטוילישע, גייען אין דער דאָזיקער גרופּע אַריין אָדיך נישט קיין פּאָלאַקן — דייטשן, אונגאַרן, טשעכן און אַז. וו. — אָבער זייער צאָל איז נישט קיין באַדייטנדע און דאָס קען דעריבער נישט ווירקן אויף די רעזולטאַטן פון דער אויספאָרשונג.

גריכיש-קאַטוילישע זיינען אויסשליסלעך רוסינער. אָבער אַהער גייען נישט אַריין די עטלעכע צענדליק טויזנט רוסינער, וואָס געהערן צום אָרטאָדאָקסישן (פּראַוואָסלאַוון) גלויבן. — אָבער אַזוי ווי די צאָל פון די אָרטאָדאָקסישע רוסינער איז נישט קיין גרויסע, קען עס אויך נישט האָבן קיין ווירקונג אויף די ענדגילטיקע רעזולטאַטן.

אַלנפאַלס איז דאָס איינציקע מיטל פעסטצושטעלן די נאַציאָנאַלע פאַרהעלטנישן פון גאַליציע, נישט קוקנדיק אויף אַלע זיינע חסרונות, און מיט דאָזיקן מיטל זיינען מיר געצוווּנגען זיך צו באַנוצן.

I.

די צאָל יידן אין גאַליציע אין 1772 יאָר.

ווי גרויס איז געווען די צאָל יידן, וואָס האָבן געלעבט אין גאַליציע אין דעם מאָמענט, ווען גאַליציע איז געוואָרן אַן עסטרייכישע פּראָווינץ?

אין 1772 יאָר, בעת פּוילן איז דאָס ערשטע מאָל צעטיילט געוואָרן צווישן רוסלאַנד, דייטשלאַנד און עסטרייך, האָט די האבסבורגער מאָנאַרכיע באַקומען דאָס קעניגרייך גאַליציע*) און לודאָמיר, וואָס האָט געציילט צווישן איר באַפעלקערונג אַ גאַנץ היבשע צאָל יידן. גראָד אָנהייבנדיק פון דער דאָזיקער צייט און אין אַ משך פון דער ערשטער העלפט פונם 19-טן יאָרהונדערט, האָט עסטרייך דורכגעפירט אַ גאַנצע רייע פאָלקסציילונגען. אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם, זיינען מיר דאָך נישט אומשטאַנד צו געבן אויף דער דאָזיקער זייער וויכטיקער פראַגע אַ גענויע און אויסשעפנדע תשובה.

די טעכניק און מעטאָדן פון די אַלע עסטרייכישע פאָלקסציילונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן ביזן 1869-טן יאָר, זיינען געווען אויף אזוי פיל פרימיטיוו און האָבן זיך געפינען אויף אזאַ מין נידריקע מדרגה, אַז אַפילו ביי די גינציקסטע תנאים האָבן זיי נישט געקענט ברענגען די געוואונטשטע רעזולטאַטן.

אָבער וויכטיקער פון אַלץ איז דאָס, וואָס די אלע פאָלקסציילונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן ביזן 1869-טן יאָר, האָבן פאַרפאָלגט אויסשליסלעך מיליטערישע אָדער פיסקאלע אינטערעסן. דאָס איז געווען גוט באַוווסט דער באַפעלקערונג, און ס'איז קיין חידוש נישט, וואָס די באַפעלקערונג — נישט בלויז יידן — האָט זיך באַצויגן מיטן גרעסטן אומצוטרוי צו די פאָלקסציילונגען, און האָט אָנגענומען כלערליי מיטלען אויסצודרייען זיך פון דער פאָלקסציילונג און ווי ווייט מעגלעך צו פאַרבאָרגן פון דער רעגירונג זייער אמתע צאָל.

---

*) אַ חוץ קראקאוו.

נאָך מער גרונט האָבן געהאַט די יידן מורא צו האָבן פאַר די פאָלקס־ציילונגען, ווייל זיי זיינען דאָך פון אייביק אָן דער שעיר־לעזאָזל ביי אַלע געלט־פאַרלעגנהייטן, און וועמעס טייסטער ס׳האָט זיך אַלעמאָל געמוזט ברייט עפענען, אויב נאָר די מאַכטהאָבער האָבן זיך געניידיקט אין געלט. די יידישע באַפעלקערונג האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז יעדער פאָלקס ציילונג וועט ברענגען מיט זיך נייע אָדער פאַרגרעסערן די אַלטע שטייערן, און דעריבער זיינען זיי געווען פאַרינטערעסירט אָנגעמען אַלערליי מיטלען, כדי צו באַהאַלטן פון דער רעגירונג זייער אמתע צאָל. די יידן האָבן אויך דערצו געהאַט מער מעג־לעכקייטן ווי די נישט־יידישע באַפעלקערונג, ווייל זיי זיינען דאָך געווען אַ מער־באַווענלעך פאָלק און האָבן זיך דעריבער געקענט גיכער אויסדרייען פונם רע־ווייזאָרס אויג.

אַלנפאַלס האָט דער אָרגאַניזירטער יידישער קהל, אונטער וועמעס אומ־באַריכטער השגחה ס׳פלעגט פאָרקומען די ציילונג פון דער יידישער באַפעל־קערונג, געהאַט גענוג מיטלען כדי נישט צו דערלאָזן, אַז די רעגירונגס־רעוויזאָרן זאָלן אָנגעבן פאַלש פאַרגרעסערטע צאָלן וועגן דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס וואָלט געקענט פירן צו אַ פאַרגרעסערונג פונם יידישן שטייער־לאַסט.

די אויבנדערמאָנטע „פאָלקסציילונגען גיבן אונז אויף אַזאַ אופן, אַזוי צו זאָגן, די מינימאַלע צאָלן, און מיר ווייסן בלויז, אַז ווייניקער פון די צאָלן, וואָס ווערן געבראַכט אין די פאָלקסציילונגען איז געוויס נישט געווען.

צי זיינען די דאָזיקע צאָלן נידריקער איידער דיווירקלעכקייט און אין וויפל? — ... פאַר אַ מאָס?

נישט געפינענדיק קיין דירעקטן ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע אין דער פאָלקסציילונג, מוזן מיר זיך ווענדן צו אומדירעקטע סטאַטיסטישע אויסרעכענונגען און וויסנשאַפטלעכע השערות.

אין 1776־טן יאָר, אַלזאָ, אין 4 יאָר נאָכדעם, ווי גאַליציע איז איבער־געגאַנגען אונטער עסטרייכס ממשלה איז די צאָל פון די יידן געווען, לויט דער פאָלקסציילונג פונם דערמאָנטן יאָר, 148,598 נפשות*).

פונם מאָמענט, וואָס גאַליציע איז איבערגעגאַנגען צו עסטרייך, ביז דער דערמאָנטער פאָלקסציילונג, איז אַריבער גענוג צייט (4 יאָר), אַז די יידישע היימלאָזע פון גאַליציע, וואָס האָבן צוליב דער מלחמה און בכלל צוליב די פּאָליטישע געשעענישן פאַרלאָזט זייער אַלטע היים, זאָלן זיך קענען אומקערן קיין גאַליציע. אויף אַזאַ אופן האָט די פאָלקסציילונג פון 1776־טן יאָר אַרומגענומען

(* Wolf „Völker Oesterreich-Ungarns" Bd. VII. 1883 jah. "Die juden".

די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון גאַליציע. די פאָלקסציילונג פון 1784-טן יאָר האָט פאַרצייכנט אין גאַליציע 184,448 יידישע נפשות. אַלזאָ, זייף 35,850 נפשות מער, איידער אין 1776-טן יאָר. דאָס הייסט אַ פאַרגרעסערונג אויף 24.1 פראָצענט. ס'פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ גרויסע נאַטירלעכע פאַרמערונג אין משך פון 8 יאָר איז אוממעגלעך, און ערקלערן דעם דאָזיקן פאַקטישן צוּוואוקס פון יידישער אימיגראַציע הייסט, נישט קענען די לעבנס-תנאים פון גאַליציע צו יענער צייט. נאָך קלאָרער וועט ווערן די דאָזיקע לאַגע, ווען מיר וועלן דערמאָנען, אַז מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1785-טן יאָר, האָט די פאָלקסציילונג שוין פאַררעגיסטרירט 212,002 יידישע נפשות — אַ פאַרגרעסערונג אויף 27,554 נפשות, אָדער 14.7 פּראָצענט. דער נאַטירלעכער צוּוואוקס פאַר דעם יאָר האָט געקענט זיין העכסטנס 3000 נפשות. רעכענען ווידער, אַז אינם משך פונם דערמאָנטן יאָר זיינען צוגעקומען דורך איינוואַנדערונג כמעט 25 טויזנט יידן, וועט פאַרשטייט זיך קיינעם נישט איינפאַלן.

די איינציקע ריכטיקע ערקלערונג איז, אַז די צאָלן וועגן דער יידישער באַפעלקערונג פון די פאָלקסציילונגען פון 1776 און 1784-טן יאָר זיינען אַסך נידעריקער, איידער די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער ווירקלעכקייט.

ווי פיל יידישע האָט געקענט באַטרעפן די צאָל יידן אין גאַליציע אין 1776-טן יאָר?

אין 1785-טן יאָר האָט די עסטרייכישע פאָלקסציילונג פאַרצייכנט אין גאַליציע 212,002 יידישע נפשות. דער העכסטער נאַטירלעכער צוּוואוקס פאַר די ניין יאָר, וואָס זיינען אַריבער פון דער פאָלקסציילונג פון 1776-טן יאָר, האָט געקענט זיין 18 פּראָצענט (דער העכסטער נאַטירלעכער צוּוואוקס פון די גאַליצישע יידן פאַר די לעצטע דריי יאָרצענדליק איז געווען אין פּעריאָד 1891 — 1900 און האָט באַטראָפן, לויט דער השערה פון ד"ר בוזעק, 19.6 פּראָצענט), אַראָפּרעכענענדיק דעם דאָזיקן נאַטירלעכן צוּוואוקס, וואָס דאַרף באַטרעפן 32,330, אַזוי קומען מיר צום באַשלוס, אַז אין 1776-טן יאָר זיינען געווען בערך 180 טויזנט יידן. (179,672-32,330—212,002).

מיר רעכענען אָבער, אַז אויך די צאָל יידן (212,002), וואָס איז אָנגעוויזן אין דער עסטרייכישער פאָלקסציילונג פון 1785-יאָר, איז מער אָדער ווייניקער קלענער, איידער די פאַקטישע צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג צו יענער צייט. ס'איז פשוט שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז די גאַליצישע יידן, וואָס זיינען צו דער צייט פון דער דערמאָנטער פאָלקסציילונג געווען נאַציאָנאַל און פּאָליטיש גוט אָרגאַניזירט (ביזן 1785-טן יאָר האָבן די יידן אין גאַליציע נאָך פאַרבאַהאַלטן זייער נאַציאָנאַלע אַווטאָנאָמיע אינם געשטאַלט פון דער קהלה-אָרגאַניזאַציע), — און וואָס זיינען געווען בלוטיק פאַראינטערעסירט צו פאַרבאָרגן פון דער רעגירונג זייער אמתע צאָל, זאָלן נישט געפינען דערצו די נייטיקע מיטלען,

באַזונדערס אין יענער צייט, ווען די טעכניק און מעטאָדע פון די פאָלקסציילונגען האָבן זיך געפינען אויף אַזאַ נידריקע מדרגה פון אַנטוויקלונג.

אַז די יידן אין עסטרייך האָבן ווירקלעך אָנגענומען פאַרשיידענע מיטלען צו פאַרבאָרגן זייער אמתע צאָל פון דער רעגירונג בעת די פאָלקסציילונגען און אַז דאָס פלעגט זיי אין אַ געוויסער מאָס געלונגען, איז צו זען פון פאָלגנדיקע פאַקטן:

לויט דער עסטרייכישער פאָלקסציילונג זיינען געווען אין גאַנץ עסטרייך (צוזאַמען מיט גאַליציע):

אין 1830 יאָר 355.695 יידישע נפשות
„ 1834 „ 355,234 „ „
„ 1837 „ 373,833 „ „
„ 1840 „ 393,955 „ „
„ 1843 „ 416,628 „ „
„ 1846 „ 448,123 „ „
„ 1850 „ 476,423 „ „
„ 1857 „ 620,596 „ „

מיר זען, אַלזאָ, אַז אין איינציקע פעריאָדן (1830—1834) גיט די יידישע באַפעלקערונג אַן אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג, כאָטש קיין קאַטאַסטראָפאַלישע געשעענישן אינם יידישן לעבן פון עסטרייך זיינען אין דער דאָזיקער צייט נישט פאָרגעקומען. פאַרקערט, אין אַ צווייטן פעריאָד, ווייזט די יידישע באַפעלקערונג אויף אַן אומגעהייערע פאַקטישע פאַרמערונג, אויף גאַנצע 30 פראָצענט אין משך פון זיבן יאָר (1850—1857), אין דער צייט, ווען עסטרייך האָט בשום אופן נישט געקענט דינען אַלס אַן אימיגראַציאָנס-צענטער פאַר די יידן פון אַנדערע לענדער.

אויך בנוגע צו דער נישט יידישער באַפעלקערונג באַמערקן זיך אַזעלכע קוריאָזן. אַזוי, למשל, האָט באַטראָפן די קריסטלעכע באַפעלקערונג אין עסטרייך לויט די פאָלקסציילונגען פון:

1846 יאָר 16,717,160 נפשות.
1850 „ 16,582,104 „

האָט אַלזאָ געגעבן אַן אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג אויף 135,056.

די דאָזיקע ערשיינונג קען די רעגירונג נישט אַנדערש ערקלערן, ווי מיט דעם, וואָס בעת דער פאָלקסציילונג פון 1850-טן יאָר, איז דער קריסטלעכער באַפעלקערונג געלונגען צו פאַרבאָרגן פון די רעגירונגס-רעוויזאָרן אַ גרעסערע צאָל מענטשן, ווי ביי אַלע אַנדערע — ווי פריערדיקע אַזוי אויך שפעטערדיקע — פאָלקסציילונגען. מיר זען, אַלזאָ, אַז אויך די קריסטלעכע באַפעלקערונג פלעגט

אָננעמען מיטלען צו פאַרבאַרגן איר צאָל פון די רעגירונגס־רעוויזאָרן און איך נעוויסע מאָמענטן פלעגט איר דאָס אויך געלונגען. דאָס גיט אונז דאָס רעכט משער צו זיין, אַז אויך בעת דער פאָלקסציילונג פון 1785־טן יאָר איז די יידן געלונגען צו פאַרבאָרגן אַ געוויסע טייל פון זייער באַפעלקערונג פון די רעגירונגס־רעוויזאָרן:

מיר רעכענען דעריבער, אַז מיר וועלן גישט אַריינפאַלן אין קיין טעות, אויב מיר וועלן אָננעמען, אַז אין 1776 (באַלד נאָך דעם, ווי גאַליציע איז אַריבער צו עסטרייך) האָט די צאָל פון די יידן באַטראָפן בערך 200.000 נפשות.

2.

די אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג לויט די פאָלקסציילונגען 1869, 1880, 1890, 1900 און 1910 יאָרן.*)

לויט די 5 ציווילע פאָלקסציילונגען, וואָס זיינען אין עסטרייך פאָרגעקומען אינם משך פון 1869 ביז 1910 יאָר האָט די באַפעלקערונג פון גאַליציע באַטראָפן אין:

יאָרן.	די גאַנצע באַפעלקערונג.	צווישן זיי יידן.	דער פראָצ. פון די יידן
1869	5,444,689	575,918	10.6
1880	5,958,907	686,596	11.5
1890	6,607,816	772,213	11.7
1900	7,295,538	811,382	11.1
1910	8,029,387	**) 872,975	10.9

פאַרגלייכנדיק די רעלאַטיווע אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע פאַר די לעצטע 41 יאָר (1869 — 1910), באַמערקן מיר, אַז אין משך פון די ערשטע 20 יאָר האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג רעלאַטיו

*) אויפן סמך פון פאָלקסציילונגען פון די דערמאָנטע יאָרן, ווי אויך:
Wiadomości statystyczne o stosunkach krajowych XXV. zesz. 1—2

**) לויט די אויסגאַבן פון דער עסטרייכישער צענטראַל־קאָמיסיאָן האָט די צאָל יידן באַטראָפן אין 1910 יאָר בס״ה 871,906.

פאַרגרעסערט, פאַרקערט, אָנהייבנדיק פונם 1890 יאָר באמערקט זיך אַ כסדר־דיקע רעלאַטיווע פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. די העכסטע רעלאַטיווע פאַרגרעסערונג האָט די יידישע באַפעלקערונג געהאַט אין די ערשטע 11 יאָר (1869 — 1880), און דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע איז אויסגעוואַקסן פון 10.6 אויף 11.5. מיר רעכענען אָבער, אַז די דאָזיקע סטאַטיסטישע ידיעות שפּיגלען מיט זיך נישט אָפּ ריכטיק די ווירקלעכקייט און אָט פאַר וואָס:

פאַרגלייכנדיק די צאָל יידן אין גאַליציע אין 1869 און 1880 יאָרן, באַמערקן מיר, אַז די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט אויף 110,678 נפשות אָדער אויף 19.2 פּראָצענט. דאָס הייסט, אַז די יידישע באַפעלקערונג פון גאַליציע האָט אין משך פונם דערמאָנטן פעריאָד אויפגעהאַלטן אומגעפער איר גאַנצן נאַטירלעכן צוּוואוּקס. אָבער ווי באַוווּסט, האָט גאַליציע צו יענער צייט געגעבן אַ גאַנץ באַדייטנדע עמיגראַציע אין די ניי־אַנטשטאַנענע יידישע צענטרן: ווין, וווּ די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט אויף העכער 40 טויז. נפשות אָדער אויף 81 פּראָצענט, אין בוקאָווינע, וווּ די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט אין משך פון די דערמאָנטע 11 יאָרן (1869 —1880), כמעט אויף 20 טויזנט נפשות אָדער 41 פּראָצענט. אין אַלגעמיין דאַרף מען רעכענען, אַז אין די דאָזיקע צוויי צענטרן צוזאַמען מיט שלעזיען און אונגאַרן האָבן אויסגעוואַנדערט פון גאַליציע נישט ווייניקער פון 35 — 30 טויזנט נפשות.

מ׳דאַרף אָבער אויך געדענקען, אַז אַ מער אָדער ווייניקער עמיגראַציע איז שוין צו יענער צייט געגאַנגען פון גאַליציע אויך קיין אַמעריקע. אויף אַזאַ אופן וואָלט אויסגעקומען, אַז דער פאַקטישער צוּוואוּקס פון די יידן אין גאַליציע פון 1869 ביז 1880 יאָר איז געווען בערך 160 — 155 טויזנט, אָדער בערך פון 28 — 27 פּראָצענט. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ פאַרמערונג פאַר 11 יאָר בלויז אַדאַנק דעם נאַטירלעכן צוּוואוּקס איז אוממעגלעך און קיין צוואַנדערונג־פּונקט פאַר די יידן פון אַנדערע לענדער און געגנטן איז גאַליציע קיינמאָל נישט געווען (אויב אפילו אייניקע טויזנט רוסישע יידן האָבן זיך אין משך פון דעם דערמאָנטן פעריאָד באַזעצט אין גאַליציע, האָבן זיך דאָך אויך פיל גאַליציש יידן באַזעצט אין רוסלאַנד — דאָס איז אַזוי צו זאָגן בלויז געווען אַ באַפעלקערונגס־אויסטויש). אַלזאָ, אַזאַ הויכער פאַקטישער צוּוואוּקס האָט אין גאַליציען בשום אופן נישט געקענט זיין.

די איינציקע און ריכטיקע ערקלערונג איז, אַז די צאָל יידן, וואָס איז אָנגעוויזן אין דער פאָלקסציילונג פון 1869 יאָר, איז קלענער פון דער ווירק־

קלענער צאָל ייִדן אין גאַליציע בערך אויף 40 — 50 טויזנט נפשות, דאָס הייסט, אַז די צאָל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין גאַליציע אין 1869 יאָר האָט באַטראָפן בערך פון 615,000 — 625,000 נפשות.

דאָס וועט אויך זיין פאַרשטענדלעך, ווען מיר וועלן דערמאָנען, אַז די פאָלקסציילונג פון 1869 איז געווען די ערשטע ציווילע פאָלקסציילונג און זי איז פאָרגעקומען ס'ה צוויי יאָר נאָך דעם, ווי ס'איז אָפּגעשאַפן געוואָרן די ייִדישע רעכטלאָזיקייט אין עסטרייך און די ייִדן, נאָך דער ביטערער ערפאַרונג פון 1848 יאָר, האָבן נאָך נישט געקענט רעכענען פאַר זיכער זייער נייע גלייכבארעכטיקטע לאַגע צווישן די עסטרייכישע בירגער, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין 1867 יאָר, און האָבן דעריבער נישט געקענט נאָך פילן קיין באַזונדערן צוטרוי אַפילו צו די ציווילע פאָלקסציילונגען. דעריבער טאַקע האָבן זיך די ייִדן געדאַרפט באַציִען צו דער דאָזיקער פאָלקסציילונג ניט קיין סך בעסער איידער צו די פריִער־דיקע מיליטערישע און פיסקאַלע פאָלקסציילונגען, און, אויף וויפיל ס'איז נאָר מעגלעך געווען, האָבן זיי זיך באַמיט צו באַהאַלטן זייער אמתע צאָל פון די ציילער.

וואָס אַמבאַלאַנגט דעם רעלאַטיווען פאַלן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס באַמערקט זיך אין די לעצטע 20 יאָר (1890 — 1910), ערקלערט זיך עס בלויז דערמיט, וואָס די עמיגראַציע פון גאַליציען איז ביי די ייִדן געווען אינם דערמאָנטן פעריאָד אַ גרעסערע, איידער ביי דער נישט־ייִדישער באַפעלקערונג.

אַמשטאַרקסטן האָט זיך די ייִדישע באַפעלקערונג אין גאַליציע רעלאַטיוו פאַרקלענערט אין יאָרצענדליק 1891 — 1900 אויף 0.6 פּראָצענט (פון 11.7 אויף 11.1 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג). אינם יאָרצענדליק 1901 — 1910 איז די רעלאַטיווע פאַרקלענערונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין גאַליציע געווען אַן אומבאַדייטנדע — ס"ה אויף 0.2 פּראָצענט.

צווישן די אַלע געגנטן (קרוינלענדער) פון דער געוועזענער עסטרייכישער אימפּעריע פאַרנעמט גאַליציע דעם ערשטן אָרט לויט דער אַבסאָלוטער צאָל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג און דעם צווייטן אָרט (נאָך בוקאָווינע) לויט דער געדיכטקייט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, ד. ה. לויטן גרייס פונם פּראָצענט־זאַץ, וואָס די ייִדן בילדן לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, ווי דאָס איז צו זען פון דער טאַבעלע נ' 14.

ווי עס ווייזט די דאָזיקע טאַבעלע, האָט נאָך אין 1910 יאָר, נישט קוקנדיק אויף דער גרויסער ייִדישער אויסוואַנדערונג פון גאַליציע קיין אַמעריקע, ווי אויך דער באַדייטנדער ייִדישער איבערוואַנדערונג אין די נייע שטאָטישע ייִדישע צענטערן פון דער געוועזענער עסטרייכישער אימפּעריע — ווין, בוקאָווינע — ווי אויך דער איבערוואַנדערונג קיין אונגאַרן, אין גאַליציע געלעבט 2/3 פון

געגנטן. (קרוינלענדער).	די אבסאָלוטע צאָל יידן לויט די פאָלקסציילונגען פון:					דער פראָצענט פון די יידן [illegible] אלגעמיינער באפעלקערונג לויט די פאָלקסציילונגען:				
	1869	1880	1890	1900	1910	1869	1880	1890	1900	1910
גאליציע	575,918	686,590	772,213	811,371	872,906	10.6	11.5	11.7	11.1	10.9
נידער-עסטרייך	52,350	95,058	128,729	157,278	184,779	2.6	4.8	4.8	5.7	5.2
בוקאָווינע	47,772	67,418	82,717	96,150	102,919	9.3	11.8	12.8	13.2	12.9
בעמען	89,933	94,449	94,479	92,745	85,826	1.7	1.7	1.6	1.5	1.3
מערן	42,899	44,175	45,324	44,255	41,158	2.1	2.1	2.0	1.8	1.6
שלעזיען	6,142	8,580	10,042	11,988	13,442	1.2	1.5	1.7	1.8	1.8
טריעסט און אומגעבונג		4,640	4,708	4,954	5,428		3.2	3.0	2.3	2.4
שטייערמארק		1,782	1,979	2,283	2,895		0.1	0.1	0.2	0.2
טיראָל און פאראָרלבערג		542	737	1,125	1,750		0.1	0.1	0.1	0.2
אָבער-עסטרייך		1,056	1,078	1,280	1,215		0.1	0.1	0.2	0.1
איסטריען	7206	171	229	285	667	0.9	0.1	0.1	0.1	0.2
גערץ און גראַדיסקע		319	331	295	338		0.1	0.1	0.1	0.1
קערנטין		114	164	212	341		0.0	0.1	0.1	0.1
קראַין		96	89	145	146		0.0	0.0	0.0	0.0
דאַלמאַטיע		288	329	334	523		0.1	0.1	0.1	0.1
זאַלצבורג		115	157	199	285		0.1	0.1	0.1	0.1

דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין דער אימפעריע.

די געבראַכטע טאַבעלע איז אָבער אויך אינטערעסאַנט אין אַן אַנדערן פּרט: זי מאָלט אונז די באַוועגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער עסטרייכישער אימפעריע פאַר אַ גאַנץ באַדייטענדן פעריאָד פון 41 יאָר, שוין נאָכדעם, ווי די עסטרייכישע יידן זיינען געוואָרן גלייכבאַרעכטיקטע בירגער און האָבן שוין נישט געוווּסט פון קיין שום רעכטלעכע באַגרענעצונגען אין זייער וווינהייטס- און באַשעפטיקונגס-רעכט. די דאָזיקע באַוועגונג איז אַלזאָ געווען אַ דירעקטער פועל-יוצא פון די ווירטשאַפטלעכע באַדינגונגען אין פרייען שפּיל פון די עקאָנאָמישע כוחות-פאַרהעלטנישן אין זיין אומפאַרהוילטער און ריינער פאָרם.

די דאָזיקע טאַבעלע ווייזט אונז, אַז די צעשפּרייטונגס-שטרעבונג פון די יידישע מאַסן, וואָס איז אַמאָלווירקלעך געווען דער דאָמינירענדער פאַקטאָר אין אונזער געשיכטע, האָט אינם 19 יאָרהונדערט אויפגעהערט צו ווירקן אויף דער באַוועגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער עסטרייכישער אימפעריע.

פון די 16 עסטרייכישע קרוינלענדער זיינען 9 געגנטן כמעט אינגאַנצן ריין פון יידן (שטייערמאַרק, טיראָל און פאָראַרלבערג, אָבער-עסטרייך, איסטריען, גערץ און גראַדיסקאָ, קערנטין, קראַין, דאַלמאַטיע און זאַלצבורג), 4 — בעמען, מעהרן, שלעזיען און טריעסט — האָבן אַ שיטערע יידישע באַפעלקערונג און בלויז 3 — גאַליציע, בוקאָווינע און נידער-עסטרייך (אייגנטלעך בלויז די שטאָט ווין) — האָבן אַ געדיכטע יידישע באַפעלקערונג. כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס די אַלע 9 געגנטן, וואָס האָבן קיין יידישע באַפעלקערונג נישט, האָבן אין משך פון די דערמאָנטע 41 יאָר, לחלוטין נישט אַרויסגעוויזן קיין צוצוונגס-קראַפט בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג פון די עסטרייכישע פּראָווינצן מיט אַ געדיכטער יידישער באַפעלקערונג (אַ צוואַנדערונג אין אייניקע פון זיי פון צענדליקער אָדער הונדערטער יידישע נפשות קען פאַרשטייט זיך אין אַכט נישט גענומען ווערן). אין 1869 יאָר האָבן די אַלע „יידן-ריינע" פּראָווינציעס צוזאַמען מיט טריעסט געציילט 7206 יידישע נפשות און אין 1910 יאָר האָט די יידישע באַפעלקערונג אין די דערמאָנטע געגנטן באַטראָפן 13,588 נפשות. די פאַקטישע פאַרמערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט באַטראָפן 6382 נפשות, אָדער 89 פּראָצענט, דאָס הייסט, אַז די פאַקטישע פאַרמערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען אומגעפער גלייך דער נאַטירלעכער פאַרמערונג.

פון די 4 קרוינלענדער מיט אַ שיטערער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך אין צוויי קרוינלענדער — בעמען און מעהרן — די יידישע באַפעלקערונג אין משך פון די 41 יאָר (1869 — 1910) אַבסאָלוט פאַרקלענערט, אין טריעסט האָט די יידישע באַפעלקערונג געהאַט אַקליינעם פאַקטישן צווווקס (קלענער פונם נאַטירלעכן) און בלויז שלעזיען האָט געהאַט אַן אומבאַדייטנדע

צוציונגס־קראַפט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג, אָבער אויך נאָר אין די ערשטע 31 יאָר (1869 — 1900).

וואָס אמבאַלאַנגט די עסטרייכישע פּראָווינציעס מיט אַ געדיכטער יידישער באַפעלקערונג, האָט זיך אין גאַליציע די יידישע באַפעלקערונג פּאַקטיש פאַרגרעסערט בערך אויף 50 פּראָצענט*) און אין בוקאָווינע האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג פאַרדאָפּלט.

אַ נייער יידישער צענטר איז אַנטשטאַנען אין דער הויפּט־שטאָט פון עסטרייך — אין ווין, וווּ די יידישע באַפעלקערונג איז געוואַקסן אין משך פון 1869 ביז 1900 יאָר אין אַ פיל שטאַרקערער מאָס, ווי די נישט־יידישע באַפעלקערונג. אין 1910 יאָר איז די יידישע קהלה אין ווין געווען איינע פון די גרעסטע יידישע קהלות אין אייראָפּע.

דאָס האָט מען אויך געקענט אַפּריאָרי פאָרויסזען. ווין איז נישט בלויז דער הויפּט פּאָליטישער צענטר פון דער געוועזענער עסטרייכישער אימפּעריע נאָר אויך דער הויפּט־צענטר פארן אַ נ ג ר אָ־, אינטערפעלקערלעכן און געלט־מסחר. אינם דאָזיקן מסחר באַטייליקן זיך די יידן אין אַלע לענדער אין זייער אַ שטאַרקער מאָס און ס'איז דעריבער קיין חידוש נישט, וואָס ווין האָט געהאַט אַזאַ צוציונגס־קראַפט פאַר דער יידישער האַנדלס־בורזשואַזיע.

ווי אַלע אַנדערע הויפּטשטעט איז אָבער אויך ווין דער גרעסטער עסטרייכישער צענטר פון דער באַקליידונגס־אינדוסטריע, אַ ווירטשאַפטלעכער צווייג, וווּ די יידן אין עסטרייך, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער (באַזונדערס מיט אַ מאַסנהאַפטער באַפעלקערונג), פאַרנעמען אַ גאַנץ בכבודיקן אָרט. ווין האָט דעריבער באַקומען אַ שטאַרקע צוציונגס־קראַפט אויך פאַר דער קאַטעגאָריע גאַליצישע יידן, וואָס זיינען באַשעפטיקט אַ ל ס ס ו ח ר י ם און פּראָדוצירער אין דער דאָזיקער בראַנזשע.

---

*) ארויסגייענדיק פון אונזער השערה, אז אין דער ווירקלעכקייט האָט די יידישע באַפעלקערונג אין גאַליציע אין 1869 יאָר באַטראָפן בערך פון 625 — 615 טויזנט נפשות.

III.

די יידן אין מזרח־ און מערב־גאַליציע.

די טאַבעלע ז׳ 18 ווייזט די אַנטוויקלונג פון די באַזונדערע נאַציאָנאַלע גרופּן איןביידע טיילן — מזרח־ און מערב־גאַליציע, לויט די פאָלקסציילונגען פון 1880, 1890, 1900 און 1910 יאָרן.

ווי ס'איז צו זען פון דער דאָזיקער טאַבעלע, בילדן די ביידע טיילן פון גאַליציע — מזרח און מערב — צוויי באַזונדערע פּראָווינצן נישט בלויז אין היסטאָרישן און געאָגראַפישן זין, נאָר אויך לויט זייער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

מערב־גאַליציע איז אַן אויסגעשפּראָכענע פּוילישע פּראָווינץ, ווו די פּאָלאַקן בילדן כמעט 90 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג (גענוי 88.5 פּראָצענט). פון אַלע טיילן פון דער אַמאָליקער פּוילישער מלוכה איז מערב־גאַליציע די ווייניקע, וואָס האָט אַזאַ כמעט ריין־פּוילישן כאַראַקטער. די נ י ש ט ־ פּ ו י ל י ש ע באַפעלקערונג בילדן אין מערב־גאַליציע עטוואָס מער פון 10 פּראָצענט.

די דאָזיקע נישט־פּוילישע באַפעלקערונג באַשטייט פון אַ גאַנץ קליינעם הייפעלע דייטשן, וואָס קענען צוליב זייער אומבאַדייטנדער צאָל קיין שום איינפלוס נישט האָבן אויפן אַרומיקן פּאָליטישן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן און אַ קליינע צאָל רוסינער (העכער 3 פּראָצענט), וועלכע קענען נישט האָבן קיין השפעה אויפן אַרומיקן פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן צוליב זייער עקאָנאָמישער און קולטורעלער שוואַכקייט. דער איינציקער באַדייטנדער נאַציאָנאַלער מיעוט זיינען דאָ די יידן. זיי קומט אויס צו לעבן און קעמפן פאַר זייער קולטורעלן און עקאָנאָמישן קיום אין אַן אויסגעשפּראָכענער פּויליש־נאַציאָנאַלער סביבה.

אַ גאַנץ אַנדער בילד שטעלט מיט זיך פאָר מזרח־גאַליציע. לויטן כאַראַקטער פון דער רוב־באַפעלקערונג, איז עס אַ רוסיניש לאַנד. די רוסינער בילדן דאָ העכער 60 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. אַ חוץ דעם לעבן דאָ נאָך, אַלס נאַציאָנאַלע מיעוטן, פּאָלאַקן, וועלכע בילדן 1|4 חלק פון

מ ע ר ב - ג אַ ל י צ י ע.

נאַציעס (לויטן רעליגיעזן סימן).	אַבסאָלוט 1880	1890	1900	1910	אין פראָצענטן. 1880	1890	1900	1910
יידן . .	169,545	183,311	192.382	213,269	8.02	7.96	7.69	7.92
פּאָלאַקן . .	1,854,348	2,023,892	2,214,450	2,384,289	87.76	88.00	88.51	88.54
רוסינער . .	79,351	82,723	86,043	87,233	3.76	3.62	3.44	3,23
אַנדערע . .	9769	9739	8893	8419	0.46	0.42	0.36	0.31
סה"ך . .	2,113,013	2,299,665	2,501,768	2,693,210	100	100	100	100

מ ז ר ח - ג אַ ל י צ י ע.

נאַציעס (לויט רעליגיזען סימן)	אַבסאָלוט 1880	1890	1900	1910	אין פּראָצענטן. 1880	1890	1900	1910
יידן . .	517,051	585,534	618,801	659,706	13.44	13.60	12.85	12.36
פּאָלאַקן . .	852,629	975,824	1,131,330	1,350,856	22.17	22.65	23.50	25.32
רוסינער . .	2,439,057	2,708,171	3,022,929	3,291,218	63.42	62.86	62.79	61.68
אַנדערע . .	37,157	38,622	41,111	34,397	0.97	0.89	0.86	0.64
סָ"ה . .	3,845,894	4,303,151	4,814,171	5,336,177	100	100	100	100

דער גאַנצער באַפעלקערונג אין העכער 12 פראָצענט יידן*). אַ חוץ דעם, וואָס די נאַציאָנאַלע מיעוטן נאָרנעמען דא אין מזרח-גאַליציען אַ בכבודיקן אָרט הן לויט זייער אבסאָלוטן סכום הן לויט זייער רעלאַטיוון אַנטייל אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג (כמעט 40 פראָצענט), איז די לאַגע פון די נאַציאָנאַלע מיעוטן — בתוכם די יידן אין מזרח-גאַליציע — אַ מער גינציקע שוין דורך דעם אַליין, וואָס זיי — די נאַציאָנאַלע מיעוטן — בילדן די מער קולטורעלע טיילן פון לאַנד, אויף וועלכע די נידעריקע רוסינישע קולטור קען קיין השפעה נישט האָבן.

אַ חוץ דעם זיינען אין מזרח-גאַליציע די נאַציאָנאַלע מיעוטן די הויפט-איינוווינער פון די שטעט. אין זייערע הענט געפינען זיך די הויפט עקאָנאָמישע און קולטורעלע צענטרן פון מזרח-גאַליציע, וואָס פאַרשטאַרקט די קולטורעלע און פאָליטישע פּאָזיציעס פון די נאַציאָנאַלע מיעוטן אין דער דאָזיקער רוסינישער פּראָווינץ.

מזרח-גאַליציע איז אַ נאַציאָנאַליטעטן-פּראָווינץ און דעריבער איז דאָ פיל גינציקער די לאַגע פונעם יידישן קולטורעלן מיעוט, באַזונדערס אויפן געביט פון קולטורעלער אַנטוויקלונג.

די יידישע באַפעלקערונג איז נישט גלייכמעסיק פאַרטיילט צווישן די דאָזיקע ביידע גאַליצישע פּראָווינצן. אינם פּוילישן טייל (מערב-גאַליציען) האָבן אין 1910 יאָר געלעבט 213,269 יידישע נפשות, וואָס האָבן געבילדעט 7.9 פּראָצ. פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. אין דער רוסינישער טייל (מזרח-גאַליציען) איז אין 1910 יאָר געווען 659,706 יידישע נפשות, וואָס האָבן געבילדעט 12.3 פּראָצ. פון דער גאַצער באַפעלקערונג. דער פּראָצענט פון די יידן איז אַלזאָ אויף בערך 1½ שטאַרקער אין מזרח-גאַליציע איידער אין מערבדיקן טייל.

וואָס אַמבאַלאַנגט דער רעלאַטיווער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די דאָזיקע טיילן באַמערקט זיך פאָלגענדעס: אין משך פון די 30 יאָר איז דער פּראָצענט פון די יידן געבליבן אין מערב-גאַליציע איינער און דער זעלבער (אַן ענדערונג אין משך פון 30 יאָר פון 0.1 פּראָצענט, קען פאַרשטייט זיך אין באַטראַכט נישט גענומען ווערן).

נאָך די באַזונדערע יאָרצענדליקן, איז צו באַמערקן אייניקע באַדייטנדע זיגזאַגן אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מערב-גאַליציע. אין משך פון 1880 האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג אין מערב-גאַליציע אומ-

*) די דייטשן און אַנדערע נאַציעס, צוליב זייער אומבאַדייטנדער צאָל, שפּילן קיין שום ראָלע נישט אינם פּאָליטישן און קולטורעלן לעבן פון גאַליציע און זיי דאַרפן דעריבער אין באַטראַכט נישט גענומען ווערן.

אויפהערלעך פאַרקלענערט (פון 8.02 אויף 7.69), פאַרקערט אין משך פונם לעצטן יאָרצענדליק האָט זיך ווידער די ייִדישע באַפעלקערונג רעלאַטיוו פאַרגרעסערט פון 7.69 אויף 7.92 פּראָצענט.

אינם רוסינישן טייל — מזרח־גאַליציע — האָט זיך די ייִדישע באַפעלקערונג אין משך פון די דאָזיקע 30 יאָר רעלאַטיוו פאַרקלענערט פון 13.4 אויף 12.4, דערביי האָט דאָ די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אַרויס־געוויזן פאָלגדיקן זיגזאַג: אינם ערשטן יאָרצענדליק (1880 — 1890) האָט זיך די ייִדישע באַפעלקערונג פאַרגרעסערט (פון 13.4 אויף 13.6), אין משך־זשע פון די לעצטע 20 יאָר (1890 — 1910), האָט זיך די ייִדישע באַפעלקערונג רעלאַטיוו פאַרקלענערט (פון 13.6 אויף 12.4). דערביי אָבער איז אַמשטאַרקסטן רעלאַטיוו געפאַלן די ייִדישע באַפעלקערונג אין יאָרצענדליק 1890 — 1900 (פון 13.6 אויף 12.8) און אינם לעצטן יאָרצענדליק איז שוין דער דאָזיקער פּראָצעס — די רעלאַטיווע פאַרקלענערונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג — עטוואָס אָפּגע־שוואַכט געוואָרן. אַזוי, אַז, אויף וויפיל מ'קען משפּטן לויט דער אויבנגעבראַכטער טאַבעלע, איז דער דאָזיק'ער פּראָצעס — דאָס רעלאַטיווע פאַלן פון דער ייִדי־שער באַפעלקערונג אין מזרח־גאַליציע, בלויז אַ צייטווייליקע ערשיינונג, ווי דאָס איז אויך געווען דער פאַל מיט דער רעלאַטיווער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין מערב־גאַליציע.

זייער וויכטיק איז צו פאַרגלייכן די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער באַ־פעלקערונג מיט דער אַנטוויקלונג פון די איבעריקע נאַציאָנאַלע גרופּעס אין גאַליציע.

קודם כל די פּוילישע מערב־גאַליציע.

מיר האָבן באַוויזן, אַז די רוסינער בילדן אַן אומבאַדייטנדן מיעוט אין מערב־גאַליציע. דאָ ווילן מיר בלויז צוגעבן, אַז פון יאָרצענדליק צו יאָרצענ־דליק פאַרקלענערט זיך דער פּראָצענטועלער אַנטייל פון די רוסינער אין מערב־גאַליציע און אין משך פון די 30 יאָר, האָט זיך זייער פּראָצענט־זאַץ דאָ פאַר־קלענערט פון 3.76 ביז 3.23 פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

דאָס איז אויך געווען דער גורל פון אַלע איבעריקע קליינע נאַציאָנאַלע גרופּעס, אַ חוץ די ייִדן. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, האָט זיך אין משך פון די דרייסיק יאָר (1881 — 1910) רעלאַטיוו די פּוילישע באַפעלקערונג פאַר־גרעסערט פון 87.76 אויף 88.54 פּראָצענט, און די דאָזיקע עכט־פּוילישע פּראָווינץ, ווייזט אויף אַזאַ אופן אַרויס אַ טענדענץ נאָך מער פאַרפּויליש צו ווערן.

די אַנטוויקלונג פון די דריי הויפּט־פעלקער אין מזרח־גאַליציע קומט פאָר אויף פאָלגענדן אופן:

די רוסינישע באַפעלקערונג פאַרקלענערט זיך רעלאַטיוו פון יאָרצענדליק צו יאָרצענדליק און אין משך פון די דרייסיק יאָר (1881 — 1910) איז דער פּראָצענט פון די רוסינער אין מזרח-גאַליציע געפאַלן פון 63.72 אויף 61.68. דערביי איז די דאָזיקע פאַרקלענערונג פון דער רוסינער באַפעלקערונג אַ כסדרדיקע, אומאונטערבראָכענע אין משך פון דער גאַנצער צייט. אַמשטאַרקסטן איז געווען די רעלאַטיווע פאַרקלענערונג פון דער רוסינישער באַפעלקערונג גראָד אינם לעצטן יאָרצענדליק פון אונזער אונטערזוכונג (1901 — 1910), בעת דער פּראָצענט פון די רוסינער איז געפאַלן פון 62.79 אויף 61.68 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

אין דעם פּרט איז די רעלאַטיווע אַנטוויקלונג פון די רוסינער אין מזרח-גאַליציע געווען אַנאַלאָגיש מיט דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער דאָזיקער פּראָווינץ, באַזונדערס אין משך פון די לעצטע צוויי יאָרצענדליקער (1891 — 1910)

אין דער זעלבע צייט, אָבער, שטייגט אין מזרח-גאַליציע רעלאַטיוו די פּוילישע באַפעלקערונג און דערביי אומאונטערבראָכן אין משך פון אַלע דריי יאָרצענדליקן. אין משך פון דעם גאַנצן אונטערזוכטן פּעריאָד האָט זיך דער פּראָצ. פון די פּאָלאַקן אין מזרח-גאַליציע פאַרגרעסערט פון 22.17 אויף 25.32 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. דערביי איז אַמשטאַרקסטן געווען דער רעלאַטיווער וווקס פון דער פּוילישער באַפעלקערונג אין מזרח-גאַליציע אינם יאָרצענדליק 1901 — 1910, בעת דער פּראָצענט פון די פּאָלאַקן האָט דאָ געשטיגן כמעט אויף 2 פּראָצענט — פון 23.50 אויף 25.32 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

נאָך בולטער וועט זיך דער דאָזיקער פּראָצעס אַרויסווייזן, ווען מיר וועלן פאַרגלייכן דעם פאַקטישן צוּוווקס פון די דריי הויפּט-פעלקער יידן, פּאָלאַקן און רוסינער — באַזונדער אין די ביידע טיילן — מזרח און מערב-גאַליציע.

דער פאַקטישער צוּוווקס איז געווען ביי די:

אין די יאָרצענדליקער.	יידן.	פּאָלאַקן.	רוסינער.
מ ע ר ב - ג אַ ל י צ י ע.			
1881 — 1890	8.1	9.2	4.3
1891 — 1900	4.9	9.5	4.0
1901 — 1910	10.9	7.7	1.4

אין די יאָרצענדליקער.	יידן.	פּאָלאַקן.	רוסינער.
מזרח-גאַליציע			
1881 — 1890	13.2	14.5	11.0
1891 — 1900	5.7	15.9	11.7
1901 — 1910	6.4	19.4	8.8

אין מערב-גאַליציע האָבן אַלע דריי הויפּט-פעלקער — יידן, פּאָלאַקן און רוסינער — געהאַט אין משך פון אַלע דריי יאָרצענדליקער (1881 — 1910) אַ קליינעם פּאַקטישן צוּוואוקס, באַדייטנד קלענער, איידער דער נאַטירלעכער צוּוואוקס.

דעם קלענסטן פּאַקטישן צוּוואוקס האָבן געגעבן די רוסינער. באַזונדערס אומבאַדייטנד איז געווען דער פאַקטישער צוּוואוקס פון די רוסינער אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) און האָט דערגרייכט בלויז 1.4 פּראָצענט, דאָס הייסט, אַז כּמעט די גאַנצע נאַטירלעכע פאַרמערונג פון די רוסינער אין מערב-גאַליציע האָבן געמוזט פון דאַנען אויסוואַנדערן.

דער גרעסטער פאַקטישער צוּוואוקס אין משך פון די ערשטע צוואָנציק יאָר (1881 — 1900) איז געווען ביי די פּאָלאַקן (9.2 און 9.5 פּראָצענט). אינם לעצטן יאָרצענדליק האָט זיך דער פּאַקטישער צוּוואוקס פון די פּאָלאַקן אין מערב-גאַליציע פאַרקלענערט אויף 7.7 פּראָצענט.

וואָס אַמבאַלאַנגט די יידן, האָבן זיי אינם ערשטן יאָרצענדליק (1881 — 1890) געהאַט אַ פאַקטישן צוּוואוקס פון 8.1 פּראָצענט, נישט פיל קלענער איידער דער פּאַקטישער צוּוואוקס פונם הערשענדן פאָלק — די פּאָלאַקן (9.2 פּראָצענט). דעם צווייטן יאָרצענדליק (1891 — 1900) האָט זיך דער פּאַקטישער צוּוואוקס פון די יידן אין מערב-גאַליציע פ אַ ר ק ל ע נ ע ר ט א ו י ף 4.9 פּראָצענט, בעת ביי די פּאָלאַקן האָט זיך דער פּאַקטישער צוּוואוקס אַפילו עטוואָס פאַרגרעסערט, פון 9.2 אויף 9.5 פּראָצענטן.

אינם לעצטן יאָרצענדליק האָט זיך ווידער דער פּאַקטישער צוּוואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַרגרעסערט און דאָס מאָל זייער שטאַרק און האָט דערגרייכט 10.9 פּראָצענט, בעת דער צוּוואוקס פון דער פוילישער באַפעלקערונג איז געפאַלן פון 9.5 אויף 7.7 פּראָצענט, און די רוסינער האָבן כּמעט אינגאַנצן פאַרלוירן זייער נאַטירלעכן צוּוואוקס.

אין אַלגעמיין איז אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) דער פּאַק-

טישער צוווּקס פוּן דער ייִדישער באַפעלקערונג אין מערב-גאַליציע געווען גרעסער, איידער ביי דער רוב-באַפעלקערונג — ביי די פאַלאַקן.

אַ גאַנץ אַנדער בילד שטעלט מיט זיך פאָר אין דעם כּרט מזרח-גאַליציע. אמשוואַכסטן האָבן זיך דאָ אַנטוויקלט גראָד די ייִדן. דער פאַקטישער צוווּקס פוּן די רוסינער איז געווען אין די לעצטע 20 יאָר באַדייטנד שטאַרקער איידער ביי די ייִדן. דערביי דאַרף מען אָבער באַמערקן פאָלגענדיקס:

דאָס שטאַרקסטע פאַלן פוּנם פאַקטישן צוווּקס פוּן דער ייִדישער באַפעלקערונג איז פאָרגעקומען אין יאָרצענדליק 1891 — 1900 (5.7 פראָצ.) און אין יאָרצענדליק 1901 — 1910 האָט זיך שוין אין דעם פרי ט די לאַגע פאַרבעסערט און דער פאַקטישער צוווּקס האָט זיך אויפגעהויבן אויף 6.4 פראָצ., בעת ביי די רוסינער איז דער עיקר פאַלן פאָרגעקומען ערשט אינם לעצטן יאָרצענדליק און ווי מיר וועלן שפּעטער זען, ערקלערט זיך עס דערמיט, וואָס די רוסינישע עמיגראַציע פוּן מזרח-גאַליציע האָט זיך אָנגעהויבן שפּעטער, איידער די ייִדישע. ס'איז דעריבער דאָ אַ גרונט משער צו זיין, אַז דער לויפנדער יאָרצענדליק, ווען דאָס נאָרמאַלע לעבן פוּן גאַליציע וואָלט נישט איבערגעריסן געוואָרן דורך דער וועלט-מלחמה, וואָלט אין די פאַרהעלטנישן צווישן דעם פאַקטישן צוווּקס פוּן די ייִדן און רוסינער אין מזרח-גאַליציע פאָרגעקומען אַן ענדערונג לטובת די ייִדן.

אַ גאַנץ באַזונדער אָרט צווישן די פעלקער פוּן מזרח-גאַליציע פאַרנעמען די פאָלאַקן. זיי זיינען דאָס איינציקע פאָלק, וואָס האָט אין משך פוּן די גאַנצע דרייסיק יאָר געהאַט אַ פאַקטישן צוווּקס גרעסער איידער דער נאַטירלעכער, באַזונדערס אינם לעצטן יאָרצענדלינק (1901 — 1910), דאָס הייסט, אַז די פאָלאַקן האָבן נישט נאָר נישט גענומען קיין אַנטייל אין דער אויסוואַנדערונג פוּן מזרח-גאַליציען, נאָר האָבן דאָ נאָך געהאַט אַ צוּוואַנדערונג און אַ דאַנק דעם. איז דער פּראָצענט פוּן די פאָלאַקן געשטיגן אין מזרח גאַליציע אין משך פוּן די דרייסיק יאָר (1881 — 1910) פוּן 22.17 אויף 25.32 פּראָצענט פוּן דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

IV.

די באַוועגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אויף דער אַנטוויקלונג פון דער באַפעלקערונג ווירקן דריי פאַקטאָרן: 1) די פאַרהעלטעניש צווישן טויט-פאַלן און געבורטן — נאַטירלעכער צוּוואוקס, 2) די איינוואַנדערונג און 3) די אויסוואַנדערונג. דעריבער איידער מיר ווען צוטרעטן צו דער אויספאָרשונג פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די ביידע טיילן פון גאַליציע, ווי אויך אין באַזונדערע פאָליטישע באַצירקן און פאַרשיידענע טיפּן פון וווינונגס-פּלעצער (שטעט, שטעטלעך און דערפער) — רעכענען מיר פאַר נייטיק פעסטצושטעלן די ווירקונג פון די אויבנדערמאַנטע פאַקטאָרן אויף דער באַוועגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע אין אַלגעמיין.

אַ) נאַטירלעכע באַוועגונג.

קיין גענויע אויספאָרשונגען וועגן דער נאַטירלעכער באַוועגונג פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע גרופּעס אין עסטרייך האָבן מיר ליידער נישט, ווייל די אָפיציעלע מלוכה-סטאַטיסטיק באַאַרבעט די מאַטעריאַלן וועגן דער נאַטירלעכער באַוועגונג — געבורטן און טויט-פאַלן בלויז אין אַלגעמיין, נאָך די פּראָווינציעס נאָך. דאָך פאַרמאָגן מיר אייניקע מאַטעריאַלן — אמת נישט גאָר קיין גענויע, וואָס גיבן אונז אַ מער אָדער ווייניקער ריכטיקן באַגריף וועגן דער נאַטירלעכער באַוועגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע.

לויט די בערכדיקע אויסרעכנונגען פון פּראָפ. ט. פּילאַט, האָט באַטראָפן דער נאַטירלעכער צוּוואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע אין יאָרצענדליק 1881 — 1890 17.3 פּראָצענט און אין יאָרצענדליק 1891 — 1900 19.6 פּראָצענט.

פאַר די לעצטע 10 יאָר (1901 — 1910) האָבן מיר שוין מער גענויע מאַטעריאַלן, אויפן סמך פון וועלכע מיר קאָנען מיט אַ מער אָדער ווייניקער גענויקייט אויסרעכענען דעם נאַטירלעכן צוּוואוקס פון גאַליציע, באַזונדערס נאָך די אמונות באַך.

אין די יאָרן: 1901, 1902, 1904 און 1907 האָט די אָפיציעלע עסטרייכישע סטאַטיסטיק באַאַרבעט די מאַטעריאַלן וועגן די געבוירענע און טויט-פאַלן אויך לויט די אמונות. אויפן סמך פון די דאָזיקע מאַטעריאַלן האָבן מיר אויסגערעכנט, אַז דער נאַטירלעכער צוּוואוקס האָט דערגרייכט אין משך פונם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) ביי די:

יידן	147,600	אָדער	18.2 פּראָצענט.
פּאָלאַקן	544,750	„	16.3 „
רוסינער	493,810	„	15.9 „

אין אַלגעמיין איז צו זען, אַז דער נאַטירלעכער צוּוואוקס איז ביי די יידן העכער אײדער ביי די איבריקע צוויי הויפּטפעלקער (פּאָלאַקן און רוסינער) פון גאַליציע, און ווען דער נאַטירלעכער צוּוואוקס וואָלט געווען דער איינציקער ווירקנדער פאַקטאָר אויף דער באַוועגונג פון דער באַפעלקערונג פון גאַליציע, אַזוי וואָלטן מיר געהאַט פאַר זיך אַן אוממאויפהערלעכן רעלאַטיוון וווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער דאָזיקער פּראָווינץ.

ב) איינוואַנדערונג.

אַ דאַנק דער אינדוסטריעלער אָפּגעשטאַנענקייט, פאַרמאָגט גאַליציע נישט קיין צוציונגס-קראַפט פאַר אַ צוּוואַנדערונג הן פון אַנדערע טיילן פון עסטרייך הן פון אויסלאַנד. און די איינוואַנדערונג קיין גאַליציע איז אַ זייער אומבאַדייטנדע.

ס"ה האָט באַטראָפן די צאָל איינגעוואַנדערטע אין גאַליציע אין:

	1900		1910	
פון אַנדערע עסטרייכישע				
פּראָווינצן	51,011	נפשות	51,929	נפשות
פון אונגאַרן, באָסניע				
און הערצעגאָווינע	6590	„	8557	„
פון אויסלאַנד	24,646	„	36,581	„
ס"ה	82,247	נפשות	97,067	נפשות.

נישט בלויז בנוגע צו דער אויסלענדישער צוּוואַנדערונג, נאָר אַפילו אין באַציג צו דער איבעריינקסטער איבערוואַנדערונג פון אַנדערע עסטרייכישע

פּראָווינצן, מיט וועלכע גאַליציע געפינט זיך אין ענגע געשעפטס-פאַרבינדונגען, האָט גאַליציע אַרויסגעוויזן אַ זייער שוואַכע צוציִונגס-קראַפט. בס"ה זיינען דאָ אין 1910 יאָר געווען אַ זעלכע פערזאָנען בערך פון 52,000 נפשות (גענוי 51,929).

באַזונדערס אומבאַדייטנד איז די דאָזיקע צאָל אין פאַרגלייך מיט דער גרויסע מאַסע אויסוואַנדערער, וואָס גאַליציע גיט אין די איבעריקע פּראָווינצן פון עסטרייך, ווי אויך אין אונגאַרן.

פון די אויבנגעבראַכטע ציפער איז צו זען, אַז די אויסלענדישע און אינלענדישע צוואַנדערונג אין גאַליציע פאַרן לעצטן (1901 — 1910) יאָרצענדליק האָט באַטראָפן:

פון אַנדערע עסטרייכישע		
פּראָווינצן	918	נפשות
פון אונגאַרן, באָסניע		
און הערצאָגאָווינע	2033	„
פון אויסלאַנד	11,935	„
ס"ה	14,886	נפשות.

ווי ס'איז צו זען פון דער געבראַכטער טאַבעלע איז באַזונדערס קליין געווען די צוציִונגס-קראַפט פון גאַליציע פאַר דער אינעווייניקסטער איבערוואַנדערונג אינם לעצטן יאָרצענדליק.

אומבאַדייטנד קליין איז געווען די אויסלענדישע צוואַנדערונג (11,935), באַזונדערס, ווען מ'נעמט אין אַכט, אַז גאַליציע איז געווען דער טראַנזיטס-פונקט פאַר דער גרויסער אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד, ווו ס'האָבן געדאַרפט געפינען אַ צייטווייליקע מקום-מנוחה אַ טייל פון דער רוסישער אויסוואַנדערער-מאַסע. בפרט נאָך, אַז אינם לעצטן יאָרצענדליק האָט די רוסישע אויסוואַנדערונג געטראָגן, אַ דאַנק די פּאָגראָמען, רעוואָלוציאָנערע אונרוען און מלחמה פון 1914 — 1916 יאָרן, אַ בהלה-כאַראַקטער און די צאָל אַזוי-גערופענע אַפרו-עמיגראַנטן האָט געדאַרפט זיין אין די טראַנזיט-לענדער זייער גרויס.

די גאַנצע צוואַנדערונג קיין גאַליציע אינם משך פון די 10 יאָר (1901 — 1910) האָט באַטראָפן קנאַפּע 15 טויזנט נפשות. אַלזאָ, אַן אומבאַדייטנדע צאָל, וואָס קאָן נישט ווירקן אויף די רעזולטאַטן פון דער באַוועגונג פון דער באַפעלקערונג. מיר האָבן לײדער נישט קיין מעגלעכקייט פעסטצושטעלן גענוי דעם אַנטייל פון פאַרשיידענע נאַציעס אין דער גאַליצישער אימיגראַציע. איינס אָבער איז קלאָר: דער גרעסטער טייל פון די צוגעוואַנדערטע איז געקומען פון רוסלאַנד, וואָס האָט אינם דערמאָנטן יאָרצענדליק איבערגעלעבט אַ רעוואָלוציע, מלחמה און פּאָגראָמען. אויב די לעצטע האָבן געדאַרפט ברענגען אין גאַליציע א באַדייטנדע צאָל יידן, האָבן די ערשטע צוויי פאַקטאָרן געדאַרפט מיטווירקן

נישט אין קיין קלענערע מאָס דער איינוואַנדערונג פון פוילישע עלעמענטן קיין גאַליציע.

ג) די אויסוואַנדערונג.

אין די לעצטע דרייסיק יאָר (1881 — 1910) שפּילט די אויסוואַנדערונג איינע פון די גרעסטע ראָלעס אין דער אַנטוויקלונג פון דער גאַליצישער באַפעלקערונג בכלל און יידישער בפרט. ליידער האָבן מיר נישט קיין גענויע ידיעות פון דער דאָזיקער זייער וויכטיקער ערשיינונג אינם לעבן פון גאַליציע, ווייל די עסטרייכישע רעגירונג האָט נישט געפירט קיין שום רעגיסטראַציע פון דער אויסוואַנדערונג. די גרויס פון דער אויסוואַנדערונג פון גאַליציע קאָן מען דעריבער מיט מער אָדער ווייניקער גענויקייט פעסטשטעלן בלויז דורך דעם פאַרגלייכן די צאָל, וואָס וואָלט זיך געדאַרפט באַקומען, ווען דער גאַנצער נאַטירלעכער צוּוואוקס וואָלט געבליבן אין לאַנד, מיט דער צאָל, וואָס איז געווען איןווירקלעכקייט אין די מאָמענטן פון די פאָלקסציילונגען. דער חילוק צווישן די ביידע צאָלן וועט בילדן די אויסוואַנדערונג.

לויט דער דאָזיקער אויסרעכענונג האָט באַטראָפן די עמיגראַציע פון גאַליציע אין די:

יאָרצענדליקן.	בס״ה	דאַרונטער יידן.	דער פּראָצ. פון די יידן אין דער אלגעמ. עמיגראַציע.
1881 — 1890	61,421	36,660	59.7
1891 — 1900	302,826	114,000	37.6
1901 — 1910	488,416	85,844	18.0
1881 — 1910	852,663	236,504	27.7

זעלבספאַרשטענדלעך זיינען די דאָזיקע אויסרעכענונגען בערכדיקע, ווייל, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, איז אין עסטרייך נישטאָ קיין גענויע רעגיסטראַציע פון דער אויסוואַנדערונג, ווי אויך פון דער נאַטירלעכער באַוועגונג (טויט-פאַלן און געבורטן) פון די באַזונדערע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע קערפּערשאַפטן, וואָס וווינען אין דער עסטרייכישער אימפּעריע. אָבער ערגער פון אַלץ האַלט עס מיט דער אויסרעכענונג פון דער יידישער עמיגראַציע פון גאַליציע אין משך פונם ערשטן יאָרצענדליק (1881 — 1890), ווייל זי איז אויסגערעכנט געוואָרן דורך דר״ בוזעק בלויז אויפן כמך פון די ידיעות וועגן

דער נאַטירלעכער באַוועגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג פון גאַליציע בלויז פון איין־איינציק יאָר (פון 1882 יאָר), וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן פון דער עסטרייכישער רעגירונג.*) פאַרשטייט זיך, אַז די צאָל פון דער יידישער אויסוואַנדערונג, וואָס מיר האָבן באַקומען אויפן סמך פון די אויבנדערמאָנטע אויסרעכענונגען, אַנטשפּרעכן בלויז אין אַ געוויסן גראַד דער ווירקלעכקייט. עטוואָס בעסער איז עס מיט די אויסרעכענונגען פון דער אויסוואַנדערונג פון גאַליציע נאָך די באַזונדערע נאַציעס אין משך פון שפּעטערדיקע 2 יאָרצענדליקן, ווייל אין דעם דאָזיקן פּעריאָד האָבן מיר שוין פאַרהעלטניסמעסיק מער ידיעות וועגן דער נאַטירלעכער באַוועגונג פון די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּעס אין עסטרייך.

לויט דער אויבנדערמאָנטער טאַבעלע איז צו זען, אַז דעם העכסטן גראַד האָט די יידישע עמיגראַציע פון גאַליציע דערגרייכט אין יאָרצענדליק 1891 — 1900, ווען די אַבסאָלוטע צאָל פון דער יידישער עמיגראַציע האָט באַטראָפן בערך 114 טויזנט נפשות און האָט זיך אַבסאָלוט פאַרגרעסערט אין פאַרגלייך מיטן פאָריקן יאָרצענדליק (1881 — 1890) מער אַלס אין דריי מאָל. אָבער שוין אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) איז די יידישע עמיגראַציע פון גאַליציע געפאַלן אויף 85,844 נפשות, אַבסאָלוט זיך פאַרקלענערט אויף 28,136 נפשות.

וואָס איז נוגע צום רעלאַטיוועם אַנטייל פון די יידן אין דער עמיגראַציע פון גאַליציע איז צו באַמערקן פאָלגענדעס: אינם ערשטן יאָרצענדליק האָבן די יידן געבילדעט כמעט 60 פּראָצענט פון אַלע גאַליצישע עמיגראַנטן, דאָס הייסט, אַז די יידן האָבן כמעט 5 מאָל שטאַרקער עמיגרירט איידער די נישט־יידן. אין צווייטן יאָרצענדליק (1891 — 1900), ווען די יידישע אויסוואַנדערונג האָט זיך אַ ב ס אָ ל ו ט פאַרגרעסערט, איז זי דאָך רעלאַטיוו געפאַלן פון 59.68 אויף 37.64 פּראָצענט פון דער גאַנצער עמיגראַציע, אַ דאַנק דעם, וואָס די נישט יידישע אויסוואַנדערונג איז געוואַקסן אין משך פונם דערמאָנטן פּעריאָד נאָך אין אַ גרעסערע מאָס. אין לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910), ווען די יידישע עמיגראַציע האָט זיך אַבסאָלוט פאַרקלענערט, איז רעלאַטיוו געפאַלן פון 37.6 אויף 18 פּראָצענט פון דער גאַנצער אויסוואַנדערונג.

שוין פונם ערשטן בליק אויף דער טאַבעלע וועגן דער רעלאַטיווער אַנטוויקלונג פון דער יידישער אויסוואַנדערונג פון גאַליציע איז צו זען, אַז זי ווייזט אַרויס אַן אויסגעשפּראָכענע טענדענץ צו רעלאַטיווער פאַרקלענערונג, דאָס באַדייט, אַז די יידישע אויסוואַנדערונג פון גאַליציע האָט שוין איבערגעלעבט איר קריזיס, און ביי אַ ווייטערדיקער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון גאַליציע, וואָלט

*) Statistische Monatschrift Bd. IX (1883) S. 546

די ייִדישע באַפעלקערונג דערגרייכט אומגעפער איר נאָרמאַלן קאַפּיצענט פון אויסוואַנדערונג.

די זעלבע טאַבעלע ווייזט אָבער אויך אַ צווייטע זאַך: די ייִדן אין גאַליציע זיינען געווען די פּיאָנערן פון דער גאַליצישער אויסוואַנדערונג, זיי האָבן, אַזוי צו זאָגן, די ערשטע אויסגעטראָטן דעם וועג פאַר דער אויסלענדישער עמיגראַציע און נאָך זיי ערשט זיינען געקומען די איבעריקע פעלקער פון גאַליציע.

זייער אינטערעסאַנט איז צו פאַרגלייכן די ייִדישע אויסוואַנדערונג פון גאַליציע נישט בלויז מיט דער אַלגעמיינער עמיגראַציע, נאָר באַזונדער מיט דער אויסוואַנדערונג פון די פּאָלאַקן און רוסינער.

אין משך פון די צוויי יאָרצענדליקן (1891 — 1910) האָט די אויסוואַנדערונג באַטראָפן:

נאַציעס.	1891 — 1900	1901 — 1910	ס'האָט זיך פאַרגרעסערט (+) אָדער פאַרקלענערט (—)
ביי די פּאָלאַקן . . .	108,000	155,384	+ 47,384
" " רוסינער . . .	76,000	224,331	+ 148,331
" " ייִדן . . .	114,000	85,844	— 28,156

מיר זעען אַלזאָ, אַז סיי ביי די פּאָלאַקן, סיי ביי די רוסינער איז די אויסוואַנדערונג אינם לעצטן יאָרצענדליק (1891 — 1910) געווען באַדייטנד גרעסער איידער אין פריערדיקן יאָרצענדליק (1891 — 1900), און נאָר די ייִדן בילדן אין דעם פּרט אַ איינציקע אויסנאַמע. מ'דאַרף אָבער אויך באַמערקן, אַז אַ גאַנץ טעמפּאָ און כאַראַקטער פון דער אַנטוויקלונג פון דער אויסוואַנדערונג באַמערקט זיך אַ שטאַרקער הילוק צווישן די פּאָלאַקן און רוסינער. ביי די ערשטע האָט זיך די עמיגראַציע פאַרשטאַרקט בערך אויף 30 פּראָצענט, ביי די רוסינערישע האָט זיך די אויסוואַנדערונג פאַרגרעסערט כמעט אין דריי מאָל.

וואָס איז די סבה פון דער דאָזיקער ערשיינונג?

אַ גענויע און אויסשעפּנדע תשובה אויף דער דאָזיקער זייער וויכטיקער פראַגע קענען מיר ליידער נישט געבן, מיר זיינען בלויז משער, אַז די סבה דערפון איז דאָס, וואָס די עמיגראַציע אין גאַליציע (און אפשר נישט נאָר אין גאַליציע) האָט זיך אָנגעהויבן קודם כל אין די שטעט און שטעטלעך, און ערשט נאָך זיי האָט זיך אַ ריר-געטאָן דאָס דאָרף. דערפאַר טאַקע זיינען די

ייִדן געווען די פּיאָנערן פון דער גאַליציִשער אויסוואַנדערונג, ווייל זיי זיינען דאָך דער הויפּט־עלעמענט פון די קליינע שטעטלעך און אַפילו אין די דער־פער פאַרנעמען זיי זיך על פּי רוב מיט שטאָטישע פּראָפעסיעס. נאָך זיי גייען די פּאָלאַקן, וואָס זיינען אויך אין אַ באַדייטנדער מאָס פאַרגעשטעלט אין די שטעטלעך מיט זייער קליינעם האַנדל און מלאכה. דערנאָך גיבן די פּאָלאַקן אין פאָריקן יאָרצענדליק (1891 — 1900) אַ שטאַרקערע אויסוואַנדערונג, ווי די רוסינער. ערשט ווען אין דער אויסוואַנדערונג האָט זיך גענומען באַטייליקן אין אַ שטאַרקער פאָרם דאָס דאָרף, ווייזט אַרויס די רוסינער אויסוואַנדערונג אַ שטאַרקן אומשוונג און שטייגט באַדייטנד איבער די פּוילישע, כאָטש זי איז דאָך רעלאַטיוו קלענער איידער די ייִדישע אויסוואַנדערונג.

כדי בולטער צו מאַכן דעם חילוק צווישן אַנטייל פון די ייִדן, רוסינער און פּאָלאַקן אין דער גאַליציִשער עמיגראַציע, וועלן מיר פאַרגלייכן דעם אַנ־טייל פון די דאָזיקע פעלקער אין דער אויסוואַנדערונג אין יאָרצענדליק 1901 — 1910 מיט זייער פּראָצענט אין דער באַפעלקערונג פון גאַליציע.

נאַציעס.	דער פּראָצענט אין דער באַפעלקערונג פון גאַ־ליציע אין 1910 יאָר.	דער פּראָצענט אין דער עמיגראַציע פון גאַליציע אין יאָרצענדליק 1901 — 1910
פּאָלאַקן	46.52	32.52
רוסינער	42.08	46.95
ייִדן	10.87	17.96

נישט קוקנדיק אויף דעם וואָס די פּוילישע אויסוואַנדערונג האָט זיך פאַרגרעסערט אויך אינם לעצטן יאָרצענדליק, דאָך האָבן זיי זיך נאָך אַלץ באַטייליקט אין דער אויסוואַנדערונג אין אַ קלענערער פּראָפּאָרציע איידער די, וואָס זיי בילדן אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון גאַליציע. פאַרקערט, די רוסינער האָבן זיך באַטייליקט אין דער אויסוואַנדערונג עטוואָס שטאַרקער, איידער זייער אַנטייל אין דער באַפעלקערונג פון גאַליציע (42 געגן 47).

וואָס אַמבאַלאַנגט די ייִדן, איז זייער אַנטייל אין דער אויסוואַנדערונג אין העכער ווי אַנדערטהאַלבן מאָל שטאַרקער, איידער זייער אַנטייל אין דער באַ־פעלקערונג פון גאַליציע.

ס'האָבן עמיגרירט אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) פון יעדע 10,000 נפשות:

ביי די ייִדן 95

" " רוסינער 620
" " פוילן 399

מ׳דאַרף אָבער דערביי געדענקען, אַז בעת דער פּוילישער און רוסינישער אויסוואַנדערונג, פּאַרלאָזן אינגאַנצן די גרעניצן פון עסטרייך, איז אַ באַדייטנדער טייל פון דער יידישער אויסוואַנדערונג פאַרבליבן אין ווין, וועלכע האָט ביזן לעצטן מאָמענט נישט פאַרלוירן איר צוציִונגס־קראַפט פאַר די יידן פון גאַליציע. די פּאָליטישע באַדייטונג פון דער דאָזיקער ערשיינונג איז קלאָר: די יידישע אויסוואַנדערונג, וואָס באַזעצט זיך אין אַנדערע טיילן פון עסטרייך (אין דעם פאַל אין ווין), גייט נישט פאַרלאָרן אַלס פּאָליטישער פאַקטאָר און פאַרקלענערט נישט דעם פּאָליטישן געוויכט פון דער עסטרייכישער יידנשאַפט, אַלזאָ, אויך פון די גאַליצישע יידן.

זייער וויכטיק איז די פראַגע וועגן דער אַבסאָלוטער און רעלאַטיווער אויסוואַנדערונג פון די יידן באַזונדער פון מזרח און מערב־גאַליציע. פאַרגלייכנדיק דעם פאַקטישן צוּוווּקס מיטן נאַטירלעכן (דער צוּוווּקס, וואָס וואָלט געדאַרפט זיין, ווען די אַלע לעבעדיק־געבוירענע וואָלטן פאַרבליבן אין לאַנד), באַקומען מיר די טאַבעלע ז׳ 32 פון דער אַלגעמיינער און יידישער אויסוואַנדערונג.

אין אַלגעמיין איז מזרח־גאַליציע אין דער צייט פונם ערשטן יאָרצענדליק (1881 — 1890) געווען אַן עמיגראַציאָנס־צענטער. דער פאַקטישער צוּוווּקס פון איר באַפעלקערונג איז געווען העכער איידער דער נאַטירלעכער אויף מער אַלס 20 טויזנט נפשות. אין דער זעלבער צייט, אָבער, האָט די יידישע באַפעלקערונג געגעבן אַן אויסוואַנדערונג, אַן אַמבאַדייטנדע, ווען מ׳זאָל זי פאַרגלייכן מיט דער יידישער אויסוואַנדערונג פון מזרח־גאַליציע פון די שפּעטערדיקע יאָרן, ווי אויך מיט דער יידישער אויסוואַנדערונג פון מערב־גאַליציע פאַרן זעלבן יאָרצענדליק. ס״ה האָט די יידישע אויסוואַנדערונג דאָ באַטראָפן בערך 13 טויזנט נפשות.

נעמען מיר באַזונדער די אַנטוויקלונג בלויז פון דער נ י ש ט ־ י י ד י ש ע ר באַפעלקערונג (און ניט די אַלגעמיינע, וווּהין ס׳ווערן אַריינגערעכנט אויך די יידן), דאַן וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דער פאַקטישער צוּוווּקס אין מזרח־גאַליציע פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג איז געווען גרעסער איידער דער נאַטירלעכער בערך אויף 34 טויזנט נפשות, ד. ה., אַז בערך 34 טויזנט נישט־יידן האָבן אין משך פונם דערמאָנטן יאָרצענדליק (1881 — 1890) איינגעוואַנדערט אין מזרח־גאַליציע, בעת די יידן האָבן געגעבן אַן אויסוואַנדערונג בערך פון 13 טויזנט נפשות.

ווער זיינען געווען די דאָזיקע צוואַנדערער?

יאָרצענדליקער.	מזרח־גאַליציע.			מערב־גאַליציע.		
	אַלגעמיינע עמיגראַציע.	די יידישע עמיגראַציע.		אַלגעמיינע עמיגראַציע.	יידישע עמיגראַציע.	
		אַבסאָלוט.	אין פּראָצענט.		אַבסאָלוט.	אין פּראָצענט.
1890 — 1881	+ 20,539	— 13,039	100	— 82,010	23,571	28.74
1900 — 1891	— 133,610	— 88,300	66.08	— 169,216	25,700	15.19
1910 — 1901	— 265,029	— 71,125	26.74	— 222,387	14,125	6.36
1910 — 1881	— 379,050	— 172,514	45.51	— 473,613	63,316	13.83

אויף דער דאָזיקער העכסט־אינטערעסאַנטער פראַגע באַקומען מיר פאָלגענדע תשובה: דער נאַטירלעכער צוווקס פון גאַנץ גאַליציע האָט, לויט די אויסרעכענונגען פון דער עסטרייכישער סטאַטיסטישער צענטראַל־קאָמיסיע, באַטראָפן אין יאָרצענדליק 1881 — 1890 710,330 נפשות, אָדער 11.4 פּראָצענט. דער פאַקטישער צוווקס פון מזרח־גאַליציע אינם זעלבן יאָרצענדליק האָט באַטראָפן:

פּאָלאַקן	14.5
רוסינער	11.0

מיר זען אַלזאָ, אַז דער פאַקטישער צוווקס פון די רוסינער איז עטוואָס קלענער, איידער דער אַלגעמיינער דורכשניטלעכער נאַטירלעכער צוווקס פון גאַליציע.

נאָר ווי ס'האָבן באַוויזן די אויספאָרשונגען פון דער נאַטירלעכער באַוועגונג פון גאַליציע פאַר די שפּעטערדיקע יאָרצענדליקן, איז דער נאַטירלעכער צוווקס פון די רוסינער (אַ דאַנק זייער גרעסערע שטאַרבלעכקייט) קלענער נישט בלויז איידער ביי די יידן, נאָר אויך איידער ביי די פּאָלאַקן. מיר דאַרפן דעריבער אָננעמען, אַז 11.0 פּראָצענט, דאָס איז אין דער ווירקלעכקייט געווען דער נאַטירלעכער צוווקס פון די רוסינער פאַרן יאָרצענדליק 1881 — 1890, און, אַז אין משך פונם דערמאָנטן פּעריאָד, האָט די רוסינישע באַפעלקערונג נישט גענומען קיין שום אַנטייל (אַלנפאַלס קיין באַדייטנדן אַנטייל) נישט אין דער אויסוואַנדערונג, נישט אין דער איינוואַנדערונג פון גאַליציע, און האָט בלויז אויפגעהאַלטן אין לאַנד איר נאַטירלעכן צוווקס.

דאָס איינציקע פאָלק, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אין מזרח־גאַליציע אין משך פון 1881 — 1890 יאָרן אַ פאַקטישן צוווקס גרעסער איידער זיין נאַטירלעכער צוווקס, זיינען געווען די פּאָלאַקן, און דאָס ערקלערט זיך בלויז דערמיט, וואָס אַהער איז געגאַנגען אַ באַדייטנדע פּוילישע צוואַנדערונג הויפּטזעכלעך (אויב נישט אויסשליסלעך) פון מערב־גאַליציע.

אין צווייטן יאָרצענדליק פאַרגרעסערט זיך שטאַרק די אויסוואַנדערונג פון מזרח־גאַליציע. די יידישע אויסוואַנדערונג פאַרגרעסערט זיך כמעט אויף 7 מאָל. ביי די רוסינער הויבט זיך ערשט אָן אינם דאָזיקן יאָרצענדליק די אויסוואַנדערונג, אָדער זיי פאַרנעמען שוין אַ גאַנץ בכבודיקן פּלאַץ אין דער אַלגעמיינער עמיגראַציע פון מזרח־גאַליציע. דאָס איינציקע פאָלק אין מזרח־גאַליציע, וואָס ווערט נישט פאַרכאַפּט פון דעם אַלגעמיינעם אויסוואַנדערונגס־שטראָם, זיינען, ווי פריער, די פּאָלאַקן. נאָך מער ווי אין פריערדיקן יאָרצענדליק (1881 — 1890) גיבן זיי אין מזרח־גאַליציע אַ פאַקטישן צוווקס (15.9 פּראָצענט), אַ גרעסערן איידער דער נאַטירלעכער (14.8 פּראָצענט), ד. ה., ווי פריער, האָט מזרח־גאַליציע אויך אין 1891 — 1900 געהאַט אַ געוויסע

צוזיונגס־קראַפט פאַר די פּאָלאַקן, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס נישט בלויז די ייִדן, נאָר אויך דאָס מערהייט־פֿאָלק, די רוסינער, האָבן אינם דאָזיקן יאָרצענדליק נישט געקאָנט אַפילו אויפהאַלטן זייער נאַטירלעכן צוווּקס און זייַנען געצוווּנגען געווען צו געבן אַ באַדייטנדע אויסוואַנדערונג.

דאָס זעלבע בילד באַמערקט זיך אויך אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910). אמת, די ייִדישע אויסוואַנדערונג האָט זיך אַבסאָלוט פאַרקלענערט אין מזרח־גאַליציע פון 88,300 אויף 71,125, אַלזאָ, אויף 17,175, אָבער דאָך איז זי נאָך אַלץ געווען זייער גרויס. ביי די רוסינער האָט זיך די אויסוואַנדערונג הן אַבסאָלוט, הן רעלאַטיוו שטאַרק פאַרגרעסערט, אָבער די פּאָלאַקן האָבן, ווי אין די פריערדיקע יאָרצענדליקן, פאָרטגעזעצט זייער פרידלעכע עקאָנאָמישע עראָבערונג פון מזרח־גאַליציע. זייער פאַקטישער צוווּקס האָט דערגרייכט אין מזרח־גאַליציע אינם דאָזיקן יאָרצענדליק (1900 — 1910) 19.4 פּראָצענט, דאַן ווען זייער נאַטירלעכער צוווּקס אין גאַנץ גאַליציע האָט באַטראָפן 16.2 פּראָצענט. די פּוילישע צוואַנדערונג קיין גאַליציע פאַרן יאָרצענדליק 1901 — 1910 האָט באַטראָפן בערך פון 40 טויזנט נפשות.

אַ גאַנץ אַנדער בילד שטעלט מיט זיך פאָר אין דעם פּרט מערב־גאַליציע.

כאָטש אין מערב־גאַליציע וווינט אַ נישט־בערך־קלענערער טייל ייִדן הן אַבסאָלוט, הן רעלאַטיוו איידער אין מזרח־גאַליציע, דאָך איז די ייִדישע אויסוואַנדערונג אין יאָרצענדליק 1881 — 1890 פון דאַנען געווען העכער ווי אַנדערטהאַלבן מאָל שטאַרקער איידער פון מזרח־גאַליציע. אָבער אין דערזעלבער צייט, ווען אין מזרח־גאַליציע זייַנען די ייִדן געווען דאָס איינציקע פאָלק, וואָס האָט אין יאָרצענדליק 1881 — 1890 געגעבן אַן אויסוואַנדערונג, האָבן דאָ אין מזרח־גאַליציע די ייִדן אינם דערמאָנטן פּעריאָד געבילדעט בס״ה 28.7 פּראָצענט פון דער גאַנצער אויסוואַנדערונג. פונדעסטוועגן איז אויך דאָ אין מערב־גאַליציע די ייִדישע אויסוואַנדערונג געווען אין 1881 — 1890 יאָרן רעלאַטיוו אַ סך אַ שטאַרקערע איידער די פּוילישע אויסוואַנדערונג.

אין צווייטן יאָרצענדליק (1891 — 1900) האָט זיך די ייִדישע אויסוואַנדערונג אַבסאָלוט פאַרגרעסערט אויף 2 טויזנט נפשות. אָבער די פּוילישע אויסוואַנדערונג, אינם משך פון דער דאָזיקער צייט, איז געשטיגן אין אַזאַ שטאַרקער מאָס, אַז רעלאַטיוו האָט זיך די ייִדישע עמיגראַציע פון מערב־גאַליציע שטאַרק פאַרקלענערט און איז געפאַלן פון 28.7 אויף 15.2 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער אויסוואַנדערונג.

דער לעצטער יאָרצענדליק (1901 — 1910) איז אייגנטלעך געווען די

קריזיס-צייט פֿון דער ייִדישער אויסוואַנדערונג פֿון מערב-גאַליציע. אין משך פֿונם דאָזיקן יאָרצענדליק האָט זיך די ייִדישע אויסוואַנדערונג אַבסאָלוט שטאַרק פֿאַרקלענערט פֿון 25,700 אויף 14,125 נפשות, בעת אין דער זעלבער צייט האָט די נישט-ייִדישע עמיגראַציע פֿאָרטגעזעצט איר אַבסאָלוטן וווּקס און האָט זיך פֿאַרגרעסערט פֿון 143,516 אויף 208,262 נפשות.

מ'דאַרף אָבער געדענקען, אַז בעת די ייִדישע עמיגראַציע האָט אינגאַנצן פֿאַרלאָזט די גרעניצן פֿון גאַליציע, איז אַ טייל פֿון דער נישט-ייִדישער (פּוילישער) אויסוואַנדערונג אין משך פֿון דער גאַנצער צייט (1881 — 1910) געגאַנגען אין מזרח-גאַליציע און איז, אַזוי צו זאָגן, פֿאַרווענדעט געוואָרן אויף צו פֿאַרשטאַרקן די פּאָליטישע מאַכט און באַדייטונג פֿון די פּאָלאַקן אין מזרח-גאַליציע.

זייער אינטערעסאַנט און באַלערנד איז דער פֿאַקט, וואָס אין משך פֿונעם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) האָבן די ייִדן אין מערב-גאַליציע געבילדעט בס"ה 6.4 פּראָצענט. דאָס הייסט, אַז זיי האָבן זיך באַטייליקט אין דער עמיגראַציע אין אַ קלענערע מאָס, איידער זייער רעלאַטיווער אַנטייל אין דער באַפֿעלקערונג פֿון דער דאָזיקער פּראָווינץ (6.4 אַנטקעגן 7.9 פּראָצענט אין דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג פֿון מערב-גאַליציע). די גאַליצישע סטאַטיסטישע ביוראָ מיינט, אַז די דאָזיקע אַבסאָלוטע און רעלאַטיווע פֿאַרקלענערונג פֿון דער ייִדישער אויסוואַנדערונג פֿון מערב-גאַליציע איז בלויז אַ שיינבאַרע, און אָט פֿאַר וואָס: די פֿאָלקסציילונג פֿון 1910 יאָר האָט פֿאַררעגיסטרירט אין מערב-גאַליציע 22,854 (מיט 8914 מער איידער אין 1900 יאָר) אויסלענדער. אַ גרויסער טייל פֿון די דאָזיקע אויסלענדער איז געקומען קיין גאַליציע אין 1905 יאָר און דעריבער איז דאָ אַ גרונט צו רעכענען, אַז דאָס זיינען אויסשליסלעך ייִדן, וואָס זיינען אַנטלאָפֿן פֿון רוסלאַנד צוליב דער מלחמה און פּאָגראָמען, וואָס זיינען פֿאָרגעקומען אין רוסלאַנד צו יענער צייט. די דאָזיקע ייִדן האָבן אויף אַזאַ אופֿן „פֿאַרשטאָפּט מיט זיך די לעכער, וואָס האָט געמאַכט אין דער ייִדישער באַפֿעלקערונג די אויסוואַנדערונג". אויף דעם סמך פֿון דער דאָזיקער השערה מיינט די גאַליצישע סטאַטיסטישע ביוראָ, אַז די ייִדישע עמיגראַציע פֿון מערב-גאַליציע איז געווען אַלנפֿאַלס נישט קלענער, אָדער נאָך גרעסער איידער אין פֿאָריקן יאָרצענדליק*).

מיר רעכענען, אַז די דאָזיקע השערה איז נישט ריכטיק. קודם כל פֿון דעם, אַז די ייִדישע אויסוואַנדערונג פֿון מערב-גאַליציע איז געווען אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) „אפשר גרעסער" איידער אין פֿאָריקן יאָרצענדליק

---

*) Wiadomości statystyczne o stosunkach krajowych m. XXIV. St. 14 — 15.

(1891 — 1900) קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין. ווען אַפילו מ׳זאָל רעכענען, אַז אַלע 9 טויזנט אויסלענדער, וואָס זיינען געקומען קיין מערב־גאַליציע זיינען יידן, וועט דאָך אויך דעמאָלט די צאָל יידישע אויסוואַנדערונג דערגרייכן בס״ה 23 טויזנט נפשות (9000 + 14000 = 23,000). ס׳איז אָבער קיין שום ספק נישט, אַז די דערמאָנטע אויסלענדער זייגען דוקא על פּי רוב נישט קיין יידן. אין 1904 און 1905 יאָר, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, האָבן צענדליקער טויזנט פּאָלאַקן צוליב דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה פאַרלאָזט דאָס רוסישע פּוילן, און ס׳איז העכסט וואַרשיינלעך, אַז אַ טייל פון זיי האָבן זיך „אָפּגעזעצט" כאָטש צייטווייליק אין מערב־גאַליציע, ווו זיי האָבן געפונען אַ היימישע נאַציאָנאַלע סביבה.

אויך די פּאָליטישע עמיגראַנטן פון רוסיש־פּוילן האָבן געפונען אין מערב־גאַליציע נישט בלויז אַן ערי־מקלט, נאָר אויך אַ באַקוועמען און גינסטיקן צענטער, פון וואַנען זיי איז באַקוועם געווען ממשיך זיין זייער פּאָליטישע און רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט און פאַרקניפּן ענגע פאַרבינדונגען מיט זייער היים — רוסיש־פּוילן. מ׳דאַרף נאָך צוגעבן, אַז די אַדמיניסטראַציע, ווי אויך די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע מיינונג, האָט זיך באַצויגען מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע צו די דאָזיקע קעמפער פאַר דער באַפרייונג פון פּוילן פונם שווערן צאַרישן יאָך, און דערמיט שוין אַליין געשאַפן אַ גינסטיקן באָדן פאַר דער פּוילישער פּאָליטישער צוואַנדערונג.

אַ טייל פון די דאָזיקע צוגעקומענע אויסלענדער בילדן אויך די פּוילישע סטודענטן,* צווישן וועלכע ס׳האָט זיך אָנגעהויבן צו יענער צייט, אין דער צייט פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, אַ שטאַרקע באָיקאָט־באַוועגונג בנוגע צו די רוסישע אוניווערסיטעטן, באַזונדערס צו די רוסישע אוניווערסיטעטן, וואָס געפינען זיך אין פּוילן. די פּוילישע סטודענטן פון רוסיש־פּוילן האָבן דעמאָלט אָנגעפילט די גאַליצישע אוניווערסיטעטן, באַזונדערס דעם קראָקאָווער. ווען מיר מעלן נאָך דערצו צוגעבן, אַז די גאַליצישע אַדמיניסטראַציע האָט זיך זייער שלעכט באַצויגען צו די יידישע עמיגראַנטן פון רוסלאַנד, באַזונדערס צו די פּאָליטישע עמיגראַנטן, אַז אין אַ סך שטעט האָט די גאַליצישע אַדמיניסטראַציע פּשוט אַרויסגעטריבן די רוסישע יידן, און, אַז ענדלעך האָבן די יידישע סטודענטן זיך זייער ווייניק באַטייליקט אין דעם באָיקאָט, וואָס די פּוילישע סטודענטשאַפט האָט אויפגעהויבן קעגן די רוסישע אוניווערסיטעטן, און אַז די צאָל יידישע סטודענטן, וואָס זיינען צוליב דעם איבערגעגאַנגען אין קראַקאָווער און לעמבערגער אוניווערסיטעט איז געווען אומבאַדייטנד, וועט מען מוזן קומען צום באַשלוס, וואָס איז דער היפוך פון דער מיינונג פון דער גאַליצישער סטאַטיסטישער ביוראָ, און נעמלעך, אַז די דערמאָנטע צאָל אויסלענדער זיינען אין זייער

גרעסטן ריב באַשטאַנען גראַד פון נישט-יידישע (פוילישע) עלעמענטן *).

אַלזאָ, מיר בלייבן ביי אונזער פריערדיקער באַהויפּטונג, אַז די דערמאָנטע ידיעות וועגן דער אַלגעמיינער און יידישער אויסוואַנדערונג פון מערב-גאַליציע אַנטשפּרעכן דער ווירקלעכקייט, און אַז די יידישע עמיגראַציע האָט זיך אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) ווירקלעך שטאַרק פאַרקלענערט נישט נאָר אַבסאָלוט, נאָר אויך רעלאַטיוו, און די יידן האָבן זיך באַטייליקט אין דער אויסוואַנדערונג פון מערב-גאַליציע אינם לעצטן יאָרצענדליק אַפילו אין אַ קלענערער מאָס, איידער זייער פּראָצענטועלער אַנטייל אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון דער דאָזיקער פּראָווינץ.

V.

די אַבסאָלוטע און רעלאַטיווע אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן (פּאָליטישע באַצירקן) פון גאַליציע לויט די פאָלקסציילונגען פון 1880, 1890, 1900 און 1910 יאָרן.

א.

די יידישע באַפעלקערונג אין די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן פון גאַליציע לויט דער פאָלקסציילונג פון 1910 יאָר.

די יידישע באַפעלקערונג פון גאַליציע איז הן אַבסאָלוט, הן רעלאַטיוו נישט גלייכמעסיק פאַרטיילט איבער די פּאָליטישע באַצירקן פון גאַליציע. ווי אין אַלע אַנדערע [illegible]ער מיט אַ מאַסנהאַפטער יידישער באַפעלקערונג, באַמערקט זיך אויך דאָ אין גאַליציע אַ גרויסער חילוק לויטן אַבסאָלוטן און רעלאַטיוון אַנטייל פון די יידן צווישן די באַזונדערע פּאָליטישע באַצירקן.

*) בכלל רעכענען מיר די דאָזיקע חקירה פון דער גאַליצ. סטאַטיסט. ביוראָ פאַר איבעריק, ווייל פּונקט נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט איז אויך אַבסאָלוט אַלץ איינס, וועלכע יידן זיינען פאַרבליבן אין גאַליציע — די גאַליצישע אָדער רוסישע. וויכטיק זיינען בלויז די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די נאַציאָנאַלע פאַרהעלטנישן און נישט מער. דער „באַפעלקערונגס-אויסבייט“, וואָס קומט פאָר צווישן די יידן פון פאַרשידענע טיילן איז גאַנץ אינטערעסאַנט, אָבער גאָר פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. אַלנפאַלס קומט דאָך אויך פאָר אַזאַ מין „באַפעלקערונגס-אויסטויש“ ביי די פּאָלאַקן, ווי אויך ביי אַנדערע פעלקער.

מערב-גאַליציע.

באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן *).	די אַבסאָלוטע צאָל יידן.	דער פּראָצ. פון די יידן לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.	באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן.	די אַבסאָלוטע צאָל יידן.	דער פּראָצ. פון די יידן לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.
טאַרנאָוו	17,533	15.4	שציזשאָוו	4192	7.2
אָסווענצים	6559	13.1	פּשעוואָרסק	3948	6.9
פּאָדגוזשע	7071	11.0	יאַסלאָ	5743	6.5
טאַרנאָבזשעג	8311	10.7	פּילזנאָ	2988	6.1
קשאַנאָוו	11,442	10.3	באָכניע	6633	5.8
מילעץ	7424	10.0	בזשעשקאַ	5666	5.6
זשעשאָוו	14,104	9.6	גריבאָוו	2916	5.5
נייע-סאַנדעץ	12,240	9.3	וועליטשקע	2869	4.2
קאָלבושאָווע	6251	8.5	ניי-טאַרג	3327	4.1
ראַפּטשיצע	6837	8.5	לימאַנאָוו	3046	3.8
ניסקע	5658	8.2	וואַדאָוויצע	2957	3.1
דאָמבראָווע	5632	8.1	ביאַלע	2678	3.1
לאַנצוט	7032	7.5	מישלעניץ	1819	2.0
גאָרליצע	6179	7.5	קראַקאָוו (אומג.)	1238	1.8
קראָסנע	6253	7.5	זשיוויעץ	1905	1.6

*) אַחוץ די צוויי אווטאָנאָמע שטעט לעמבערג און קראָקע, כאָטש אין אדמיניסטראַטיוון זין זיינען זיי זעלבסטשטענדיקע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן.

מזרח־גאַליציע.

באַצירקהויפּטמאַנ־שאַפטן.	די אַבסאָלוטע צאָל יידן.	דער פּראָצ. פון די יידן לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.	באַצירקהויפּטמאַנ־שאַפטן.	די אַבסאָלוטע צאָל יידן.	דער פּראָצ. פון די יידן לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.
קאָלאָמעאַ	23,880	19.1	פּשעמיסל	22,540	14.1
סטאַניסלאַוואָוו	29,754	18.8	ליסקע	13,884	14.1
דראָהאָביטש	29,566	17.2	טאַרנאָפּאָל	19,722	13.9
סטרי	12,760	15.9	טורקע	11,668	13.6
בראָד	22,596	15.4	סקאַלאַט	12,621	13.1
סאָקאָל	16,304	14.9	בוטשאַטש	17,481	12.7
ראַווע	16,711	14.5	קאַמיאַנקע	14,662	12.7
באָרשצאָוו	13,740	12.6	בזשעזשאַני	10,744	10.3
נאַדוואָרנע	11,451	12.6	זבאָראָוו	6198	10.2
צישאַנאָוו	10,818	12.5	יאַראָסלאַוו	14,982	10.0
זאַלעשציקי	9237	12.0	זשאָלקיעוו	9520	9.6
זלאָטשאָוו	13,586	11.6	טרעמבאָוולע	7278	9.0
הוסיאַטין	11,276	11.6	פּעטשעניזשין	4201	9.0
כניאַטין	10,237	11.6	לעמבערג (אומג.)	14,038	8.7
באָברק	10,171	11.5	גראָדעק	6882	8.6
דאָלינע	12,812	11.3	קאַלוש	8178	8.4
קאָסאָוו	9701	11.3	רודקי	6392	8.3
פּשעמיסלאַני	9548	11.0	טלומאַטש	9649	8.3
האָראָצענקע	10,114	11.0	מאָשציסקי	7230	8.2
דאָהאָטין	13,548	10.8	סאַמבאָר	8829	8.2
באָהאָראָדטשאַני	7479	10.7	זשידאָטשעוו	6871	8.2
אַלט־סאַמבאָר	6480	10.7	פּאָדהייצע	7316	7.8
סקאָלע	5918	10.7	זבאַראַזש	5337	7.5
דאָבראָמיל	7575	10.5	יאַוואָראָוו	[illegible]	7.3
כאַנאָק	11,249	10.4	בזשעשאָוו	5325	6.5
טשאָרטקאָוו	7945	10.4			

לויטן אַנטייל פון די יידן אין באַזונדערע באַצירקהויפטמאַנשאַפטן (פּאָליטישע באַצירקן), אונטערשיידן זיך זייער שטאַרק ביידע טיילן — מזרח- און מערב-גאַליציע. דער העכסטער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אין מערב-גאַליציע 15.4. אַזאַ הויכן פּראָצענט יידן פאַרמאָגט אָבער בלויז איין איינציקער פּאָליטישער באַצירק: טאַרנאָוו.

די איבעריקע פּאָליטישע באַצירקן טיילן זיך לויטן אַנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אויף פאָלגענדן אופן:

4 באַצירקהויפטמאַנשאַפטן מיט א יידישער באַפעלק. פון 10.1 ביז 13 פּראָצ.
11 " " " " " " 7.2 " 10 "
6 " " " " " " 5.5 " 6.9 "
6 " " " " " " 2.0 " 4.2 "
2 " " " " ווייניקער פון 2.0 פּראָצענט.

אַ געדיכטע יידישע באַפעלקערונג, העכער פון 10 פּראָצענט, האָבן אין מערב-גאַליציע בלויז 5 באַצירקהויפטמאַנשאַפטן פון דער אַלגעמיינער צאָל 30 פּאָליטישע באַצירקן. צווישן די איבעריקע 24 באַצירקן פון מערב-גאַליציע האָבן בלויז 11 אַ יידישע באַפעלקערונג פון 7 — 10 פּראָצענט, און די אַלע איבעריקע פאַרהעלטנישמעסיק אַ גאַנץ שיטערע יידישע באַפעלקערונג. דערביי איז אָבער אויך צו באַמערקן, אַז אין צוויי פון מערב-גאַליצישע באַצירקן בילדן די יידן ווייניקער פון צוויי פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

גאַנץ אַנדערש איז אין דעם פּרט מזרח-גאַליציע. לויטן רעלאַטיוון אַנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, טיילן זיך די באַצירקהויפטמאַנשאַפטן פון מזרח-גאַליציע אויפן פאָלגענדן אופן:

5 באַצירקהויפטמאַנשאַפטן מיט א יידישער באַפעלק. פון 15.4 ביז 19.1 פּראָצ.
12 " " " " " " 12.5 " 14.9 "
18 " " " " " " 10.2 " 12.0 "
12 " " " " " " 8.2 " 10.0 "
4 " " " " " " 6.5 " 7.8 "

אין מזרח-גאַליציע איז דער מינימאַלסטער פּראָצענט פון די יידן געווען אין יאָר 1910 6.5 פּראָצענט. פון 51 באַצירקהויפטמאַנשאַפטן האָבן בס"ה אין

דער פּראָצ. פון די יידן לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.
14.1
14.1
13.9
13.6
13.1
12.7
12.7
10.3
10.2
10.0
9.6
9.0
9.0
8.7
8.6
8.4
8.3
8.3
8.2
8.2
8.2
7.8
7.5
7.3
6.5

16 באַצירקן די יידן נעבילדעט ווייניקער פון 10 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. אין די אַלע איבעריקע האָבן די יידן געבילדעט מער פון 10 פּראָצענט, און אין דריי פון זיי האָט דער רעלאַטיווער אַנטייל פון די יידן (קאָלאָמעאַ, סטאַניסלאַוו, דראָהביטש) דערגרייכט פון 17.2 ביז 19.1 פּראָצענט — כמעט 1/5 חלק פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

באַטראַכטן מיר די רעלאַטיווע אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעל-קערונג אין די באַזונדערע באַצירקן פון גאַליציע, באַמערקן מיר פאָלגנדיקס:

אין מערב-גאַליציע האָבן די יידן געבילדעט אין:

1880 יאָר.	1910 יאָר.
אין 1 באַצירק 15.3 פּראָצ. פון דער גאַנצער באַפעל.	1 באַצירק 15.3 פּראָצ. פון דער גאַנצער באַפעל.*)
„ 4 „ מער פון 10 פּראָצ. „ „ „	4 „ מער פון 10 פּראָצ. „ „ „ „
„ 6 „ „ „ 8 — 10 „ „ „ „	7 „ „ „ 8 — 10 „ „ „ „
„ 4 „ „ „ 6 — 8 „ „ „ „	7 „ „ „ 6 — 8 „ „ „ „
„ 5 „ „ „ 4 — 6 „ „ „ „	5 „ „ „ 4 — 6 „ „ „ „
„ 5 „ „ „ 2 — 4 „ „ „ „	4 „ „ „ 2 — 4 „ „ „ „
„ 1 „ ווייניקער פון 2 פּראָצ. „ „	2 „ ווייניקער פון 2 פּראָצ. „ „

אויפן ערשטן אויגנבליק איז קיין ערנסטע ענדערונג נישט פאָרגעקומען אינם רעלאַטיוון אַנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די באַזונדערע באַצירקהויפטמאַנשאַפטן פון מערב-גאַליציע. דאָס איז אָבער בלויז אויפן ערשטן אויגנבליק. דער מער-אויספירלעכער אַנאַליז פון דער אַבסאָלוטער און רעלאַטיווער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מערב-גאַליציע אינם ווישך פינם דערמאָנטן פּעריאָד גיט אונז אַ ריי זייער אינטערעסאַנטע און באַלערנדע פאַקטן.

קודם-כל ווען מיר דערמאָנען, אַז אין משך פון די דערמאָנטע 30 יאָר האָט זיך אין 10 באַצירקהויפטמאַנשאַפטן פון מערב-גאַליציע די יידישע באַפעלקערונג רעלאַטיוו פאַרקלענערט**) (ביאַלע, וועליטשקע, טאַרנאָבזשעג, פּאָדגורזשע***), מילעץ, קאַלבושאָוו, ראַפּטשיצאַ, ניסקאַ, לאַנצוט, וואָדאַוויצע און קראַקוי-אומגעבונג).

אַמשטאַרקסטן איז געווען די רעלאַטיווע פאַרקלענערונג אין ביאַלע — פון 6.2 אויף 3.1 פּראָצענט, — וועליטשקע — פון 6.5 אויף 4.2 פּראָצענט — טאַרנאָבזשעג — פון 13.8 אויף 10.7 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג.

פון די דערמאָנטע 10 באַצירקן האָט זיך אין 9 (טאַרנאָבזשעג, מילעץ קאַלבושאָווע, ראַפּטשיצע, ניסקאַ, לאַנצוט, וואָדאָוויצאַ, ביאַלע און קראַקוי-אומגעבונג) באַצירקהויפטמאַנשאַפטן די יידישע באַפעלקערונג אויך אַבסאָלוט פאַר־

*) פאַרן דערמאָנטן פּעריאָד איז אין מערב-גאַליציע געבילדעט געוואָרן נייע 4 באַצירק-הויפטמאַנשאַפטן — אָסווענצים, פּאָדגורזשע, שטשיזשאָוו און פּזשעוואָרסק.

**) די ענדערונג ביז 0.5 פּראָצענט ווערן פון אונז איז אכט נישט גענומען.

***) גענומען צו דער פאָלקסציילונג פון 1900 יאָר.

גלענצט.

אַ שטאַרקע רעלאַטיווע־אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, און צוזאַמען מיט דעם אויך דאָס שטייגן פון דעם פּראָצענטועלן אַנטייל פון די יידן, איז געווען בלויז זיין 7 באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן: קראָסנאָ, גאָרליצע, קראָסנע, יאַסלע, ניי־מאַרק, לומאַנאָוו און אָסווענצים*).

אין די אַלע איבעריקע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן פון מערב־גאַליציע איז דער רעלאַטיווער פון די יידן געבליבן אומגעענדערט.

ס'וואָלט אַ טעות געווען צו דערקלערן די אויבנדערמאָנטע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אינם רעלאַטיוון אַנטייל פון די יידן אין די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן פון מערב־גאַליציע בלויז מיטן פרייען שפּיל פון די כוחות־פאַרהעלטנישן פון דער יידישער און נישט־יידישער באַפעלקערונג אין מערב־גאַליציע. אין משך פון דערמאָנטן פעריאָד (1880 — 1910) זיינען פאָרגעקומען זייער גרויסע ענדערונגען אין די גרעניצן פון די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן סיי פון מזרח, סיי פון מערב־גאַליציע. אין איינִיקע פאַלן האָט מען אַדמיניסטראַטיוו איבערגעפירט אַ רייע געמיינדן פון איין אדמיניסטראַטיוון קרייז אין אַ צווייטן, אין אַנדערע פאַלן האָט מען פון איינִיקע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן אויסגעטיילט באַדייטנדע שטחים און זיי פאַרוואַנדלט אין זעלבשטענדיקע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן (אויף אַזאַ אופן איז אין מערב־גאַליציע צוגעקומען פאַר די דערמאָנטע 30 יאָר פיר נייע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן — אָסווענצים, פּאָדגוזשע, שטשיזשאָוו און פשעוואָרסק), וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט בלייבן אָן אַ ווירקונג אויפן רעלאַטיוון אַנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די באַצירקן, ווי די דאָזיקע אַדמיניסטראַטיווע שנויים זיינען פאָרגעקומען. דאָס מוז גענומען ווערן אין אכט, בעת מיר ווילן פעסטשטעלן דעם כאַראַקטער און גרויס פון די ענדערונגען אינם רעלאַטיוון אַנטייל פון די יידן אין באַזונדערע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן פון גאַליציע, — וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פונם „פרייען" שפּיל (אויף וויפיל אַזאַ „פרייהייט" איז בכלל מעגלעך, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן ווירטשאַפטלעכן קאַמף צווישן אַ מאַכט־האָבנדע מערהייט מיט אַן אונטערדריקטע מינדערהייט). פון די עקאָנאָמישע כוחות־פאַרהעלטנישן, וואָס קומען פאָר צווישן דער יידישער און נישט־יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע.

אַזוי, צום ביישפּיל, איז די אַבסאָלוטע און רעלאַטיווע פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין באַצירק וועליטשקע אויך געווען אויסשליסלעך דורכדעם, וואָס צו דער פאָלקסציילונג פון 1900 יאָר

*) באַצירק־הויפּטמאַנשאַפט אָסווענצים איז געבילדעט פאַר דער פאָלקסציילונג פון 1900 יאָר.

איז פונם דאָזיקן באַצירק אויסגעטיילט געוואָרן צוויי גערילטס-באַצירקן מיט אַ נעדיכטע יידישע באַפעלקערונג — פּאָדגוזשע און סקאַווינע, — וואָס האָבן דער-נאָך געבילדעט דעם זעלבסטשטענדיקן באַצירקהויפּטמאַנשאַפט פּאָדגוזשע. אָן די דאָזיקע צוויי גערילטס-באַצירקן האָט די יידישע באַפעלקערונג אין ווע ליטשקאַ אין 1880 יאָר באַטראָפן ס״ה 2459 נפשות, וואָס האָט אויסגעמאַכט 4.4 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, אַזוי, אַז פּאַקטיש האָט זיך דאָ די יידישע באַפעלקערונג פאַרגרעסערט אין משך פון די 30 יאָר אויף 410 נפשות אָדער אויף העכער 16 פּראָצענט, און רעלאַטיוו איז דאָ דער אַנטייל פון די יידן געבליבן אומפאַרענדערט.

די אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין באַצירקהויפּטמאַנשאַפט לאַנצוט ערקלערט זיך דערמיט, וואָס צו דער צייט פון דער פאָלקסציילונג פון 1900 איז פון דאַנען אויסגעטיילט געוואָרן דער גערילטס-באַצירק פּשעוואָרסק, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זעלבסטשטענ-דיקן באַצירקהויפּטמאַנשאַפט פּשעוואָרסק. אָן פּשעוואָרסק האָט די יידישע באַ-פעלקערונג אין לאַנצוט אין 1830 יאָר באַטראָפן 6889 נפשות, און האָט געבילדעט 8.6 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג (אין 1910 יאָר האָט די צאָל פון די יידן אין באַצירקהויפּטמאַנשאַפט לאַנצוט באַטראָפן 7032, אָדער 7.5 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג), אַזוי, אַז אין דער ווירקלעכקייט האָט די יידישע באַפעלקערונג אויך אין לאַנצוט געהאַט, אמת, זייער אַן אומבאַדייטנדן פאַקטישן צוּוווּקס, און די פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג איז דאָ געווען בלויז אַ רעלאַטיווע.

אויך די רעלאַטיווע און אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קראַקאָווער (אומגעבונג) און וואָדאַוויצער באַצירקהויפּטמאַנ-שאַפטן איז בלויז אַ שיינבאַרע. אַ גאַנצע רייע דאָרפס-געמיינדן פון קראַקאָווער (אומגעבונג) באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן מיט אַ גרעסערער יידישער באַפעלקערונג זיינען אין משך פון דעם דערמאָנטן פעריאָד צוגערעכנט געוואָרן צו דער שטאָט קראַקאָוו, און דאָס האָט אַרויסגערופן די אַבסאָלוטע און רעלאַטיווע פאַרקלענערונג פון דער צאָל יידן אינם דערמאָנטן באַצירק.

וואָס אַמבאַלאַנגט וואָדאַוויצע, איז פון דאַנען אויסגעטיילט געוואָרן דער גערילטס-באַצירק זאַטאָר, מיט פאַרהעלטנישמעסיק אַ מער-געדיכטער יידישער באַפעלקערונג, וואָס האָט דערנאָך צוזאַמען מיטן גערילטס-באַצירק אָסווענצים געבילדעט די באַצירקהויפּטמאַנשאַפט אָסווענצים.

אויך אין דער באַצירקהויפּטמאַנשאַפט ביאַלע, איז פאָרגעקומען זייער באַדייטנדע אַדמיניסטראַטיווע ענדערונגען. פון דעם דאָזיקן באַצירק איז אויס-געטיילט געוואָרן דער גערילטס-באַצירק אָסווענצים. אָבער אויך אָן דעם דאָזיקן

טייל האָט די יידישע באַפעלקערונג אין ביאַלע אין 1880 יאָר באַטראָפן 2739 נפשות, וואָס האָט אויסגעמאַכט 3.8 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. (אין 1910 יאָר האָט די יידישע באַפעלקערונג דאָ באַטראָפן 2678 נפשות, אָדער 3.1 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג). ביאַלע געהערט דעריבער צו די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן, ווו די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אין משך פון די לעצטע 30 יאָר (1880 — 1910 יאָר) נישט בלויז רעלאַטיוו, נאָר אויך אַבסאָלוט פאַרקלענערט.

נעמענדיק דאָס אַלץ אין אַכט, קומען מיר צום באַשלוס, אַז אַ רעלאַטיווע פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, אַלס פּועל-יוצא פונם פרייען שפּיל פון די עקאָנאָמישע כוחות-פאַרהעלטנישן, איז פאָרגעקומען אין 8 באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן פון מערב-גאַליציע (ביאַלע, טאַרנאָבזשעג, מילעץ, פּאָדגורזשע*), קאַלבושאָווע, ראַפּטשיצע, ניסקע, לאַנצוט), און אַן אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין 6 באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן (ביאַלע, טאַרנאָבזשעג, מילעץ, קאַלבושאָווע, ראַפּטשיצע און ניסקע).

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אַז אין 7 באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן פון מערב-גאַליציע האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג רעלאַטיוו שטאַרקער אַנטוויקלט איידער די נישט-יידישע באַפעלקערונג, און אַ דאַנק דעם איז דאָ אין משך פון די 30 יאָר (1880 — 1910) געשטיגן דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג. מ׳דאַרף אָבער דערביי צוגעבן, אַז אינם גרעסטן רוב פון די דאָזיקע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן (לימאַנאָוו, קשאַנאָוו, גאָרליצע, קראַסנע און יאַסלע) האָט זיך דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַרגרעסערט בלויז אַ דאַנק דעם, וואָס די יידן האָבן פון די דערמאָנטע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן אַרויסגעוואַנדערט אין אַ קלענערער מאָס איידער די נישט-יידישע באַפעלקערונג, און נאָר אין צוויי פון די דערמאָנטע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן — ניימאַרק און אָסווענצים — האָט די יידישע באַפעלקערונג געהאַט אַ צוואַנדערונג. דערביי זיינען דאָ די יידן געווען די איינציקע, וואָס האָבן געהאַט אַ צוואַנדערונג, ווייל די איבעריקע באַפעלקערונג האָט אין אָסוועצים קוים אויסגעהאַלטן זייער נאַטירלעכן צוּוואוקס (אַגב בנוגע צום נייגעבילדעטן באַצירקהויפּטמאַנשאַפט אָסוועצים האָבן מיר דאָך ידיעות בלויז וועגן איין יאָרצענדליק (1900 — 1910 יאָר), און פון ניימאַרק האָבן סיי די פּאָלאַקן, סיי די רוטינער געגעבן פאַרן דערמאָנטן פעריאָד פאַרהעלטנישמעסיק אַ זייער גרויסע אויס-

---

*) געבילדעט צו דער פאָלקסציילונג פון 1900 יאָר.

וואַנדערונג. אָבער אויך די יידישע צוּוואַנדערונג אין ניימאַרקער באַצירק־הויפּטמאַנשאַפט איז געווען, אַבסאָלוט גענומען, אַן אומבאַדייטנדע, בערך פון 400 נפשות. די דאָזיקע צוּוואַנדערונג האָט די יידישע באַפעלקערונג פון ניימאַרקער באַצירקהויפּטמאַנשאַפט געהאַט בלויז אינם לעצטן יאָרצענדליק. אין די פריער־דיקע צוויי יאָרצענדליקן (1880 — 1900) האָט אויך די יידישע באַפעלקערונג פון ניימאַרקער באַצירק געגעבן, צוזאַמען מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג, אַן אויסוואַנדערונג.

קיין שום צוזאַמענהאַנג פון צווישן דער געדיכטקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג (פּראָצענטועלער אַנטייל אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג) אין דער רעלאַטיווער און אַבסאָלוטער אַנטוויקלונג, איז אין די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן פון מערב־גאַליציע נישט צו באַמערקן. סיי צווישן די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן, וווּ די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אַבסאָלוט אָדער רעלאַטיוו פאַרקלענערט, סיי צווישן די, וווּ די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך רעלאַטיוו פאַרגרעסערט, געפינען זיך באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן מיט אַ געדיכטער, אַזוי אויך מיט אַ שיטערער יידישער באַפעלקערונג.

ס'מוז אָבער באַטאָנט ווערן, כדי אַמבולטסטן פעסטצושטעלן דעם וועזנטלעכן חילוק צווישן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער און נישט־יידישער באַפעלקערונג אין מערב־גאַליציע, אַז אין מערב־גאַליציע איז נישטאָ קיין איינציקע באַצירקהויפּטמאַנשאַפט, וווּ די נישט־יידישע באַפעלקערונג זאָל זיך האָבן אַבסאָלוט פאַרקלענערט אין משך פון די דריי יאָרצענדליקער (1880 — 1910*), בעת די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אַבסאָלוט פאַרקלענערט, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, אין 6 באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן פון מערב־גאַליציע (אין 1|5 חלק פון דער גאַנצער צאָל באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן).

אין מזרח־גאַליציע איז די אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די באַזונדערע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן פאָרגעקומען אויף פאָלגענדן אופן:

רעלאַטיוו פאַרגרעסערט האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג אין 12 באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן**).

רעלאַטיוו אומגעענדערט איז די יידישע באַפעלקערונג געבליבן אין 8 באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן***).

---

*) אחוץ די פאַלן, ווו די פאַרקלענערונג איז פאָרגעקומען א דאַנק די געמאַכטע אַדמיניסטראַטיווע ענדערונגען אין די גרעניצן פון די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן.

**) קאָלאָמעא, סטרי, סטאַניסלאַוו, ראַווע, פשעמישל, ליסקע, טורקע, קאַמיאָנקע, סניאַטין, דאָבראָמיל, סאַנאָק און לעמבערגער אומגעבונג.

***) סאָקאָל, ציעשאַנאָוו, האָראָדענקע, אַלט־סאַמבאָר, גראָדעק, רודקי, מאַשציסקע, בזשעזשאַני.

רעלאַטיוו פאַרקלענערט האָט זיך די ייִדישע באַפעלקערונג אין 29 באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן*).

ווי אין מערב-גאַליציע האָבן אויך אין מזרח-גאַליציע אין אַ געוויסע מאָס געווירקט אויף דער רעלאַטיווער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג די אַדמיניסטראַטיווע ענדערונגען פון די גרעניצן פון די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן.

אַזוי צום ביישפּיל האָט זיך די ייִדישע באַפעלקערונג אין באַצירקהויפּטמאַנשאַפט קאָלאָמעאַ פאַרגרעסערט אין משך פון די דערמאָנטע 30 יאָר (1880 — 1910) פון 17.4 פּראָצענט אויף 19.1 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג בלויז אַ דאַנק דעם, וואָס פאַר דער פאָלקסציילונג פון 1900 יאָר איז פון קאָלאָמעער באַצירקהויפּטמאַנשאַפט אויסגעטיילט געוואָרן דער געריכטס-באַצירק פּעטשעניזשין מיט אַ שיטערער ייִדישער באַפעלקערונג. אָן דעם דאָזיקן טייל האָט די ייִדישע באַפעלקערונג אין קאָלאָמעער באַצירקהויפּטמאַנשאַפט באַטראָפן: אין 1880 יאָר 16,088 נפשות, וואָס האָט אויסגעמאַכט 19.6 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג (אין 1910 יאָר האָט די ייִדישע באַפעלקערונג באַטראָפן 23,880 נפשות און האָבן געבילדעט 19.1 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג), ד. ה., אַז די ייִדישע באַפעלקערונג האָט דאָ — אין קאָלאָמעער באַצירק — געהאַט פאַר די דערמאָנטע 30 יאָר אַ גאַנץ באַדייטנדן פּאַקטישן צוּוואוקס (בערך ביז 50 פּראָצענט), רעלאַטיוו אָבער האָט זיך אין דער ווירקלעכקייט דער אַנטייל פון די ייִדן דאָ כמעט נישט געענדערט (ענדערונגען ביז 0.5 פּראָצענט ווערן פון אונדז אין אַכט נישט גענומען).

אויך אין סטרי האָט זיך די ייִדישע באַפעלקערונג רעלאַטיוו פאַרגרעסערט בלויז אַ דאַנק דעם, וואָס פאַר דער פאָלקסציילונג פון 1910 יאָר איז פון דאַנען אויסגעטיילט געוואָרן דער געריכטס-באַצירק סקאָלע, וואָס האָט בעת דער לעצטער פאָלקסציילונג (1910 יאָר) פיגורירט אַלס זעלבסשטענדיקער באַצירקהויפּטמאַנשאַפט. אָן דעם דאָזיקן טייל האָט די ייִדישע באַפעלקערונג אין סטרייער באַצירק אין 1880 יאָר באַטראָפן 7396 נפשות, און האָט געבילדעט 15.8 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, אַזוי, אַז אין דער ווירקלעכקייט איז דאָ דער רעלאַטיווער אַנטייל פון די ייִדן אין משך פון די 30 יאָר (1880 — 1910) געבליבן *אַבסאָלוט אומגעענדערט*.

---

*) בראָד, בארשצאָוו, זאַלעשצקי, הוסיאַטין, בוזשעסקע, זשידאַטשעוו, פּאָדהייצע, זבאַראַזש, דראָהאָביטש, טאַרנאָפּאָל, קאָלאָמעאַ, בוטשאַטש, נאַדוואָרנע, זלאָטשעוו, באָבקע, דאָלינע, טרעמבאָוולע, פּעטשעניזשין, קאַסאָוו, פּשעמישלאַני, ראָהאַטין, באָהאָראָדטשאַני, טשאָרטקאָוו, יאַראָסלאַוו, זשאָלקיעוו, קאַליש, טלומאַטש, סאַמבאָר, יאַוואָראָוו.

די באַצירקהויפּטמאַנשאַפט סקאָלע און זבאַראַזש, וואָס זייַנען געבילדעט געוואָרן צו דער לעצטער פאָלקסציילונג (1910) ווערן דאָ נישט גענומען אין אַכט.

אויך אין באַצירקהויפּטמאַנשאַפט זלאָטשעוו, ווו ס'איז פאָרגעקומען אַן אַבסאָלוטע און רעלאַטיווע פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז אין משך פון די 30 יאָר פאָרגעקומען באַדייטנדע אַדמיניסטראַטיווע ענדערונגען, וואָס האָט נישט געקאָנט בלייבן אָן אַ ווירקונג אויף דער רעלאַטיווער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. אין 1904 איז פון דאַנען אויסגעטיילט געוואָרן דער געריכטס־באַצירק זבאָראָוו, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זעלבסטשטענדיקן באַצירקהויפּטמאַנשאַפט. אַחוץ דעם איז נאָך דער פאָלקסציילונג פון 1880 יאָר אַ גאַנצע רייע געמיינדן פון באַצירקהויפּטמאַנשאַפט בראָד מיט אַן אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון 6713 נפשות, דאַרונטער 893 יידן, איבערגעפירט געוואָרן אין באַצירקהויפּטמאַנשאַפט זלאָטשעוו. אָן דעם אויסגעטיילטן געריכטס־באַצירק זבאָראָוו האָט זלאָטשיווער באַצירק געהאַט אין 1880 יאָר — צוזאַמען מיט שפּעטער פאַרייניקטע געמיינדן פון בראָדער באַצירק — אַן אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון 88,318 נפשות, דאַרונטער יידן 13,597 נפשות, אָדער 15.4 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג (אין 1910 יאָר האָט זלאָטשיווער באַצירק פאַרמאָגט אַן אַלגעמיינע באַפעלקערונג 117,364, דאַרונטער יידן 13,586, אָדער 11.6 פּראָצענט). מיר האָבן אַלזאָ פאַר זיך אין זלאָטשיווער באַצירק אַ ווירקלעך שטאַרק רעלאַטיוו פאַלן פון דער יידישער באַפעלקערונג. די אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון די יידן איז אָבער דאָ בלויז אַ שיינבאַרע, וואָס איז אַרויסגערופן דורך די אַדמיניסטראַטיווע ענדערונגען.

די איבעריקע אַדמיניסטראַטיווע ענדערונגען זיינען געווען פאַרהעלטנישמעסיק אומבאַדייטנדע און האָבן נישט געהאַט קיין ערנסטע ווירקונג אויף דער רעלאַטיווער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן פון מזרח־גאַליציע.

נעמענדיק אין באַטראַכט די אויבנדערמאָנטע אַדמיניסטראַטיווע ענדערונגען קומט אויס אַז: *)

רעלאַטיוו פאַרגרעסערט האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג אין 10 באַצירקמאַנשאַפטן. **)

רעלאַטיוו אומגעענדערט איז געבליבן די יידישע באַפעלקערונג אין 10 באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן. ***)

*) אַחוץ די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן סקאַלע און זשאַראַוו, וואָס פיגורירן ערשט אין דער לעצטער פאָלקסציילונג אַלס זעלבסטשטענדיקע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן.

**) סטאַניסלאַוו, ראַווע, פּשעמיסל, ליסקע, טורקע, קאַמיענקע, סניאַטין, דאָבראָמיל, סאַנאָק און לעמבערגער אומגעבונג.

***) קאָלאָמעע, סטרי, סאָקאַל, ציעשאַנאָוו, האָראָדענקע, אַלט־סאַמבאָר, גראָדעק, רודקי, מאָסציסקע, בזשאַנאַוו.

רעלאַטיוו פאַרקלענערט האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג אין 29 באַצירקהויפטמאַנשאַפטן. *)

צווישן די באַצירקהויפטמאַנשאַפטן פון מזרח-גאַליציע זיינען דאָ 8, וווּ די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אויך אַבסאָלוט פאַרקלענערט, אין פאַרגלייך מיט 1880 יאָר.

ווי אין מערב-גאַליציע, אַזוי אויך דאָ אין מזרח-גאַליציע איז די אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער באַפעלקערונג אַ ספּעציעל יידישע ערשיינונג, און בעת ביי דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך אין 8**) באַצירקהויפטמאַנשאַפטן פון מזרח-גאַליציע אַבסאָלוט פאַרקלענערט, איז נישטאָ צו באַמערקן קיין אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג אין קיין איינציקן פון די מזרח-גאַליצישע באַצירקהויפטמאַנשאַפטן, גענומען פאַרן גאַנצן דרייסיקיעריקן פעריאָד — 1880 — 1910 (אין באַזונדערע יאָרצענדליקן איז אַזאַ ערשיינונג אויך צו באַמערקן ביי דער נישט-יידישער באַפעלקערונג, אָבער אין אַ זייער שוואַכער פאָרם).

וואָס אַמבאַלאַנגט די באַצירקהויפטמאַנשאַפטן אין מזרח-גאַליציע, וווּ די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַר די דרייסיק יאָר רעלאַטיוו פאַרגרעסערט, איז די דאָזיקע פאַרגרעסערונג פאָרגעקומען, ווי אין מערב-גאַליציע, על פי רוב אַ דאַנק דעם, וואָס די יידישע אויסוואַנדערונג איז דאָ געווען, גענומען פאַר דעם גאַנצן דרייסיקיעריקן פעריאָד, קלענער, איידער די נישט-יידישע אויסוואַנדערונג. בלויז אין פּשעמישל, וווּ די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט אין משך פון די דרייסיק יאָר (1880 — 1910) אויף 100 פּראָצ. (פון 11207 אויף 22540 נפשות) און טורקע, וווּ די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט פאַרן דערמאָנטן פעריאָד אויף 108 פּראָצענט (פון 5598 אויף 11668 נפשות) און סטאַניסלאַוו, וווּ די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט אויף 106 פּראָצענט (פון 14445 אין 1880 יאָר אויף 29754 אין 1910 יאָר) איז די רעלאַטיווע פאַרגרעסערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אַרויסגערופן געוואָרן דורכדעם, וואָס די יידן האָבן אין די דאָזיקע באַצירקהויפטמאַנשאַפטן געהאַט אַ געוויסע צוּוואַנדערונג.

קיין פעסטן צוזאַמענהאַנג צווישן דער רעלאַטיווער אַנטוויקלונג פון דער-

---

*) בראָד, באָרשטשאָוו, זאַלעשטשיקי, הוסיאַטין, בזשעשקע, זשידאַטשעוו, פּאָדהייצע, זבאַראַזש, דראָהאָביטש, טאַרנאָפּאָל, סקאַלאַט, בוטשאַטש, נאַדוואָרנע, זלאָטשעוו, באָברק, דאָלינע, קאָסאָוו, פּשעמישלאַני, ראָהאַטין, באָהאָראָדטשאַני, טשאָרטקאָוו, יאַראָסלאַוו, זשאָלקיעוו, טרעמבאָוולע, פּעטשעניזשין, קאַליש, טלומאַטש, סאַמבאָר, יאַוואָראָוו.

**) בראָד, באָרשטשאָוו, זאַלעשטשיקי, הוסיאַטין, בזשעזשאַני, פּעטשעניזשין, זבאָראַזש, פּאָדהייצע.

יידישער באַפעלקערונג אין דער הויך פונם פּראָצענט-זאַץ פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אין די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן פון מזרח-גאַליציע נישט צו באַמערקן. די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן, וווּ די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַר די 30 יאָר (1880 — 1910) רעלאַטיוו פאַרקלענערט געהערן אין גרעסטן טייל צו די באַצירקן מיט אַ מער-געדיכטער יידישער באַפעלקערונג סיי אין 1880 יאָר, סיי אין 1910 יאָר. צווישן זיי געפינען זיך אַפילו אַזעלכע געדיכט-באַפעלקערטע מיט יידן באַצירקהויפּממאַנשאַפטן, ווי צום ביישפּיל בראָד, וואָס האָט פאַרמאָגט אין 1880 יאָר 21.7 פּראָצ. יידן (אין 1910 בלויז 15.4 פּראָצענט). דראָהאָביטש, ווּ די יידישע באַפעלקערונג האָט אין 1880 יאָר געבילדעט 19.8 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג (אין 1910 יאָר 17.2 פּראָצענט), טאַרנאָפּאָל, ווּ די יידישע באַפעלקערונג האָט אויסגעמאַכט אין 1880 יאָר 17.5 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג (אין 1910 יאָר בלויז 13.9), הוס-אַטין, באַרשצאָוו, זאַלעשטשיקי, סקאַלאַט, ווּ די יידישע באַפעלקערונג האָט געבילדעט אין 1880 יאָר מער פון 15 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. צווישן די באַצירקן, ווּ די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך רעלאַטיוו פאַרקלענערט געפינען זיך אָבער אויך באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן מיט אַ שיטערער (אויפן מזרח-גאַליצישן מאַסשטאַב) יידישער באַפעלקערונג — הייניקער פון 10 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג (סאַמבאָר, יאַוואָראָוו, זבאַראַזש און פּאָדהייצע), אַזוי, אַז אויך די אָנדערע פון דער טעאָריע פון „כטיכישער יידישער זעלבסטצושפּרייטונג" ווען אין דעם נישט געפינען קיין באַרעכטיקונג פון זייער באַהויפּטונג.

אויך צווישן די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן אין מזרח-גאַליציע, ווּ די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך נישט בלויז רעלאַטיוו, נאָר אויך אַבסאָלוט פאַרקלענערט אין משך פון די 30 יאָר, געפינען זיך על-פּי-רוב אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרמאָגט אין 1880 יאָר אַ זייער געדיכטע יידישע באַפעלקערונג -- בראָד, באָרשטשאָוו, זאַלעשטשיקי, הוסיאַטין.

אין דער זעלבער צייט געהערן אָבער אויך די 8 באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן, ווּ די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך רעלאַטיוו פאַרגרעסערט אין משך פון 1880 ביז 1910 יאָר, על-פּי צו די, וואָס פאַרמאָגן אַ מער געדיכטע יידבאַפעלקרונג — סטאַניסלאַוו, ראַווע, פּשעמישל, ליסקע, טורקע, קאַמיענקע*).

*) די רעלאַטיווע אנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין באַצירקהויפּטמאַנשאַפט לעמבערגער-אומגעבונג, מיט אַ שיטערער יידישער באַפעלקערונג, דערקלערט זיך דערמיט, וואָס אַ גאַנצע רייע געמיינדן, וואָס זיינען פאַקטיש פאַרשטעטן פון דער שטאָט לעמבערג, געהערן פאָרמעל צו דער באַצירקהויפּטמאַנשאַפט לעמבערג-אומגעבונג, און דערי־בער דאַרף די רעלאַטיווע פאַרגרעסערונג פון די יידן אינם דאָזיקן באַצירק — לעמבערג-אומגעבונג — פאַררעכנט ווערן אויפן חשבון פון דער צוציִונגסקראַפט פון דער שטאָט לעמבערג.

אויסער אַכט טאָר אָבער אין דעם פּרט נישט געלאָזט ווערן דער פאַקט, וואָס די איינציקע דריי באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן אין מזרח־גאַליציע, וואָס האָבן אין משך פון 1880 — 1910 יאָרן אַ יידישע צוּוואַנדערונג (אַ פאַקטישן צוּוווּקס, גרעסער איידער דער נאַטירלעכער), אַ דאַנק וועלכער די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך דאָ רעלאַטיוו פאַרגרעסערט, געהערן גראָד צו די, וואָס זיינען געדיכט באַפעלקערט מיט יידן — סטאַניסלאַוו, פּשעמישל און טורקע.

VI.

דער פאַקטישער צוּוווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די גאַליצישע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן פאַרן יאָרצענדליק 1901 — 1910.

דער ערב־מלחמה־צענדליק 1901 — 1910 פאַרנעמט אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע אַ גאַנץ באַזונדער אָרט.

אין דעם דאָזיקן יאָרצענדליק איז פאָרגעקומען, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, דער איבערברוך אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער עמיגראַציע פון גאַליציע, און סיי אין מזרח, סיי אין מערב־גאַליציע האָט זיך די יידישע אויסוואַנדערונג אַבסאָלוט און רעלאַטיוו פאַרקלענערט.

ס'איז דעריבער זייער וויכטיק און אינטערעסאַנט אויסצופאָרשן די אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, באַזונדער אין די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן פון גאַליציע פאַרן דאָזיקן פעריאָד, ווען די יידן האָבן באַקומען אין גאַליציע, אויב מ'זאָל משפּטן לויט דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער און נישט־יידישער אויסוואַנדערונג פאַר די לעצטע 10 יאָר, אַ גרעסערע ווידערשטאַנדס־פעיקייט אויפןווירטשאַפטלעכן געביט.

לויט דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג קען מען איינטיילן אַלע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן פון גאַליציע אויף 4 קאַטעגאָריעס:

1) מיט אַ פאַקטישן צוּוווּקס העכער איידער דער נאַטירלעכער — צוּוואַנדערונגס־פּונקטן;

2) פאַקטישער צוּוווּקס אומגעפער גלייך דעם נאַטירלעכן צוּוווּקס — באַצירקן, ווו דער גאַנצער יידישער נאַטירלעכער צוּוווּקס האָט געקענט באַקומען אַן אָנווענדונג אין זייער היימאַטס־באַצירקהויפּטמאַנשאַפט.

מ ז ר ח - ג אַ ל י צ י ע.

באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן.	פאַקטישער צוּוואוקס.	באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן.	פאַקטישער צוּוואוקס.
א) פאַקטישער צוּוואוקס גרעסער איידער דער נאַטירלעכער:			
ט.ו קע	49 7	דראָהאָביטש . . .	34.4
לעמבערג (אומג.) . .	35.5		
ב) פאַקטישער צוּוואוקס אומגעפער גלייך דעם נאַטירלעכן.			
סטרי	18.7	סקאַלע . . .	15.9
סטאַניסלאַוואָוו . . .	16.3	דאָבראָמיל . . .	15.4
ג) פאַקטישער צוּוואוקס קלענער איידער דער נאַטירלעכער.			
נאַדוואָרנע	11.4	אַלט-סאַמבאָר . .	6.0
קאָלאָמעאַ	10.8	זבאַראַזש . . .	5.7
סאָקאַל	10.2	טלומאַטש . . .	5.6
בוטשאַטש	9.9	צישאַנאָוו . . .	5.0
סאַמבאָר	9.6	באָברק . . .	4.6
ראַווע	9.4	קאַמיאָנקע . . .	3.4
פשעמישל	9.1	בושעזשאָוו . . .	1.9
סאַנאָק . . .	8.7	פשעמישלאַני . . .	0.8
רודקי	6.9	סניאַטין . . .	0.8
יאַראָסלאַוו	6.8	מאָשציסקע . . .	0.6
ליסקע	6.5		

מזרח-גאַליציע.

באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן.	פּאַקטישער צוּוואוּקס.	באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן.	פּאַקטישער צוּוואוּקס.
ד) אַבסאָלוּטע פאַרקלענערונג.			
פּעטשעניזשין	— 12.4	באָרשטשאָוו	4.0
פּאָדהייצע	— 11.0	טשאָרטקאָוו	3.1
הוסיאַטין	— 10.3	קאָסאָוו	3.0
טרעמבאָוולע	— 9.4	זאַלעשטשיקי	2.8
זבאָראָוו	— 8.4	זשידאָטשעוו	2.7
זלאָטשאָוו	— 8.3	יאַוואָראָוו	2.7
דאָלינע	— 7.9	האָראָדענקאָ	1.4
קאַליש	— 6.9	בזשעזשאַני	1.4
באָהאָ-אָדטשאַני	— 6.7	גראָדעק	0.3
סקאַלאַט	— 6.0	ראָהאַטין	0 2
בראָד	— 5.8	טאַרנאָפּאָל	0.1
זשאָלקיעוו	— 5.1		

3) פאַקטישער צוּוואוּקס, קלענער איידער דער נאַטירלעכער — אויסוואַנדערונגס-פונקטן, פון וואַנען ס'האָט אויסגעוואַנדערט אַ טייל. אָדער דער גאַנצער נאַטירלעכער צוּוואוּקס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג און

4) באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן מיט אַן אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג — פאַרדרענגונגס-פונקטן, ווו די אויסוואַנדערונג האָט אַוועקגעטראָגן נישט בלויז דעם גאַנצן נאַטירלעכן צוּוואוּקס, נאָר אויך אַ טייל פון דער ייִדישער גרונט-באַפעלקערונג.

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די ייִדישע איינוואַנדערונג האָט זיך אינם משך פונם יאָרצענדליק 1901 — 1910 באַדייטנד פאַרקלענערט הן אַבסאָלוט הן רעלאַטיוו און די ייִדן האָבן אין משך פונם דאָזיקן יאָרצענדליק אין גאַליציע געהאַט אַ פאַקטישן צוּוואוּקס פון 7.6 פראָצענט, איז דאָך סיי אין מערב-גאַליציע, סיי אין מזרח-גאַליציע דאָ אַ גאַנץ גרויסע צאָל באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן, ווו די אויסוואַנדערונג האָט צוגענומען נישט בלויז דעם גרעסטן חלק אָדער אינגאַנצן דעם ייִדישן נאַטירלעכן צוּוואוּקס, נאָר האָט אויך געבראַכט צו אַן אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג (פאַרדרענגונגס-פונקטן).

גיכסטיקער, ווייזט אויס, איז געווען דיווירטשאַפטלעכע לאַגע, און צוזאַמען מיט דעם די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג גראָד אינם ריין-פוילישן טייל פון גאַליציע. דער איבערברוך אין דער אנטוויקלונג פון דער ייִדישער אויסוואַנדערונג איז דאָ פאָרגעקומען, ווי מיר האָבן שוין פריִער דערמאָנט, נאָך אין יאָרצענדליק 1891 — 1900, און אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) איז די ייִדישע אויסוואַנדערונג דאָ געווען נישט בלויז אַבסאָלוט, נאָר אויך רעלאַטיוו קלענער, איידער די נישט-ייִדישע (פוילישע). דער פאַקטישער צוּוואוּקס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג האָט דאָ געטראָפן אינם יאָרצענדליק 1901 — 1910 כמעט 11 פראָצענט (גענוי 10.9).

אין די באַזונדערע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן פון מערב-גאַליציע איז די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג פאָרגעקומען אויף פאָלגענדן אופן:

אין 5 באַצירקן האָט זיך די ייִדישע באַפעלקערונג אַבסאָלוט פאַרקלענערט און אין די דריי פון זיי (דאָמבראָווע, וואַדאָוויצע און קאַלבושאָווע) גאַנץ באַדייטנד — פון 5.1 ביז 7.3 פראָצענט.

אין 18 באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן האָט די אויסוואַנדערונג אַוועקגענומען בלויז אַ טייל פונם ייִדישן נאַטירלעכן צוּוואוּקס, דערביי איז אין 9 מערב-גאַלי-

צישע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן די ייִדישע אויסוואַנדערונג געווען אַזוי גרויס, אַז בלויז אַ קלײנער טייל פונם נאַטירלעכן צוּוואוקס איז געבליבן אין היימאַטס-באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן (פאַקטישער צוּוואוקס פון 1.2 ביז 4.3 פּראָצענט ביי אַ דורכשניטלעכן נאַטירלעכן צוּוואוקס פון 18.2 פּראָצענט און 10.9 פּראָצענט דורכשניטלעכן פאַקטישן צוּוואוקס פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג פון מערב גאַליציע).

איפּגעהאַלטן אומגעפער דעם גאַנצן נאַטירלעכן צוּוואוקס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג האָבן בלויז 3 מערב-גאַליצישע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן און דערביי די, וואָס פאַרמאָגען אַ מער-געדיכטע ייִדישע באַפעלקערונג (טאַרנאָוו, קשאַנאָוו און ניי-סאַנדעץ).

4 מערב-גאַליצישע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן האָבן געהאַט אַ ייִדישע צוּוואַנדערונג (פאַקטישער צוּוואוקס גרעסער איידער דער נאַטירלעכער), דערביי האָט דעם גרעסטן פּראָצענטועלן צוּוואוקס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג גראָד אָסוועצים, וואָס פאַרנעמט דעם צווייטן פּלאַץ אין מערב-גאַליציע לויטן פּראָצענטועלן אַנטייל פון די ייִדן (נאָך טאַרנאָוו). אויך זשעשאָוו געהערט צו די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן מיט אַ געדיכטער ייִדישער באַפעלקערונג. די איבעריקע צוויי באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן (ניימאַרק און לימאַנאָוו) האָבן אַ זייער שיטערע ייִדישע באַפעלקערונג.

מ׳דאַרף אָבער אויך באַמערקן, אַז דער הויכער פּראָצענט-זאַץ פון דעם פאַקטישן ייִדישן צוּוואוקס אין ניימאַרק און אין לימאַנאָוו ערקלערט זיך מיט דעם, וואָס די אַבסאָלוטע צאָל ייִדן איז דאָ אַן אומבאַדייטנדע.

אין אַלגעמיין גענומען איז די ייִדישע צוּוואַנדערונג אין די מערב-גאַליצישע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן געווען אַן-אומבאַדייטנדע און האָט ס״ה באַטראָפן בערך פון 2700 נפשות. דערפון האָט באַטראָפן די ייִדישע צוּוואַנדערונג אין די צוויי באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן מיט אַ געדיכטער ייִדישער באַפעלקערונג בערך פון 2000 ייִדישע נפשות (אָסוועצים און זשעשאָוו) און בס״ה בערך 700 נפשות, און די איבעריקע צוויי באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן — לימאַנאָוו און ניימאַרק — מיט אַ שיטערער ייִדישער באַפעלקערונג.

באַדייטנד אומגינסטיקער איז געווען די ווירטשאַפטלעכע לאַגע און צוזאַמען מיט דעם אויך די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אינעם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) אין מזרח-גאַליציע. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אינעם דאָזיקן יאָרצענדליק האָט זיך אויך דאָ אין מזרח-גאַליציע רעלאַטיוו און אַבסאָלוט פאַרקלענערט די ייִדישע אויסוואַנדערונג (אין פאַרגלייך מיטן פריִקן יאָרצענדליק 1891 — 1900), האָט די צאָל באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן אין מזרח-גאַליציע, ווו די אויסוואַנדערונג האָט נישט בלויז אַוועקגעטראָגן דעם

גאַנצן יידישן נאַטירלעכן צוװוקס, נאָר האָט אויך געבראַכט צו אַן אַבסאָלוטער פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, דערגרייכט ביז 23, ד. ה. כמעט די העלפט פון די מזרח־גאַליציִשע באַצירקהויפטמאַנשאַפטן דאַרפן, לויט דער אַנטוויקלונג פון זייער יידישער באַפעלקערונג, באַצייכנט ווערן אַלס פאַרדרענגונגס־פונקטן.

די פאַרדרענגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מזרח־גאַליציע איז אינם דאָזיקן יאָרצענדליק (1901 — 1910) נישט געווען בלויז שטאַרקער לויט דער רעלאַטיווער צאָל באַצירקהויפטמאַנשאַפטן (אין מערב־גאַליציע איז געווען אַן אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג בלויז 1/5 חלק פון אַלע באַצירקהויפטמאַנשאַפטן און אין מזרח־גאַליציע כמעט ⅓ אין דער העלפט), נאָר אויך לויט דער אינטענסיווקייט: בעת די מאַקסימאַלע אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אין מערב־גאַליציע געווען 7.3 פראָצענט (דאָמבראָװאַ), איז אין דריי באַצירקהויפטמאַנשאַפטן פון מזרח־גאַליציע די אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג געווען מער פון 10 פראָצענט (פּעטשעניזשין, פּאָדהייצע, הוסיאַטין).

אין 9 באַצירקהויפטמאַנשאַפטן פון מזרח־גאַליציע האָט די אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג באַטראָפן פון 5 ביז 9 פראָצענט און די איבעריקע 11 באַצירקן איז די אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג געווען נישט קיין באַדייטנדע (פון 0.1 ביז 4.0 פראָצענט).

אין 21 באַצירקהויפטמאַנשאַפטן פון מזרח־גאַליציע האָט די אויסוואַנדערונג אַוועקגעטראָגן אַ טייל, אָדער דעם גאַנצן יידישן נאַטירלעכן צוװוקס. דערביי האָט די אויסוואַנדערונג אַוועקגענומען ביז אַ העלפט פונם נאַטירלעכן יידישן צוװוקס אין 8 באַצירקהויפטמאַנשאַפטן (נאַדוואָרנע, קאָלאָמעאַ סאָקאָל, בוטשאַטש, סאַמבאָר, ראַווע, כאַנאָק, פשעמיסל). די דאָזיקע אַלע באַצירקן געהערן צו די, וואָס האָבן הן אַבסאָלוט, הן רעלאַטיוו די געדיכטסטע יידישע באַפעלקערונג.

4 פון די 21 באַצירקן, וווּ דער פאַקטישער צוװוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען קלענער פונם דורכשניטלעכן יידישן נאַטירלעכן צוװוקס, האָבן געהאַט אַן אומבאַמערקבאַרן פאַקטישן צוװוקס פון זייער יידישער באַפעלקערונג (פון 0.6 ביז 1.9 פראָצענט). די דאָזיקע 4 באַצירקן געהערן צו דער גרופּע באַצירקהויפטמאַנשאַפטן פון מזרח־גאַליציע, וואָס האָבן אַ מער־ציטערע יידישע באַפעלקערונג.

4 באַצירקהויפטמאַנשאַפטן האָבן געהאַט אַ פאַקטישן צוװוקס פון זייער יידישער באַפעלקערונג אומגעפער גלייך צום דורכשניטלעכן יידישן נאַטירלעכן

צוווקס, ד. ה. זיי האָבן אויפגעהאַלטן זייער גאַנצן נאַטירלעכן צוווקס און האָבן בישם געוווסט פון קיין יידישע אויסוואַנדערונג. פון די דאָזיקע 4 באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן געהערן 2 צו די, וואָס פאַרמאָגן אַ זייער געדיכטע יידישע באַפעלקערונג (סטרי — 15.9 און סטאַניסלאַוו — 18.8 פּראָצענט).

3 באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן האָבן געהאַט אַ פאַקטישן צוווקס פון זייער יידישער באַפעלקערונג גרעסער, איידער דער דורכשניטלעכער יידישער נאַטירלעכער צוווקס אין לאַנד, ד. ה., אַז זיי זיינען געווען צוואַנדערונגס-פּונקטן, וואָס האָבן צו זיך צוגעצויגן אַ געוויסע צאָל יידישע באַפעלקערונג פון אַנדערע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן. פון זיי האָבן צוויי אַ זייער געדיכטע יידישע באַפעלקערונג (דראָהאָביטש — 17.2 און טורקע — 13.6 פּראָצענט). וואָס אַמבאַלאַנגט באַצירק לעמבערג-אומגעבונג, ערקלערט זיך די יידישע צוואַנדערונג מיט דעם, וואָס אַ גאַנצע רייע געמיינדן, וואָס געהערן *פאָרמעל* דעם דאָזיקן באַצירק זיינען *פאַקטיש* בלויז פאָרשטאָטן פון דער שטאָט לעמבערג און די יידישע צוואַנדערונג דאַרף דאָ צוגערעכנט ווערן אויפן חשבון פון דער צוציִונגסקראַפט פון דער שטאָט לעמבערג.

ווי ס'איז צו זען פון די אויבנגעבראַכטע ציפער איז, בנוגע צו מזרח-גאַליציע, ווירקלעך צו באַמערקן אַ געוויסן צוזאַמענהאַנג צווישן דער מאַסנהאַפטקייט און געדיכטקייט (פּראָצענט-זאַץ) פון דער יידישער באַפעלקערונג און איר אַנטוויקלונג: סיי די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן, ווו די יידישע באַפעלקערונג האָט געהאַט אַ צוואַנדערונג, סיי די, וואָס האָבן אויפגעהאַלטן דעם גאַנצן יידישן נאַטירלעכן צוווקס, ווי אויך דער טייל פון די אויסוואַנדערונגס-באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן, וואָס האָבן געהאַט דעם גרעסטן פאַקטישן צוווקס, געהערן אין זייער איבערוויגנדער מערהייט צו די באַצירקן מיט אַ מאַסנהאַפטער און רעלאַטיוו-געדיכטער יידישער באַפעלקערונג, אַזוי, אַז גראָד אין די דאָזיקע שטאַרק באַפעלקערטע מיט יידן באַצירקן פון מזרח-גאַליציע זיינען אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) געווען מער גינסטיקע תּנאָים פאַר דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג.

דאָס איז אויך לאָגיש פאַרשטענדלעך. גראָד די דאָזיקע באַצירקן זיינען אינדוסטריעל מער אַנטוויקלט (קאָלאָמעאַ, דראָהאָביטש, סטאַניסלאַוו, סטרי און אַנדערע.), דאָ איז פאָרגעקומען אין אַ שטאַרקערע מאָס, ווי אין אַנדערע מזרח-גאַליצישע באַצירקן די אַנטוויקלונג און קאַפּיטאַליזירונג פון דער מלאכה (די פאַבריק-אינדוסטריע איז דאָך אין גאַליציע בכלל און מזרח-גאַליציע בפרט זייער שוואַך אַנטוויקלט, וואָס באַפרייט בעלי-מלאכות פונם פערזענלעכן צוזאַמענבונד מיטן קאָנסומענט און שוואַכט דעריבער אָפּ די „נאַציאָנאַלע” קאָנקורענץ פון די קריסטלעכע בעל-מלאכות קעגן די יידישע. די דאָזיקע מער אַנטוויקלטע באַ-

צירקהויפטמאַנשאַפטן זיינען אויך די הויפטצענטערן פונם אַנגראָ־האַנדל, וואָס באַשעפטיקט אַ גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אָבער אויך די יידישע מאַסנהאַפטקייט און געדיכטקייט, אַלס אַזעלכע, שפּילן אַ באַדייטנדע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. זיי אַליין (די יידישע מאַסנהאַפטקייט און רעלאַטיווע געדיכטקייט) קענען, פאַרשטייט זיך, נישט שאַפן קיין באַדינגונגען פאַר אַ יידישער צוואַנדערונג. זיי קענען אָבער גינסטיקער מאַכן די באַדינגונגען פאַר דער יידישער מאַסע צו עראָבערן נייע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס דאָרט, וווּ דערצו זיינען דאָ אָביעקטיווע מעגלעכקייטן. בלויז ביי באַדינגונגען פון מאַסנהאַפטקייט און רעלאַטיווער געדיכטקייט ווערן מעגלעך פאַר דער יידישער מאַסע (קליינהענדלער און האַנטווערקער) אַ גאַנצע רייע שוץ־מיטלען, וואָס זיינען איר אומבאַדינגט נויטיק — אַלנפאַלס זייער נוצבאַר — אינם קאַמף קעגן דער עקאָנאָמישער „אָפענסיווע" און „נאַציאָנאַלן" קאַמף פון זיינע קריסטלעכע קאָנקורענטן. בלויז ביי אַ געוויסער מאַסנהאַפטקייט און רעלאַטיווער געדיכטקייט איז מעגלעך פאַר דער יידישער מאַסע, לכל־הפחות, צו מאַכן אוממעגלעך פאַר זייערע קריסטלעכע קאָנקורענטן צו פאַרווענדן די אָר־טיקע מאַכט־אָרגאַנען (זעלבסט פאַרוואַלטונגען און דגל.) אין עקאָנאָמישע קאַמפּס־אָרגאַנען קעגן דער יידישער באַפעלקערונג.

ווי ס'איז צו זען פון די אויבנגעבראַכטע ידיעות, איז אַפילו אין גאַליציע (אין ביידע אירע טיילן), נישט קוקנדיק אויף דער, אין אַלגעמיין שוואַכער אנט־וויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, געווען אייניקע פּונקטן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ געוויסע צוציונגסקראַפט בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג. אַנדערש בעזאָגט, אויך דאָ אין גאַליציע האָט אין אַ געוויסע מאָס די יידישע באַפעלקערונג אַרויסגעוויזן אַ שטרעבונג (אמת אַ זייער שוואַכע אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער, וואָס פאַרמאָגן אַ מאַסנהאַפטע יידישע באַפעלקערונג) צו קאָנצענטראַציע אינם יאָרצענדליק 1901 — 1910. ס'איז דעריבער אומבאַדינגט וויכטיק און נויטיק צו פאַרגלייכן די דאָזיקע קאָנצענטרירונגס־שטרעבונג ביי די יידן אין די איבעריקע הויפט־פעלקער פון גאַליציע. (זע טאַבעלע ז' 62, 63.)

אינגאַנצן איז געווען אין גאַליציע 29 באַצירקהויפטמאַנשאַפטן, וואָס האָבן בעדינט אין משך פון יאָרצענדליק 1901 — 1910 אַלס אַ צוואַנדערונגס־פּונקט פאַר איינע פון די דריי הויפט־פעלקער פון גאַליציע (יידן, פּאָלאַקן, רוסינער). פון זיי האָבן געהאַט:

פּאָלאַקן 25 צוואַנדערונגס־באַצירקהויפטמאַנשאַפטן,
יידן 7 " "
רוסינער 2 " "

דער אַנטייל פון די דריי הויפט-פעלקער פון גאַליציע אין די קאָנצענטרירונגס-פונקטן.

באַצירקהויפטמאַנשאַפטן	דער פאַקטישער צוּוואַקס אין פּראָצענטן אין יאָרצענדליק 1901 — 1910: יידן.	פּאָלאַקן.	רוסינער.	די אַבּסאָלוטע צאָל בערך, וואָס האָט צוגעוואַנדערט (+) אָדער אויסגעוואַנדערט (—) אין 1901 — 1910 יאָרן: י.דן.	פּאָלאַקן	רוסינער. *)
מ ע ר ב - ג אַ ל י צ י ע						
אָכוויענצים	36.9	15,8	—	+ 900	—	—
ניימאַרק	34.5	1.5	— 10,0	+ 400	— 11,000	— 600
לימאַנאָוו	30,3	6 0	—	+ 300	— 7,550	—
זשעשאָוו	28.4	7.9	78.4	+ 1,100	— 10,100	+ 1,600
קשאַנאָוו	19.3	20.3	—		+ 3,350	—
פּאָדגוזשע	8.5	20.1	—	— 600	+ 1,800	—

*) אין א סך באַצירקהויפטמאַנשאַפטן פון מערב-גאַליציע זיינען די רוסינער צענדליקער אָדער הונדערטער נפשות, אַזעלכע באַצירקן האָבן מיר בעלאָזט אויסער אכט, בעתן אויסמאַרשן די אַנטוויקלונג פון דער רוסינישער באַפעלקערונג.

דער אַנטייל פֿון די דריי הויפּטפֿעלקער פֿון גאַליציע אין די קאָנצענטרירונגס-פּונקטן.

באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן.	דער פאַקטישער צוּוואוּקס אין פּראָצענטן אין יאָרצענדליק 1901 — 1910: יידן.	פּאָלאַקן.	רוסינער.	די אַבסאָלוטע צאָל בערך, וואָס האָט צוגעוואַנדערט (+) אָדער אויסגעוואַנדערט (—) אין 1901 — 1910 יאָרן: יידן.	פּאָלאַקן.	רוסינער.
מזרח-גאַליציע						
טורקע	49.7	139.0	12.8	+ 2,450	+ 2,700	— 1900
לעמבערג (אומג.)	35.5	41.2	15.7	+ 1,800	+ 12,400	—
דראָהאָביטש	34.4	79 5	15.3	+ 3,600	+ 13,200	—
סטרי	18.7	44.6	17.4	—	+ 3,000	+ 1,200
סטאַניסלאַוואָוו	16.3	20.1	2.3	— 500	+ 2,600	— 700
דאָבראָמיל	15.5	23.6	15.0	— 200	+ 600	— 6,100
קאָלאָמעא	10.8	47.3	10.1	— 1,500	+ 3,900	— 4,100
בוטשאַטש	9.9	27.1	5.1	— 1,300	+ 3,900	— 7,900
סאַמבאָר	9.6	20.9	7.9	— 700	+ 1,300	— 4,900
רודקי	6.9	20.8	11.2	— 700	+ 800	— 2,400
אַלט-סאַמבאָר	6.0	32.4	3.1	— 700	+ 1,000	— 5,600
סניאַטין	0.8	21 3	4.7	— 1,800	+ 300	— 7,300
מאָשציסקע	0.6	18.4	9.0	— 1,300	+ 500	— 3,300
טארנאָפּאָל	—0.1	19 0	4.4	— 3,600	+ 1,000	— 8,300
ראָהאַטין	—0.2	22.5	14.7	— 2,500	+ 1,100	— 900
האָראָדענקאָ	—1.4	21.7	2.5	— 2,000	+ 400	— 9,100
יאַוואָראָוו	—2.7	30.6	10.9	— 1,400	+ 1,200	— 3,100
זשידאַטשעוו	—2.7	18.9	13.3	— 1,500	+ 3,00	— 3,500
זאַלעשטשיקי	—2.8	18.8	4.2	— 2,000	+ 300	— 10,500
טשאָרטקאָוו	—3 1	19.1	3 1	— 1,700	+ 500	— 5,800
באָהאָראָטשאַני	—6.7	28.6	15.0	— 2,000	+ 300	—
קאַלוש	—6.9	32.9	12.9	— 2,200	+ 1,200	— 2,100
זבאַראָוו	—8.4	23.3	11 5	— 1,800	+ 600	— 1,700

די אינערלעכע צוואַנדערונג האָט באַטראָפן ביי די:

פּאָלאַקן	58,250	נפשות
ייִדן	10,750	„
רוסינער	2,800	„
צוזאַמען	71,800	נפשות.

לויט די באַזונדערע טיילן פון גאַליציע (מערב און מזרח) איז דער דאָזיקער פּראָצעס פאָרגעקומען אויף פאָלגענדן אופן:

מערב־גאַליציע — ס'האָבן געהאַט אַ צוואַנדערונג:

פּאָלאַקן אין 2 באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן (קשאַנאָוו און פּאָדגוזשע)
ייִדן „ 4 „ (אָסווענצים, ביימאַרק, לימאַנאָוו און זשעשאָוו)
רוסינער „ 1 „ (זשעשאָוו).

דערביי איז די פּוילישע צוואַנדערונג אויך אין קשאַנאָוו און פּאָדגוזשע געווען אַן אומבאַדייטנדע. דער פאַקטישער צוּוווּקס פון דער פּוילישער באַפעלקערונג האָט דאָ באַטראָפן ס"ה 20 פּראָצענט, בעת דער דורכשניטלעכער נאַטירלעכער צוּוווּקס פון די פּאָלאַקן פאַרן דערמאָנטן פּעריאָד האָט באַטראָפן 16.3 פּראָצענט. דאַקעגן איז די צוואַנדערונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג געווען פאַרהעלטנישמעסיק אַ זייער גרויסע און דער ייִדישער פאַקטישער צוּוווּקס האָט דאָ באַטראָפן פון 28.4 אין זשעשאָוו ביז 36.9 אין אָסווענצים.

דעם העכסטן פאַקטישן צוּוווּקס האָבן געהאַט די רוסינער (87.4 פּראָצענט), אָבער בלויז אין איין איינציקן באַצירק (קשאַנאָוו).

צוזאַמען האָט באַטראָפן די צוואַנדערונג אין די באַצירקן פון מערב־גאַליציע:

ביי די פּאָלאַקן	5,150	נפשות
„ „ ייִדן	2,700	„
„ „ רוסינער	1,600	„
צוזאַמען	9,450	נפשות.

אינטערעסאַנט איז דערביי צו באַמערקן, אַז דער אינעווייניקסטער צוואַנדערונגס־שטראָם פון דער ייִדישער און פּוילישער באַפעלקערונג זיינען געגאַנגען אין מערב־גאַליציע אין גאַנץ פאַרשיידענע ריכטונגען: די ייִדישע צוואַנדערונג האָט זיך אָפּגעזעצט אין די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן: אָסווענצים, ביימאַרק, לימאַנאָוו און זשעשאָוו, וואָס האָבן אין משך פונם דערמאָנטן יאָרצענדליק אַבסאָלוט נישט געהאַט קיין פּוילישע צוואַנדערונג. פאַרקערט: דריי פון די דאָזיקע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן (ביימאַרק, לימאַנאָוו און זשעשאָוו) האָבן נאָך געהאַט אַ פּוילישע אויסוואַנדערונג.

די פּוילישע צוואַנדערונג האָט זיך אָפּגעזעצט אין באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן קשאַנאָוו און פּאָדגורזשע, ווו קיין ייִדישע צוואַנדערונג איז נישט געווען, און איינע פון זיי (פּאָדגורזשע) האָט אַפילו געגעבן אַ זייער גרויסע ייִדישע אויס־וואַנדערונג.

דאָס, פאַרשטייט זיך, ערקלערט זיך מיט דער פאַרשיידנאַרטיקער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון די ביידע צוואַנדערונגס־מאַסן (ייִדישער און פּוילישער), וואָס ווערן דעריבער צוגעצויגן דורך פאַרשיידנאַרטיקע עקאָנאָמישע פאַקטאָרן.

מזרח־גאַליציע. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מזרח־גאַליציע איז אינדוסטריעל ווייניקער אַנטוויקלט, איידער מערב־גאַליציע, און דעריבער דאַרפן דאָ, אין אַלגעמיין גענומען, די אינעווייניקסטע וואַנדערונגען בכלל, אַלזאָ אויך די אינעווייניקסטע צוואַנדערונג, זיין אַ קלענערע אין מערב־גאַליציע, איז דאָך דאָ אין מזרח־גאַליציע די צאָל באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן, ווו איינע פון די דריי הויפּטפעלקער האָט געהאַט אַ צוואַנדערונג (פאַקטישער צווווקס גרעסער איידער דער נאַטירלעכער) געווען אין יאָרצענדליק 1901 — 1910 גרעסער איידער אין מערב־גאַליציע.

כמעט אין דער העלפט פון אַלע מזרח־גאַליצישע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן — 23 פון דער אַלגעמיינער צאָל 51 — האָט איינע פון די דריי הויפּטפעלקער געהאַט אַ צוואַנדערונג. דערביי האָבן געהאַט אַ צוואַנדערונג:

די פּאָלאַקן אין אַלע 23 באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן.
„ ייִדן „ „ 3 „ (טורקע, לעמבערג־אומג. און דראָהאָביטש).
„ רוסינער „ „ 1 „ (סטרי)

די גאַנצע אינעווייניקסטע צוואַנדערונג פון מזרח־גאַליציע האָט באַטראָפן ביי די:

פּאָלאַקן . . .	53,100	נפשות
ייִדן	7,850	„
רוסינער . . .	1,200	„
צוזאַמען	62,150	נפשות.

אינטערעסאַנט איז, וואָס די פּאָלאַקן, וואָס מאַכן אויס בלויז 25 פּראָצענט פון דער גאַנצער מזרח־גאַליצישער באַפעלקערונג בילדן 85 פּראָצענט פון דער אינעווייניקסטער צוואַנדערונג אין מזרח־גאַליציע נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אויך אין מזרח־גאַליציע זיינען די פּאָלאַקן הויפּטזעכלעך אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע באַפעלקערונג, וואָס איז בכלל נישט איבעריק באַוועגלעך.

די ייִדן, וואָס זיינען אויך אין מזרח־גאַליציע הויפּטזעכלעך אַ שטאָטישע באַפעלקערונג, אַלזאָ, דער סאַמע באַוועגלעכסטער טייל פון דער מזרח־גאַליצישער

באפעלקערונג האָבן געבילדעט בלויז 13 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער אינעווייניקסטער צוואַנדערונג אין מזרח־גאַליציע, אומגעפער גלייך זייער פּראָצענטועלן אנטייל אין דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פונם דאָזיקן קאַנט.

ס׳באַטייליקן זיך נישט אין דער אינעווייניקסטער צוואַנדערונג פון מזרח־גאַליציע גראָד דאָס מערהייטס־פאָלק פונם דאָזיקן לאַנד — די רוסינער. בלויז אין איינציקן באַצירק פון מזרח־גאַליציע איז דער פאַקטישער צוווּקס געווען העכער, ווי דער דורכשניטלעכער נאַטירלעכער צוווּקס פון די רוסינער אין גאַליציע (15.9) — דאָס איז די באַצירקהויפּטמאַנשאַפט סטרי, וווּ די רוסינישע באַפעלקערונג האָט זיך אין משך פון 1901 — 1910 פאַרגרעסערט אויף 17.4 פּראָצענט. אויב מ׳זאָל אָננעמען, אַז אין סטרי איז אין דער ווירקלעכקייט דער פאַקטישער צוווּקס פון די רוסינער געווען נישט העכער, ווי זייער דורכשניטלעכער נאַטירלעכער צוווּקס אין לאַנד, דאַן וואָלט דאָ געווען אַ רוסינער צוואַנדערונג פון ס״ה 1,200 נפשות (קאַרגער 2 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צוואַנדערונג). אָבער אויך די דאָזיקע נישטיקע רוסינישע צוואַנדערונג געפינט זיך אונטער אַ ספק, ווייל אַ וואַקלונג פון 1.5 פּראָצענט אין דער נאַטירלעכער באַוועגונג אין באַזונדערע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן איז דאָך מער ווי וואַרשיינלעך. אין די אַלע איבעריקע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן איז דער פאַקטישער צוווּקס פון די רוסינער אַזאַ, אַז ס׳בלייבט קיין ספק נישט איבער אין דעם, אַז אין בעסטן פאַל איז געלונגען די רוסינער אויפצוהאַלטן זייער גאַנצן נאַטירלעכן צוווּקס (אַזעלכע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן זיינען דאָ בס״ה פינף). און אין די אַלע איבעריקע מזרח־גאַליצישע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן האָט די רוסינישע באַפעלקערונג געגעבן אַ באַדייטנדע אויסוואַנדערונג, וואָס האָט אין אייניקע פאַלן אַוועקגעטראָגן כמעט דעם גאַנצן נאַטירלעכן צוווּקס און אין באַצירקהויפּטמאַנשאַפט זאַלעשטשיקי האָט אַפילו די אויסוואַנדערונג געבראַכט צו אַן אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער רוסינישער באַפעלקערונג (אויף 4.2 פּראָצענט).

כדי צו פאַרשטיין ווי געהעריק די סיבות פון דער אַנטוויקלונג פון דער פוילישער באַפעלקערונג אין מזרח־גאַליציע, ווי אויך דעם איבערוויגנדן אַנטייל פון די פּאָלאַקן אין דער אינעווייניקסטער צוואַנדערונג פון מזרח־גאַליציע, מוז מען באַמערקן, אַז אין משך פון די גאַנצע דרייסיק יאָר (1880 — 1910) באַמערקט זיך אַ צוואַנדערונג פון פּאָלאַקן פון מערב־גאַליציע קיין מזרח־גאַליציע, אַלזאָ, אויך מיט דער דאָזיקער מערב־גאַליצישער פוילישער עמיגראַציע ערקלערט זיך אויך די אינעווייניקסטע צוואַנדערונג פון די פּאָלאַקן אין די מזרח־גאַליצישע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן.

אין ס׳איז אָבער צו אַ ווערנטלעכער הילוק צווישן דער יידישער און פוילישער אינעווייניקסטער צוואַנדערונג אין מזרח־גאַליציע: בעת די יידישע צו־

וואַנדערונג איז אַ פּועל־יוצא פון איבערוואַנדערונגען (אין די גרעניצן פון מזרח־גאַליציע) איבערוואַנדערונגען, און ענדערט אַבסאָלוט נישט דעם פּאָליטישן געוויכט פון די יידישע מאַסן אין לאַנד, איז די פּוילישע צוואַנדערונג נישט קיין פּראָדוקט פון אינערלעכע וואַנדערונגען, נאָר אַ פּועל־יוצא פון די קאָלאָניזאַטאָרישע פּאָליטיק, וואָס די פּוילישע מאַכטהאָבער האָבן געפירט אין מזרח־גאַליציע, כדי צו פאַרשטאַרקן דאָרט דעם פּוילישן עלעמענט.

די דאָזיקע פּוילישע קאָלאָניזאַטאָרישע פּאָליטיק אין מזרח־גאַליציע האָט בנוגע צו דער איבעריקער באַפעלקערונג געטראָגן אַ פּשוטן אויסראָטונגס־כאַראַקטער, באַזונדער בנוגע דער יידישער באַפעלקערונג. אַז די פּוילישע עמיגראַציע פון מערב־גאַליציע איז פאָרגעקומען נישט אַ דאַנק דער וואַקסנדער אויפנאַמספעיקייט פון די מזרח־גאַליצישע באַצירקן, ווו די דאָזיקע פּוילישע איינוואַנדערונג האָט זיך אָפּגעזעצט, נאָר הויפּטזעכלעך אַ דאַנק דער פאַרדרענגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז שוין צו זען פון דעם אַליין, וואָס אין גרעסטן טייל פון די מזרח־גאַליצישע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן, וואָס האָבן געהאַט אַ פּוילישע צוואַנדערונג (אַ חוץ טורקאָ, לעמבערג־אומגעבונג, דראָביטש, סטרי, דאָבראָמיל און סטאַניסלאַוואָוו) האָבן די יידן נישט געקענט אויפהאַלטן זייער גאַנצן נאַטירלעכן צוּוווּקס און האָבן געמוזט אויסוואַנדערן, אָפּטרעטנדיק זייער פּלאַץ דער פּוילישער צוואַנדערונג.

ווי שטאַרק ס'איז געווען דאָס אַרויסשטויסן פון דער יידישער באַפעלקערונג דורך דער פּוילישער צוואַנדערונג איז אַמבולטסטן צו זען פון דעם, וואָס אַפילו אין אַזעלכע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן ווי יאַוואָראָוו, זאַלעשציקי, באָהאָראָדטשאַני, קאַלוש און דאָבראָוו, ווו די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אינם משך פונם יאָרצענדליק 1901 — 1910 אַבסאָלוט פאַרקלענערט, האָט דער פאַקטישער צוּוווּקס פון דער פּוילישער באַפעלקערונג דערגרייכט ביז 33 פּראָצענט (קאַלוש), וואָס זאָגט עדות וועגן אַ באַדייטנדע פּוילישע איינוואַנדערונג, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די אַרויסגעשטופּטע יידן, וואָס זיינען פריער שוין געווען עקאָנאָמיש איינגעאָרדנט אין די דאָזיקע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן.

די יידן זיינען אָבער נישט די איינציקע קרבנות פונם „דראַנג נאָך מזרח“, וואָס האָט זיך באַמערקט ביי מערב־גאַליצישע פּאָלאַקן אין זייער „עקאָנאָמישער אָפּענסיווע“, וואָס זיי האָבן געפירט אויף מזרח־גאַליציע אין יאָרצענדליק 1901 — 1910. אויך די אוקראַינישע באַפעלקערונג פון מזרח־גאַליציע האָט נישט ווייניק געהאַט אויסצושטיין פון דער פּוילישער קאָלאָניזאַטאָרישער פּאָליטיק. דער מערב־גאַליצישער פּוילישער ווירטשאַפטלעכער אָנגריף האָט זיך, פאַרשטייט זיך, נישט באַגרענעצט בלויז מיט דער שטאָט און שטעטל און האָט זיך פאַרשפּרייט אויך

אויפן דאָרף.

אזוי צום ביישפיל האָט די פוילישע צוואַנדערונג אין באַצירקהויפּטמאַנשאַפט לעמבערג-אומגעבונג באַטראָפן אין יאָרצענדליק 1901 — 1910 בערך פון 12 נפשות, בעת די פוילישע צוואַנדערונג אין די שטעטלעך (קיין שטעט איז אין באַצירק לעמבערג-אומגעבונג נישטאָ), אויב מ'זאָל אהער אפילו צורעכענען די דאָרפישע קהלות: זניעסעניע, זאמארסטינאָוו און קלעפּאַראָוע, וואָס זיינען פּאַקטיש שטעטלעך (פאָרשטאָטן פון דער שטאָט לעמבערג), האָט באַטראָפן בערך פון 3200 נפשות, אַלזאָ, די פוילישע איינוואַנדערונג אין די דערפער פון דער באַצירקהויפּטמאַנשאַפט לעמבערג-אומגעבונג פאַרן יאָרצענדליק 1901 — 1910 באַטראָפן בערך פון 9000 נפשות. דאָס זעלבע וואָלט מען געקאָנט אויך דערווייזן בנוגע די באַצירק-הויפּטמאַנשאַפטן: סטרי, רודקי און א רייע אַנדערע באַצירקן פון מזרח-גאַליציע.

אין אַלגעמיין האָבן אַלע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן פון מזרח-גאַליציע, וואָס האָבן געהאַט אינם דערמאָנטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) אַ פוילישע צוואַנדערונג, געגעבן אַ רוסינישע אויסוואַנדערונג בערך פון 36,000 נפשות. אַלזאָ, מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ גאַנץ אויסגעשפּראָכענע אַרויסשטופּונג און פאַרדרענגונג אויך פון דער רוסינישער באַפעלקערונג דורך דער מערב-גאַליצישער פוילישער איינוואַנדערונג. דער חלוק איז בלויז דער, וואָס בעת דער פאַרדרענגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מזרח-גאַליציע דורך דער מערב-גאַליצישער פוילישער איינוואַנדערונג האָט אָנגענומען אַ זייער שאַרפע פאָרם און דראָענדן כאַראַקטער, און ס'האָט אין משך פון איין יאָרצענדליק אַפילו גע-בראַכט צו אַן אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעל-קערונג אין 11 באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן פון מזרח-גאַליציע, האָט די פאַרדרענ-גונג פון די רוסינער דורך דער פוילישער איינוואַנדערונג פון מערב-גאַליציע געטראָגן אַ ווייניקער שאַרפע פאָרם און כאַראַקטער. דער מערב-גאַליצישער איינוואַנדערונג האָט זיך בלויז איינגעגעבן צו פאַרנעמען דעם אָרט פון אַ טייל פונם רוסינישן נאַטירלעכן צוּוווּקס, וואָס איז איר געלונגען אַרויסצושטויסן. בלויז איין איינציקער באַצירק האָט געגעבן אַן אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער רוסינישער באַפעלקערונג (זאַלעשציקי), אָבער גראָד אין דעם באַצירק איז די פוילישע איינוואַנדערונג (אויב זי איז בכלל געווען) געווען אַן אומבאַדיי-טנדע (ס"ה עטלעכע הונדערט נפשות) און זי האָט, פאַרשטייט זיך, נישט גע-קאָנט אַרויסרופן די אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער רוסינישער באַפעלקערונג.

אויב בנוגע צו דער אינעווייניקסטער עמיגראַציע און קאָנצענטראַציע, ווי ס'איז צו זען פון די געבראַכטע טאַבעלן, זיינען די רוסינער די שוואַכסטע אין

מזרח-גאַליציע, זיינען זיי אָבער אינם קאמף פאַר דער אויפהאַלטונג פון זייערע עקאָנאָמישע פאָזיציעס פיל שטאַרקער איידער די יידישע באַפעלקערונג פון מזרח-גאַליציע, און דאָס אַרויסשטופן פון די רוסינער דורך דער מערב-גאַליצישער פוילישער איינוואַנדערונג קומט פאָר אין אַ שוואַכערע פאָרם, ווי דאָס אַרויס-שטופן פון די יידן.

אין זין פון אויפהאַלטן זייערע עקאָנאָמישע פאָזיציעס האָבן זיך די יידן אין מזרח-גאַליציע אין יאָרצענדליק 1901 — 1910 אַרויסגעוויזן אַלס די סאַמע שוואַכסטע.

די פאַרטיילונג פון די יידן אין די שטעט, שטעטלעך און דערפער פון גאַליציע.

זייער חיכטיק איז די פראַגע, ווי אַזוי איז פאַרטיילט די יידישע באַפעל-קערונג פון גאַליציע צווישן די שטעט, שטעטלעך און דערפער. די גאַליצישע סטאַטיסטיק, ווי אויך די אַלגעמיינע עסטרייכישע סטאַטיסטישע צענטראַל-קאָמיסיע טיילט פאַנאַנדער די דאָזיקע דריי קאַטעגאָריעס פון וואוינפלעצער בלויז אויפן סמך פון אַ ד מ י נ י ס ט ר אַ ט י װ ן ס י מ ן, לויטן כאַראַקטער פון זייער זעלבסטפאַר-וואַלטונג.

געוויס האָט דער דאָזיקער מעטאָד פיל חסרונות. ס'זיינען זיכער דאָ ווישט ווייניק וואוינפלעצער, וואָס, לויט דער אַרט פון זייער זעלבסטפאַרוואַלטונג, זיינען זיי פאַררעכנט אין דער צאָל דערפער, אָבער אין אמתן, לויט זייער סאָציאַל-עקאָנאָמישן כאַראַקטער, טיילן זיי זיך נישט אָפּ פון די שטעט און שטעטלעך, וואָס הייסט, אַז די הויפּטבאַשעפטיקונג פון זייערע איינוווינער איז האַנדל און מלאכה. פאַרקערט, צווישן די וואוינפלעצער, וואָס זיינען אָפיציעל פאַררעכנט אין דער צאָל שטעטלעך, וועלן זיך וואַרשיינלעך געפינען אויך אַ זעלכע, וואָס, לויט זייער עקאָנאָמישן מהות, זיינען זיי עכטע ד ע ר פ ע ר, ווו די הויפּט באַשעפ-טיקונג פון די איינוווינער איז ע ר ד-אַ ר ב ע ט, אָ ד ע ר א י ר ע ב י י צ ו ו י י ג ן. אין אַלגעמיין אָבער אַנטשפּרעכט די דאָזיקע אַדמיניסטראַטיווע קלאַסיפיקאַציע אויך דעם עקאָנאָמישן כאַראַקטער פון די וואוינפלעצער.

לויט דער דאָזיקער אַדמיניסטראַטיווער צייטונג זיינען געווען:

וואוינפלעצער.	מערב-גאַליציע.	מזרח-גאַליציע.	צוזאַמען אין גאַנץ גאַליציע.
אויטאָנאָמע שטעט (מיט אַן אייגענעם סטאַטוס).	1	1	2
שטעט (מיט אַ זעלבסטפאַר-וואַלטונג לויטן געזעץ פון 1889 יאָר).	11	19	30
שטעטלעך (מיט אַ זעלבסט-פאַרוואַלטונג לויטן געזעץ פון 1896 יאָר).	56	83	139
בס"ה שטאָטישע וואוינפלעצער.	68	103	171

די אַלע איבעריקע ווינפּלעצער פאַרהאַלטן זיך אויפן יסוד פונם אַלגעמיי־נעם געזעץ וועגן געמיינדן און בילדן, אַזוי צו זאָגן, דעם דאָרפישן טייל פון גאַליציע.

צווישן די ראָזיקע פיר קאַטעגאָריעס ווינפּלעצער איז די יידישע באַפעל־קערונג געווען פאַרטיילט, לויט ווי ס'ווייזט די טאַבעלע ז' 72.

אין די שטעט פון גאַליציע (צוזאַמען מיט די אווטאָנאָמע שטעט) האָבן גע־וווינט 38.8 פראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, אין די שטעטלעך 29.3 פראָצענט, אין שטעט און שטעטלעך צוזאַמען 63.4 פראָצענט פון אלע יידן אין גאַליציע. די איבעריקע 36.6 פראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע האָבן געלעבט אין די דערפער.

ווי ס'איז צו זען פון דער דאָזיקער טאַבעלע זיינען די גאַליצישע יידן, לויט זייער פאַרטיילונג צווישן דאָרף און שטאָט, אַן עכט שטאָטיש פאָלק, אָבער דאָך נישט אין אזא שטאַרקער מאָס, ווי די יידישע באַפעלקערונג אין אַנדערע לענדער מיט אַ יידישער מאַסנהאַפטער באַפעלקערונג.

לויט דער רוסישער פאָלקסציילונג פון 1897 יאָר זיינען די יידן געווען פאַרטיילט צווישן דאָרף און שטאָט אויף פאָלגענדן אופן:

די ראַיאָנען פון דעם יידישן תחום.	שטעט.		שטעטלעך.		דערפער	
	אַבסאָלוט.	אין פראָצ.	אַבסאָלוט.	אין פראָצ.	אַבסאָלוט.	אין פראָצ.
צפון־מערב [1]	622,827	43.8	533,097	37.5	266,507	18.7
רוסיש־פוילן	813,375	61.6	331,526	25.1	176,199	13.3
דרום־מערב [2]	717,665	40.6	712,045	40.3	338,850	19.1
דרום־מזרח [3]	239,145	6.18	42,093	10.9	105,998	27.3
ס"ה	2,393,012	48.8	1,618,76	33.1	887,554	18.1

מיר זען, אַלזאָ, אַז אין גאַליציע איז דער פראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס וווינט אין דאָרף געווען צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי אין דעם געוועזענעם יידישן תחום פון רוסלאַנד (36.6 קעגן 18.1 פראָצענט).

1) די פאָלגנדע גובערניעס: מינסק, וויטעבסק, מאָהילעוו, גראָדנע, ווילנע און קאָוונע.

2) וואָלין, פאָדאָל, קיעוו, בעסאַראַביע און כערסאָן.

3) טשערניגאָוו, פּאָלטאַווע, יעקאַטערינאָסלאַוו. טאַבריע.

די יידישע באַפעלקערונג אין די שטעט, שטעטלעך און דערפער פון גאַליציע.

יאָרן	אַווטאָנאָמע שטעט. אַבסאָלוט.	אַווטאָנאָמע שטעט. פּראָצ. לגבי דער גאַנצער יידיש. באַפעלק.	די איבעריקע שטעט. אַבסאָלוט.	די איבעריקע שטעט. פּראָצ. לגבי דער גאַנצער יידיש. באַפעלק.	אין אַלע שטעט צוזאַמען. אַבסאָלוט.	אין אַלע שטעט צוזאַמען. פּראָצ. לגבי דער גאַנצער יידיש. באַפעלק.	אין די שטעטלעך. אַבסאָלוט.	אין די שטעטלעך. פּראָצ. לגבי דער גאַנצער יידיש. באַפעלק.	אין די שטעט. אַבסאָלוט.	אין די שטעט. פּראָצ. לגבי דער גאַנצער יידיש. באַפעלק.	אין די דערפער. אַבסאָלוט.	אין די דערפער. פּראָצ. לגבי דער גאַנצער יידיש. באַפעלק.
מערב־גאַליציע.												
1880	20,269	12.0	31,293	18.5	51,562	30.5	53,629	31.5	105,191	62.0	64,354	38.0
1890	20,939	11.3	34,450	18.9	55,389	30.2	58,034	31.7	113,423	61.9	69,888	38.1
1900	25,910	13.5	39,771	20.7	65,681	34.2	61,068	31.7	126,749	65.9	65,633	34.1
1910	32,321	15.2	51,257	24.1	83,578	39.3	68,046	31.9	151,624	71.2	61,549	28.8
מזרח־גאַליציע.												
1880	30,951	6.0	144,445	22.1	145,505	28.1	162,489	31.4	307,895	59.5	209,146	40.5
1890	36,130	6.2	126,775	21.6	163,905	27.8	178,880	30.6	341,794	53.4	243,740	41.6
1900	44,238	7.2	138,234	22.3	182,522	29.4	178,375	28.8	360,897	53.3	257,904	41.7
1910	57,387	8.7	157,013	23.8	214,400	32.5	185,532	28.1	399,932	60.6	258,790	39.4
גאַנץ גאַליציע.												
1880	51,230	7.5	145,738	21.2	496,968	28.7	216,118	31.5	413,085	60.2	273,500	39.8
1890	57,0[illegible]	7.4	161,222	21.0	218,281	28.4	236,923	31.8	455,217	59.2	313,628	40.8
1900	70,1[illegible]8	8.7	178,035	21.9	248,203	30.6	239,443	39.5	482,646	60.1	323,537	39.9
1910	83,708	10.3	208,270	23.8	297,978	34.1	253,578	29.3	551,556	63.4	320,339	36.6

אינטערעסאַנט איז אָבער אויך דאָס, וואָס צווישן די אַלע פיר ראַיאָנען פונם געוועזענעם יידישן תחום איז קיין איינציקער נישטאָ, ווו ס'זאָל לעבן אַזאַ גרויסער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די דערפער, ווי אין גאַליציע.

אין דער פאַרטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג צווישן דאָרף און שטאָט אינם געוועזענעם יידישן „תחום" וועלן מיר קענען געפינען אַן ערקלערונג פאַרן שטאַרקערן דאָרפישן כאַראַקטער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע.

אַז מיר פאַרגלייכן דעם פראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס וווינט אין די דערפער און די 4 ראַיאָנען פון דעם געוועזענעם יידישן תחום, באַמערקן מיר, אַז גראָד דאָס אינדוסטריעל-אַנטוויקלט פוילן גיט דעם קלענסטן פראָצענט יידן, וואָס וווינען אין די דערפער (ס"ה 13.3 פראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן).

עטוואָס העכער, אָבער דאָך נישט שטאַרקער איז דער דאָרפישער כאַראַקטער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די צוויי מער אָדער ווייניקער אינדוסטריעל אַנטוויקלטע צפון-מערבדיקן און דרום מערבדיקן ראַיאָנען (אינם ערשטן 18.7 און אינם צווייטן 19.1 פראָצענט). אַמשטאַרקסטן איז דער דאָרפישער כאַראַקטער פון דער יידישער באַפעלקערונג גראָד אינם אינדוסטריעל אָפגעשטאַנענעם דרום-מזרחדיקן ראַיאָן, ווו אין די דערפער לעבן 27.8 פראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג *).

ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אין גאַליציע, ווו דער קאַפּיטאַליזם געפינט זיך ערשט אין קינדער-וויקעלעך, איז דער פראָצענט פון די יידן, וואָס לעבן אין דאָרף פיל העכער איידער אַפילו אינם דרום-מזרחדיקן טייל פונם געוועזענעם רוסישן תחום.

ס'וואָלט געווען אַ טעות צו ערקלערן דעם חילוק אין דער פאַרטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג צווישן דאָרף און שטאָט אין גאַליציע און אינם געוועזענעם יידישן תחום פון רוסלאַנד מיט דעם, וואָס אין רוסלאַנד האָבן די יידן נישט געהאַט קיין רעכט צו וווינען אין די דערפער, ווען אין גאַליציע עקזיסטירט שוין לאַנג נישט קיין שום באַגרענעצונגען פאַר די יידישע מאַסן בנוגע צו זייער וווינרעכט. דער בעסטער באַווייז איז רוסיש-פוילן, ווו די באַגרענעצונגען בנוגע צו די וווינרעכט פון די יידן אין די דערפער זיינען געווען אַ סך

*) צווישן די פיר גוב. פון דרום-מזרחדיקן ראַיאָן געפינט זיך אויך די יעקאַטערינאָסלאַווער גוב. מיט אַ הויך אַנטוויקלטער אינדוסטריע. דער גרויסער פראָצענט פון די יידן, וואָס לעבן דאָ אין די דערפער, ערקלערט זיך דערמיט, וואָס אַ גאַנצע רייע אינדוסטריעלע פונקטן האָבן אין דער צייט פון דער פאָלקסציילונג נאָך נישט געהאַט דאָס רעכט אויף שטאָט-פאַרוואַלטונג און זיינען פאַררעכנט געוואָרן אין די דערפער.

מילדער, און דאָך האָט דאָ אין פוילן פאַרהעלטנישמעסיק, אין פאַרגלייך מיט די איבעריקע טיילן פונם יידישן תחום, דער קלענסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג געלעבט אין די דערפער, און דער פאַרשטאַרקטער שטאָטישער כאַראַקטער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פוילן דאַרף ערקלערט ווערן בלויז מיט דעם, וואָס דאָ אין פוילן האָט די שטאָטישע אינדוסטריע דערגרייכט אַ סך אַ העכערע מדרגה, ווי די איבעריקע טיילן פונם „תחום", און דעריבער האָבן די פוילישע שטעט געהאַט אַ שטאַרקערע צוציִונגסקראַפט פאַר די יידישע מאַסן.

אויך בנוגע צו דער פאַרטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג צווישן שטאָט און שטעטל באַמערקט זיך אַ גרויסער חילוק צווישן דעם געוועזענעם תחום אין גאַליציע. אין גאַליציע האָבן געלעבט אין שטעט 34.1 פראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג און אין די שטעטלעך 29.3 פראָצ., בעת אינם געוועזענעם „תחום" האָבן אין די שטעט געלעבט 48.8 פראָצ. און אין די שטעטלעך 33.1 פראָצ. פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. מיר זען, אַלזאָ, אַז די פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די דערפער פונם געוועזענעם תחום איז פאָרגעקומען הויפטזעכלעך לטובת די שטעט, וואָס האָבן שוין אויפגענומען אין 1897 יאָר כמעט די העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג. און ווירקלעך האָבן אַרויסגעוויזן די גרויסע שטעט פונם געוועזענעם תחום נאָך ביזן 1897 יאָר אַ שטאַרקע צוציִונגסקראַפט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון די איבעריקע וווינונגס־פלעצער, וואָס איז צו זען פון דעם, וואָס זייער פאַקטישער צוווּקס איז געווען, אָנהייבנדיק פון 1881 יאָר, העכער איידער דער נאַטירלעכער ד. ה. אַז זיי האָבן געדינט אַלס עמיגראַציאָנס־פונקטן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון די אַנדערע וווינ־פלעצער.*) די גאַליצישע שטעט אָבער האָבן אין משך פון דער גאַנצער צייט אין אַלגעמיין אַזאַ צוציִונגסקראַפט בנוגע צו דער יידישער באַפעלקערונג פון אַנדערע פונקטן נישט פאַרמאָגט (אַחוץ אייניקע אויסנאַמען).

בנוגע צו דער פאַרטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג צווישן שטאָט און דאָרף באַמערקט זיך אַ גרויסער חילוק צווישן מערב־און מזרח־גאַליציע.

אין מערב־גאַליציע האָבן אין די שטעט געלעבט 39.3 פראָצ. און אין די שטעטלעך 31.9 פראָצ. פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. צוזאַמען אין די שטאָטישע געמיינדן האָבן, אַלזאָ, געלעבט מער פון 70 פראָצ. (גענוי 71.2 פראָצ.) און אין די דערפער ס׳ה קאַרגער 30 (גענוי 28.8 פראָצ.). אין דעם פרט

*) זע גענויער וועגן מײַן אַרטיקל „די אינערלעכע איבערוואַנדערונג אין רוסלאַנד", דאָס נײַע לעבן 1910, חשון 2, ניו־יאָרק.

דערנענט זיך מערב־גאַליציע צו אייניקע ראַיאָנען פֿונם געוועזענעם תּחום: דרום־מערבדיקן, ווו אין די שטעט און שטעטלעך לעבן העכער 80.0 פּראָצ..

אין מזרח־גאַליציע האָבן אין די שטעט געוווינט 32.5 פּראָצ. און אין די שטעטלעך 28.1 פּראָצ., צוזאַמען אין די שטאָטישע געמיינדן 61.6 פּראָצ. פֿון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. אַלזאָ, אויך דאָ אין גאַליציע, בנוגע צו אירע באַזונדערע טיילן, באַמערקט זיך די זעלבע טענדענץ, וואָס מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, פאַרגלייכנדיק די פאַרטיילונג פֿון דער יידישער באַפעלקערונג צווישן שטאָט און דאָרף אין גאַליציע און אינם געוועזענעם יידישן „תּחום”, און נעמלעך: וואָס אַנטוויקלטער ס'איז די געגנט, אַלץ גרעסער איז דער שטאָטישער כאַראַקטער פֿון דער יידישער באַפעלקערונג, אָבער דאָס איז נישט די איינציקע סבה. אַ גרויסע ראָלע שפּילט אין דעם פּרט די קאָנקורענץ־פעיקייט פֿון דער נישט־יידישער דאָרפישער באַפעלקערונג אויפֿן געביט פֿונם האַנדל און מלאכה, און אין דעם פּרט איז די נישט־יידישע באַפעלקערונג פֿון מערב־גאַליציע, וואָס באַשטייט כּמעט אויסשליסלעך פֿון פּאָליאַקן, וואָס געפינען זיך אויף אַ העכערער מדרגה פֿון קולטורעלער אַנטוויקלונג, קאָנקורענץ־פעיקער איידער די יידישע באַפעלקערונג פֿון מזרח־גאַליציע, וואָס באַשטייט אין גרעסטן טייל פֿון רוסינער.

זייער וויכטיק זיינען די פאַרענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין משך פֿון די דרייסיק יאָר אין דער פאַרטיילונג פֿון דער יידישער באַפעלקערונג פֿון גאַליציע צווישן שטאָט און דאָרף.

אין 1880 יאָר האָבן אין די שטעט פֿון גאַליציע (צוזאַמען מיט די אויטאָנאָמע שטעט קראָקע און לעמבערג) 28.7 פּראָצ. און 31.5 פּראָצ. פֿון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעטלעך. מיט 10 יאָר שפּעטער אין 1890 יאָר האָבן אין די שטעט געלעבט 28.4 פּראָצ. און אין די שטעטלעך 30.8 פֿון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. אַלזאָ, דער פּראָצענט פֿון די יידן, וואָס האָבן געלעבט סיי אין די שטעט, סיי אין די שטעטלעך האָט זיך אין משך פֿונם דערמאָנטן יאָרצענדליק פאַרקלענערט, אָבער אומבאַדייטנד. פאַרקערט, דער דאָרפישער טייל פֿון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט פֿון 39.8 אויף 40.8 פּראָצ. פֿון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע.

אין צווייטן יאָרצענדליק האָט זיך דער פּראָצענט פֿון דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג פאַרגרעסערט פֿון 28.4 אויף 30.6 פּראָצ., אין די שטעטלעך איז דער טייל פֿון די יידן געפאַלן פֿון 30.8 אויף 29.5 פּראָצ.. אין אַלגעמיין אָבער האָט זיך דער שטאָטישער טייל פֿון דער יידישער באַפעלקערונג פאַרגרעסערט פֿון 59.2 אויף 60.1 פּראָצ. און דער דאָרפישער טייל איז, אין

צוזאַמענהאַנג מיט דעם, געפֿאַלן פֿון 40.8 אויף 39.9 פּראָצענט.

די זעלבע ערשיינונג, נאָר נאָך אין א מער שטאַרקערער פֿאָרם באַמערקט זיך אינם לעצטן יאָרצענדליק (1900 — 1910), ווען דער פּראָצענט פֿון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס לעבט אין די שטעט שוין דערגרייכט 34.1 (קעגן 30.8 אין 1900 יאר). דער פּראָצענט יידן, וואָס האָט געלעבט אין די שטעטלעך איז געבליבן אומגעפער נישט געענדערט און האָט באַטראָפן אין 1910 יאָר 29.3 פּראָצענט. באַדייטנד פֿאַרקלענערט האָט זיך אינם לעצטן יאָרצענדליק דער פּראָצענט פֿון די יידן, וואָס לעבן אין די דערפער (פֿון 39.9 אויף 36.6 פּראָצ.). אַלזאָ, אויף וויפֿל ס'איז צו משפטן לויט די געבראַכטע טאַבעלן, האָט זיך דער פּראָצעס אורבאַניזירונג פֿון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע אָנגעהויבן ערשט זייט 1890 יאָר און האָט זיך אַמשטאַרקסטן אַנטוויקלט אינם לעצטן יאָרצענדליק (1900 — 1910). פֿאַרקערט, אינם ערשטן יאָרצענדליק באַמערקט זיך אַפילו אַ פֿאַרקערטע ערשיינונג: דאָס וואַקסן פֿונם דאָרפישן כאַראַקטער פֿון דער יידישער באַפעלקערונג.

אין די באַזונדערע טיילן מערב-און מזרח-גאַליציע איז דער דאָזיקער פּראָצעס פֿאַרגעקומען אויפֿן פֿאָלגענדן אופֿן: מערב-גאַליציע. אין משך פֿונם ערשטן יאָרצענדליק (1880 — 1890) איז קיין שום ענדערונג נישט פֿאָרגעקומען אין דער פֿאַרטיילונג פֿון דער יידישער באַפעלקערונג צווישן שטאָט שטעטל און דאָרף. דער רעלאַטיווער ווּקס פֿונם שטאָטישן כאַראַקטער פֿון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך דאָ אין מערב-גאַליציע אָנגעהויבן פֿונם צווייטן יאָרצענדליק (1890 — 1900 יאָר), ווען דער פּראָצ. פֿון די יידן, וואָס וווינען אין די שטעט האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון 30.5 אין 1880 יאָר אויף 34.2 אין 1900 יאָר. דער פּראָצ. פֿון די קליינשטעטלשע יידן איז אָבער אויך אין דעם צווייטן יאָרצענדליק געבליבן נישט פֿאַרענדערט. דער שטאָטישער כאַראַקטער פֿון די יידן אין מערב-גאַליציע האָט געוואַקסן אויסשליסלעך אויפֿן חשבון פֿונם דאָרף, ווו דער פּראָצענט פֿון דער יידישער באַפעלקערונג איז געפֿאַלן פֿון 38.0 אין 1880 יאָר אויף 34.1 פּראָצענט אין 1900 יאָר.

אין 1910 יאָר האָבן שוין אין די שטעט געלעבט 39.3 פּראָצ. פֿון אַלע מערב-גאַליצישע יידן, דער פּראָצענט פֿון די קליינשטעטלשע יידן איז ווידער געבליבן נישט געענדערט. שטאַרק פֿאַרקלענערט האָט זיך נאָר דער פּראָצענט פֿון די דאָרפישע יידן, וואָס האָט זיך פֿאַרקלענערט אין 1910 יאָר ביז 28.8 פּראָצ.

עטוואָס אַנדערש קומט פֿאָר דער דאָזיקער פּראָצעס אין מזרח-גאַליציע. אויך דאָ איז דער פּראָצענט פֿון די שטאָטישע יידן געבליבן נישט געענדערט אין משך פֿונם ערשטן יאָרצענדליק, און דאָס שטייגן פֿונם שטאָטישן כאַראַקטער פֿון דער יידישער באַפעלקערונג הויבט זיך ערשט אָן פֿונם צווייטן יאָר-

צענדליק (1900 — 1890), אָבער נישט אין אַזאַ שטאַרקער פאָרם, ווי אין מערב-גאַליציע, ס"ה פאַר די לעצטע 20 יאָר (1910 — 1890) פון 27.8 אויף 32.5 פראָצ.

אַ כסדרדיק רעלאַטיוו פאַלן אין משך פון די גאַנצע 30 יאָר 1910 — 1880 איז צו באַמערקן בלויז ביי דעם קליינשטעטלדיקן טייל יידן (פון 31.4 אין 1880 יאָר אויף 28.1 אין 1910 יאָר).

אין אַלגעמיין, ווען מ'זאָל נעמען די שטעט מיט שטעטלעך צוזאַמען, איז דער פראָצענט פון דער יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג אין מזרח-גאַליציע געפאַלן אין משך פון די 2 ערשטע יאָרצענדליקן (1900 — 1880), און ערשט אינם לעצטן יאָרצענדליק איז פאָרגעקומען אַן ענדערונג אינם דערמאָנטן פראָצעס, און דער פראָצענט יידן, וואָס האָבן געלעבט אין די שטעט האָט זיך אויפגעהויבן פון 58.3 אויף 60.6 פראָצ.

אַלזאָ, די אורבאַניזירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג פון מזרח-גאַליציע האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אינם לעצטן יאָרצענדליק. די ערשטע צוויי יאָרצענדליקן האָט זיך באַמערקט אַ פאַרקערטע ערשיינונג: דאָס רעלאַטיווע שטייגן פונם דאָרפישן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג (אין מערב-גאַליציע איז אַזאַ ערשיינונג אין משך פונם אויסגעפאָרשטן פעריאָד אַבסאָל. נישט געווען).

וואָס איז די סבה פון דער דאָזיקער ערשיינונג?

די טאַבעלע ז' 78 וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעט, שטעטלעך און דערפער פון גאַליציע וועט אונז געבן אַ תשובה אויף דער דאָזיקער זייער וויכטיקער פראַגע.

ווי ס'איז צו זען פון דער געבראַכטער טאַבעלע, האָבן אינם ערשטן יאָרצענדליק (1890 — 1881) אַלע קאַטעגאָריעס וווינפלעצער פון גאַליציע געהאַט אַ פאַקטישן צוּוווּקס קלענער איידער דער נאַטירלעכער*), ד. ה. אַז אַלע וווינפלעצער (אין דער צאָל אויך די שטעט) האָבן אינם דאָזיקן פעריאָד נישט געקענט אויפהאַלטן דעם גאַנצן נאַטירלעכן צוּוווּקס פון זייער יידישער באַפעלקערונג און האָבן געגעבן אַ באַדייטנדע אויסוואַנדערונג.

אינטערעסאַנט איז אָבער, וואָס אינם דאָזיקן יאָרצענדליק איז די אויפנאַמספעיקייט פונם גאַליצישן דאָרף בנוגע צו דער יידישער באַפעלקערונג געווען פיל גרעסער איידער די אויפנאַמספעיקייט פון דער שטאָט און שטעטל, דער פאַקטישער צוּוווּקס פון די יידן אין די דערפער האָט באַטראָפן 14.7 פראָצענט, בעת

---

*) דער נאַטירלעכער צוּוווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט באַטראָפן אין יאָרצענדליק 1880 — 1890 17.3 פראָצ.
" " 1890 — 1900 19.6 "
" " 1900 — 1910 18.2 "

צענדליקער.	דער פאַקטישער צוזוואַקס פון דער יידישער באַפעלקערונג.					
	אין די שטעט.		אין די שטעטלעך.		אין די דערפער	
	אַבסאָלוט.	אין פראָצ.	אַבסאָלוט.	אין פראָצ.	אַבסאָלוט.	אין פראָצ.
מערב-גאַליציע						
1880 — 1890	3,827	7.4	4,405	8.2	5,534	8.6
1891 — 1900	10,292	18.6	3,034	5.2	— 4,255	— 6 1
1900 — 1910	17,897	27.7	6,978	11.4	— 4,084	— 6.2
1880 — 1910	32,016	62.1	14,417	27.2	— 2,805	— 4.4
מזרח-גאַליציע.						
1880 — 1890	17,489	12.0	16,400	10.1	34,594	16.5
1891 — 1900	19,617	12.0	514	0.3	14,164	5 8
1900 — 1910	31,888	17.5	7,157	4.0	746	0.3
1880 — 1910	68,996	47.4	23,043	14.2	49,644	23.3
גאַנץ גאַליציע.						
1880 — 1890	21 326	10.8	20,805	9.6	40,128	14.7
1891 — 1900	29,909	13.7	2,520	1.1	9,909	3.2
1900 — 1910	49,775	20.1	14,135	5.9	3,162	1.0
1880 — 1910	101,000	51.3	37,460	17.3	46,839	17.1

אין די שטעט האָט ער באַטראָפן 10.8 און אין די שטעטלעך 9.6 פּראָצענט. דאָס גאַליצישע דאָרף האָט אין יאָרצענדליק 1880 — 1890 געגעבן אַ קלענערע אויסוואַנדערונג איידער די שטאָט און שטעטל, און דאָס איז געווען די סבה, וואָס אין משך פונם דערמאָנטן יאָרצענדליק האָט זיך פאַרשטאַרקט דער דאָרפישער כאַראַקטער פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע און נישט דאָס איבערוואַנדערונג פון שטאָט אין דאָרף, ווי ס'קאָן זיך אויסדאַכטן אויפן ערשטן אויגנבליק.

אָבער אָנהויבנדיק פונם צווייטן יאָרצענדליק (1890) בייט זיך ראַדיקאַל דאָס בילד פון דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע. די אויפנאַמספעיקייט פון די שטעט בנוגע צו דער יידישער באַפעלקערונג פאַרגרעסערט זיך און דערגרייכט אין צווייטן יאָרצענדליק (1891 — 1900) 13.7 און אינם לעצטן יאָרצענדליק 20.1 פּראָצענט (עטוואָס העכער פון דעם נאַטירלעכן צוווקס), ד. ה., אַז שוין אינם לעצטן יאָרצענדליק האָבן די שטעט אין אַלגעמיין אויפגעהערט צו געבן אַ יידישע אויסוואַנדערונג, און האָבן שוין אַפילו באַקומען אַ געוויסע צוציִונגסקראַפט פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון אַנדערע פונקטן.

שטאַרק פאַרקלענערט האָט זיך די אויפנאַמספעיקייט פון די שטעטלעך, וואָס האָבן נישט געהאַט אין יאָרצענדליק 1891 — 1900 קיין פאַקטישן צוווקס, און אינם לעצטן יאָרצענדליק 1901 — 1910 האָט דער פאַקטישער צוּוווקס פון די יידן אין די שטעטלעך באַטראָפן בערך פון 6 פּראָצענט (גענוי 5.9).

נאָך אין אַן ערגערן לאַגע געפינט זיך די יידישע באַפעלקערונג אינם גאַליצישן דאָרף. אינם צווייטן יאָרצענדליק האָט דער פאַקטישער צוווקס פון די יידן דאָ באַטראָפן 5.8 פּראָצענט און אינם לעצטן יאָרצענדליק ס"ה 0.3 פּראָצענט. אויב דאָס גאַליצישע שטעטל האָט נאָך געקענט אויפהאַלטן אַ וואָסערן נישט איז חלק פונם יידישן נאַטירלעכן צוווקס, איז אין דעם גאַליצישן דאָרף אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) אַבסאָלוט נישט געווען קיין פלאַץ פאַרן יידישן נאַטירלעכן צוווקס, וואָס האָט געמוזט אינגאַנצן אויסוואַנדערן.

אָבער אויך אין דעם פּרט באַמערקט זיך אַ גרויסער חילוק צווישן פוילישן (מערבדיקן) און רוסינישן (מזרחדיקן) טייל פון גאַליציע.

אין מערב-גאַליציע איז די אויפנאַמספעיקייט פון די שטעט בנוגע די יידן געווען אינם ערשטן יאָרצענדליק (1881 — 1890) באַזונדערס קליין (ס"ה 7.4 פּראָצענט), קלענער אפילו איידער די אויפנאַמספעיקייט פונם גאַליצישן שטעטל (8.2) און דאָרף (8.6). אינם דאָזיקן יאָרצענדליק גיבן אַלע קאַטעגאָריעס פון ווינפלעצער יידישע אויסוואַנדערונג, וועלכע גייט אויסער די גרעניצן פון

גאַליציע. אָבער שוין אינם צווייטן יאָרצענדליק פאַרגרעסערט זיך די אויפנאַמס־פעיִקייט פון די שטעט אויף אַזוי פיל, אַז זיי הערן שוין אויף צוגעבן יידישע אויסוואַנדערונג און האַלטן אויף כמעט דעם גאַנצן נאַטירלעכן צוווּקס פון זייער יידישער באַפעלקערונג, פאַקטישער צוווּקס פון 18.6 פראָצענט. די איינציקע יידישע אויסוואַנדערונגס־פונקטן בלייבן, ווי פריִער, דאָס קליינע שטעטל און דאָרף, און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס איידער אינם ערשטן יאָרצענדליק. דאָס מערב־גאַליציִשע דאָרף וואַרפט אַרויס נישט נאָר דעם גאַנצן יידישן נאַטירלעכן צוווּקס, נאָר די יידישע באַפעלקערונג פאַרקלענערט זיך דאָ אַבסאָלוט אויף 4,255 נפשות, אָדער 6.1 — פּראָצענט.

אויך אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) האָט זיך אַבסאָלוט פאַרקלענערט די יידישע באַפעלקערונג אין די מערב־גאַליציִשע דערפער אויף 4,084 נפשות, אָדער אויף 6.2 — פּראָצענט.

אויך דאָס מערב־גאַליציִשע שטעטל האָט אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) פאַרגרעסערט צו געבן יידישע אויסוואַנדערונג, אָבער שוין אין אַ פיל קלע־נערער מאָס איידער אין יאָרצענדליק 1890 — 1900. דער פאַקטישער צוווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די מערב־גאַליציִשע שטעטלעך האָט אינם לעצטן יאָרצענדליק באַטראָפן 11.4 פּראָצענט, דאָס הייסט, אַז דאָס שטעטל האָט אויפגעהאַלטן כמעט 2/3 פונם יידישן נאַטירלעכן צוווּקס.

דערפאַר אָבער האָט זיך די אויפנאַמספעיִקייט פון דער מערב־גאַליציִשער שטאָט אויף אַזוי פיל פאַרגרעסערט, אַז זי האָט נישט בלויז אויפגעהאַלטן דעם גאַנצן יידישן נאַטירלעכן צוווּקס, נאָר האָט אויך צוגעצויגן צו זיך אַ געוויסע טייל יידן פון אַנדערע ווינפּלעצער.

די יידישע אויסוואַנדערונג פון מערב־גאַליציִשן דאָרף און שטעטל האָט שוין אין יאָרצענדליק 1901 — 1910 באַקומען צוויי וועגן: 1) אויסער די גרעניצן פון גאַליציע און 2) אין די גרעסערע מערב־גאַליציִשע שטעט.

אַנדערש איז די לאַגע אין מזרח־גאַליציע. אין ערשטן יאָרצענדליק (1880 — 1890) איז דער פאַקטישער צוווּקס געווען קלענער איידער דער נאַטירלעכער בלויז אין די שטעט (12.0) און שטעטלעך (10.1). אינם מזרח־גאַליציִשן דאָרף האָט זיך דער פאַקטישער צוווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג דערנענט צום נאַטירלעכן (פאַקטישער צוווּקס 16.5 פּראָצענט, נאַטירלעכער 17.3), ד. ה. אַז יידישע אויסוואַנדערונג האָבן געגעבן בלויז די שטעט און שטעטלעך. דאָס מזרח־גאַליציִשע דאָרף אין יאָרצענדליק 1881 — 1890 האָט באַוויזן אויפצוהאַלטן כ מ ע ט דעם גאַנצן יידישן נאַטירלעכן צוווּקס.

די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון די יידן זיינען געווען אינם דערמאָנטן פעריאָד 1881 — 1890 פיל שטאַרקער און גינסטיקער אין מזרח־גאַליציִשן דאָרף,

איידער אין די מזרח־גאַליצישע שטאָט און שטעטלעך. אויך אין דעם פּרט שיידט זיך אונטער מזרח־גאַליציע נישט בלויז פונם מערבדיקן טייל, נאָר אויך, וויפיל ס׳איז באַקאַנט, פון אַלע אַנדערע געגענדן מיט אַ מאַסנהאַפטער יידישער באַפעלקערונג. די פאָלקסציילונג פון 1900 יאָר האָט פאַרצייכנט אין גאַליציע 48,998 יידן, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט לאַנדווירטשאַפט, אָדער 17.5 פּראָצענט פון אַלע זעלבסטעטיקע, און ס׳ווייזט אויס, אַז גראָד אינם יאָרצענדליק 1880 — 1890 האָט זיך אָנגעהויבן דער שטאַרקער איבערגאַנג פון די יידן צו דער לאַנדווירטשאַפט, און דאָס האָט זיי געגעבן די מעגלעכקייט אויפהאַלטן זייער נאַטירלעכן צוווקס אין מזרח־גאַליצישן דאָרף.

אינם צווייטן יאָרצענדליק (1891 — 1900), בעת אין מערב־גאַליציע האָבן שוין די שטעט אויפגעהערט צו געבן אַ יידישע אויסוואַנדערונג און האָבן אויפגעהאַלטן דעם גאַנצן נאַטירלעכן צוווקס פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָט זיך נאָך אַלץ פאָרגעזעצט די יידישע אויסוואַנדערונג פון דער מזרח־גאַליצישער שטאָט נישט אין קיין קלענערע מאָס, ווי אין פריערדיקן יאָרצענדליק.

ס׳האָט זיך אויך פאַרשטאַרקט די אויסוואַנדערונג פונם מזרח־גאַליצישן קליינעם שטעטל, וואָס האָט אַוועקגעטראָגן דעם גאַנצן יידישן נאַטירלעכן צוווקס. אויך דאָס מזרח־גאַליצישע דאָרף איז געוואָרן אַ שטאַרקער יידישער אויסוואַנדערונגס־פונקט, דאָך אין אַ קלענערער מאָס, איידער דאָס שטעטל (דער צוווקס פון די יידן אין די דערפער פון מזרח־גאַליציע האָט באַטראָפן אין 1891 — 1900 יאָרצענדליק 5.8 פּראָצענט).

אין דריטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) האָט שוין אויך די מזרח־גאַליצישע שטאָט אויפגעהאַלטן דעם נאַטירלעכן צוווקס פון איר יידישער באַפעלקערונג און דער פאַקטישער צוווקס פון די יידן איז געווען כמעט גלייך זייער נאַטירלעכן. די שטאָט האָט, אַלזאָ, אויך אין מזרח־גאַליציע אויפגעהערט צוגעבן אַ יידישע אויסוואַנדערונג. די איינציקע אויסוואַנדערונגס־פונקטן זיינען געבליבן דאָס שטעטל (אין אַ קלענערע מאָס איידער אין פאָריקן יאָרצענדליק) און באַזונדערס דאָס דאָרף, פון וואַנען די יידישע אויסוואַנדערונג האָט זיך פאַרשטאַרקט און האָט אַוועקגעטראָגן דעם גאַנצן נאַטירלעכן צוווקס פון דער יידישער באַפעלקערונג.

די אויפנאַמספּעיקייט פון די מזרח־גאַליצישע שטעט איז אָבער אויך אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) געווען אַ סך שוואַכער איידער די אויפנאַמספּעיקייט פון די מערב־גאַליצישע שטעט. די ערשטע האָבן בלויז געקענט אויפהאַלטן דעם יידישן נאַטירלעכן צוווקס, ווען די צווייטע — מערב־גאַליצישע שטעט — האָבן צוגעצויגן צו זיך אַ באַדייטנדע צאָל יידן פון אַנדערע ווינקלען וואָס אַמבאַלאַנגט דעם מזרח־גאַליצישן דאָרף, איז זיין אויפנאַמספּעיקייט

געווען שטאַרקער איידער די אויפנאַמספּעיִקייט פונם מערב־גאַליצישן דאָרף, וווּ די ייִדישע באַפעלקערונג הערט נישט אויף אין משך פון די לעצטע 20 יאָר אַבסאָלוט זיך צו פאַרקלענערן.

אין אַלגעמיין אָבער זיינען די טענדענצן פון די ביידע טיילן פון גאַלי־ציע איינע און די זעלבע. די אויפנאַמספּעיִקייט פון די שטעט וואַקסט אויך אין מזרח־גאַליציע, און ביי נאָרמאַלער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג וואָלטן אויך דאָ אין מזרח־גאַליציע די שטעט באַקומען אַ מער אָדער ווייניקער צוציִונגסקראַפט פאַר די ייִדישע מאַסן אינם לויפנדן יאָרצענדליק. וואָס אַמבאַלאַנגט דעם דאָרף פאַלט אויך אין מזרח־גאַליציע פון יאָרצענדליק צו יאָרצענדליק זיין אויפנאַמספּעיִקייט בנוגע צו די ייִדישע מאַסן און ס'איז דאָ אַ גרונט צו טראַכטן, אַז ביי דער ווייטערדיקער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג וואָלט אויך דאָס מזרח־גאַליציִשע דאָרף דורכגעמאַכט די זעלבע אַנטוויקלונג, וואָס דאָס מערב־גאַליציִשע, און די פאַר־דרענגונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג — אפשר נישט אין אַזאַ שטאַרקער פאָרם, ווי אין מערב־גאַליציע — וואָלט געווען אומפאַרמיידלעך אויב, זעלבסטפאַר־שטענדלעך, די ייִדן אין די דאָזיקע פּונקטן וואָלטן נישט פאַרשטאַרקן זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס דורך איבערגיין צו נייע ווירטשאַפטלעכע צווייגן און קודם־כל צו דער הויפּט־דאָרפישער ווירטשאַפט — צו ערדאַרבייט.

די אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעט פון*) מזרח=און מערב=גאַליציע.

שטעט.	אין די יאָרצענדליקער.			
	1881 — 1891	1891 — 1901	1901 — 1910	1881 — 1910
מערב=גאַליציע.				
קראָקע	3.3	23.7	24.7 **)	59.4
ביאַלע	9.0	32.4	17.1	33.2
וואַדאָוויצע	78.7	35.1	35.6	227.2
וועליטשקע	32.4	20.7	16.2	85.7
באָכניע	28.0	9.7 (—)	8.6	25.5
פאָדגורזשע	71.0	26.5	14.9	148.6
טאַרנאָוו	2.9	7.8	20.0	33.1
זשעשאָוו	5.6 (—)	15.2	38.9	50.9
ניי=סאַנדעץ	20.2 (—)	13.8	70 5	54.8
יאַסלע	115.7	63.2	48.4	44?.4
קראָסנע	73.4	69.5	62.1	376.6
גאָרליצע	27.8	14.3	6.0	54.9

*) (—) באַדייט אבסאָלוטע פאַרקלענערונג.

**) נאָך דער פאָלקסציילונג פון 1900 יאָר איז פאַרייניקט געוואָרן צו קראָקע א גאַנצע ריי‌ע נאָענטליגנדע דערפער, וואָס האָבן אויך געהאַט א געוויסע יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, געווירקט אויפן פאַקטישן צוּוואוּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג. אָן די דאָזיקע גע. מיינדן האָט דער פאַקטישער צוּוואוּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קראָקע באַטראָפן 20.4 פראָצענט.

די זעלבע סבות האָבן אויך געווירקט אויפן פאַקטישן צוּוואוּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ניי=סאַנדעץ און זשעשאָוו.

די אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעט פון מזרח-און מערב גאַליציע.

שטעט	אין די יאָרצענדליקער. 1881 — 1391	1891 — 1901	1901 — 1910	1881 — 1910
	מזרח-גאַליציע.			
לעמבערג	16.7	18 4	29.7	85.4
יאַראָסלאַוו	7.7	18.4	7.9	37.6
פּשעמישל	43.9	28.3	13.8	110.1
סאַנאָק	19.1	21.1	32.6	91.3
סאַמבאָר	(—) 7.8	20.1	10.6	22.4
דראָהאָביטש . . .	(—) 5.2	(—) 0.3	76.4	65.8
סטרי	25.3	31.6	24.0	.04.3
סטאַניסלאַוואָוו . . .	21.2	16.1	7 8	51 8
קאָלאָמעאַ	24.4	11.0	8.2	57.7
טניאַטין	67.9	7.3	4.4	88.0
גראָדעק	6.6	14.7	7.1	31.0
יאַוואָראָוו	7.5	14.6	(—) 7.1	14.6
סאָקאַל	35.9	15.5	19 5	87.5
זשאָלקיעוו	0.7	5.9	(—) 4.1	2.3
בראָד	— 16.7	— 6.6	2.3	20.4
זלאָטשעוו	25.7	6.2	— 2 9	29.6
טאַרנאָפּאָל	2.8	— 2.5	3 7	3.9
בזשעזאַני	— 0.4	— 6.4	4.7	2.6
טרעמבאָוולע . . .	16.2	3.2	— 0.9	19.4
בוטשאַטש	11.1	— 3.5	15.6	23.8

גאָרליץ . . 7.8 14.3 6.0 54.

*) (—) באַדייט אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג.

**) נאָך דער פאָלקסציילונג פון 1900 יאָר איז פאַרייניקט געוואָרן צו קראָקע א גאַנצע רייע גאָנטליגנדע דערפער, וואָס האָבן אויך געהאַט א געוויסע יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, געווירקט אויפן פאַקטישן צוּווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג. אָן די דאָזיקע גע-מיינדן האָט דער פאַקטישער צוּווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין קראָקע באַטראָפן 20.4 פּראָצענט.

די זעלבע סבות האָבן אויך געווירקט אויפן פאַקטישן צוּווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין נייַ-סאַנדעץ און זשעשאָוו.

אויב מיר וועלן נעמען די אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג פאַרן גאַנצן 30 יעריקן פעריאָד (1380 — 1910) וועלן מיר האָבן אין מערב-גאַליציע ס״ה 5 שטעט, ווו דער פאַקטישער צוּוואוקס פון די יידן איז געווען גרעסער איידער דער נאַטירלעכער (66 פּראָצענט), דאָס הייסט, אַז אין משך פונם דערמאָנטן פעריאָד האָבן זיי צוגעצויגן צו זיך אַ געוויסע טייל יידישע באַפעלקערונג פון אַנדערע ווינקלעצער: וואַדאָוויצע, וועליטשקע, פּאָדגוּזשע, יאַסלע און קראַסנע. צווישן די דאָזיקע 5 אימיגראַציאָנס-פּונקטן זיינען געווען איין גרויסע שטאָט (פּאָדגוזשע) מיט אַ באַפעלקערונג פון העכער 20 טויזנט מאַן (אין 1910 יאָר), איין מיטעלע שטאָט מיט אַ באַפעלקערונג פון עטוואָס העכער פון 10 טויז. מאַן (יאַסלע) און 3 קליינע שטעט מיט אַ באַפעלקערונג ביז 10 טויז. נפשות (קראַסנאָ, וועליטשקע און וואַדאָוויצע). ס'איז אָבער דערביי אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז די גרויסע שטעט פון מערב-גאַליציע ווייזן אַרויס אַ גאַנץ בולטע טענדענץ צו פאַרגרעסערן וואָס ווייטער זייער אויפנאַמספּעיקייט בנוגע צו דער יידישער באַפעלקערונג און ווערן יידישע אימיגראַציאָנס-צענטרן. פון אַלע 5 גרויסע שטעט אין מערב-גאַליציע מיט אַ באַפעלקערונג אין 1910 יאָר מער פון 20 טויז. נפשות, האָבן 4 אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) געהאַט אַ פאַקטישן צוּוואוקס פון זייער יידישער באַפעלקערונג גרעסער איידער דער נאַטירלעכער (קראָקע, טאַרנאָוו, זשעשאָוו און ניי-סאַנדעץ), און בלויז אין פּאָדגוזשע איז דער פאַקטישער צוּוואוקס פון די יידן קלענער איידער דער נאַ-טירלעכער, און האָט באַטראָפן 14.9 פּראָצ. (קעגן 18.2 פּראָצ. נאַטירל. צוּוואוקס).

פון די איבעריקע 7 קלענערע שטעט איז בלויז אין דריי (יאַסלע, קראַס-נע און וואַדאָוויצע) דער פאַקטישער צוּוואוקס פון די יידן געווען העכער איי-דער דער נאַטירלעכער. אין צוויי (ביאַלע און וועליטשקע) איז דער פאַקטישער צוּוואוקס פון די יידן געווען נישט קיין סך קלענער איידער דער נאַטירלעכער

---

1) דער הויכער פּראָצענט פונם פאַקטישן צוּוואוקס יאַסלע, קראַסנע און וואַדאָוויצע ערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין 1880 יאָר האָבן דאָ געוווינט אַ זייער קליינע צאָל יידן, צו עטלעכע הונדערט אין אַ שטאָט, און פאַרשטייט זיך אַז ביי אַזעלכע קליינע צאָלן האָט די צוּוואַנדערונג פון הונדערטער יידישע נפשות אויפגעהויבן זייער שטאַרק דעם פּראָצענט פונם פאַקטישן צוּוואוקס.

2) אין יאָרצענדליק 1901 — 1910 זיינען פאַרייניקט געוואָרן מיט ניי-סאַנדעץ און זשעשאָוו אייניקע דערביי ליגנדע דאָרפישע געמיינדן, און דאָס האָט פאַרשטייט זיך געהאַט אַ ווירקונג אויפן פּראָצענט פונם פאַקטישן צוּוואוקס אין דער ווירקלעכקייט איז דער פאַקטישער צוּוואוקס פון די יידן אין די דער-מאָנטע שטעט געווען עטוואָס קלענער, אָבער דאָך גרעסער איידער דער נאַטירלעכער

באַפעלקערונג
האָבן אין מערב-
די יידן איז געווען
אַז אין משך
טייל יידישע
ליטשקע, פּאָדגורזשע,
זיינען געווען
עכער 20 טויזנט
פון עטוואָס העכער פון
קערונג ביז 10 טויז.
אינטערעסאַנט
יידן אַרויס אַ גאַנץ
ויפנאַמספּעיקייט בנוגע
אַנס-צענטרן. פון
ערונג אין 1910 יאָר
נדליק (1901 — 1910)
רעסער איידער
און בלויז אין
ער איידער דער נאַ-
אַטירל. צוווקס).
(יאַסלע, קראָס-
ן געווען העכער איי-
אין דער פאַקטישער
ער נאַטירלעכער

יאַסלע, קראָסנע און
ן דאָ געוויינט
אין פאַרשטייט זיך
הונדערטער יידישע
ן צוווקס.
עהאָרן מיט ביי-
געמיינדן, און דאָס
אַקטישן צוווקס
ן אין די דער
ער דער נאַטירלעכער

און אין 2 שטעט — גאָרליצע און אין באָכניע איז דער פאַקטישער צוווקס פון די יידן געווען אַן אומבאַדייטנדער (6.0 און 8.6 פּראָצ.).

אינם ערשטן יאָרצענדליק זיינען געווען אין מערב-גאַליציע צוויי שטעט, ווו די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אַבסאָלוט פאַרקלענערט (זשעשאָוו און ניי-סאַנדעץ). אין צווייטן יאָרצענדליק האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג **אַבסאָלוט** פאַרקלענערט בלויז אין באָכניע. אינם לעצטן יאָרצענדליק האָט שוין קיין איין איינציקע שטאָט פון מערב-גאַליציע נישט געהאַט קיין אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון יידן. נאָך מער, בלויז צוויי שטעט פון מערב-גאַליציע (באָכניע און גאָרליצע) האָבן געהאַט אַן אומבאַדייטנדן פאַקטישן צוווקס, די איבעריקע האָבן געהאַט אַ פאַקטישן צוווקס פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס איז געווען אָדער גרעסער איידער דער נאַטירלעכער, אָדער דער פאַקטישער צוווקס פון די יידן איז געווען נאָענט צום נאַטירלעכן.

מיר קענען פאָרמולירן דעם דאָזיקן פּראָצעס מיט פאָלגנדע ווערטער: די מערב-גאַליצישע שטעט — באַזונדערס די גרעסערע צענטרן — בילדן אַ מער אָדער ווייניקער גינסטיקן באָדן פאַר דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון די יידן און צוזאַמען מיט דעם וואַקסט זייער אויפנאַמספּעיקייט בנוגע צו די יידישע מאַסן.

אין **מזרח-גאַליציע** האָבן בס"ה 7 שטעט אין משך פון דעם דרייסיק-יעריקן פעריאָד געהאַט אַ גרעסערן פאַקטישן צוווקס פון זייער יידישער באַפעלקערונג איידער דער נאַטירלעכער. דאָס זיינען געווען די שטעט: לעמבערג, פּשעמיסל, סאַנאָק, דראָהאָביטש, סטרי, סניאַטין און סאָקאַל. אין דער ווירקלעכקייט אָבער איז אויך אין סטאַניסלאַוואָוו דער פאַקטישער צוווקס פון דער יידישער באַפעלקערונג העכער איידער דער נאַטירלעכער. דער נידעריקער פּראָצענט פונם פאַקטישן צוווקס פון די יידן אין סטאַניסלאַוואָוו ערקלערט זיך דערמיט, **וואָס די יידישע באַפעלקערונג קאָנצענטרירט זיך דאָ אין פאָרשטאָטן — קניהינין (דאָרף און קאָלאָניע)** — וואָס זיינען פאַקטיש טייל פון סטאַניסלאַוו, אָבער פאָרמעל בילדן זיי זעלבסטשטענדיקע געמיינדן.

צוזאַמען מיט די דאָזיקע ביידע פאָרשטאָטן האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג פאַרגרעסערט

אין יאָרצענדליק	1881 — 1890	אויף	25.7	פּראָצענט
„ „	1891 — 1900	„	45.4	„
„ „	1901 — 1910	„	21.0	„
„ „	1881 — 1910	אויף	121.2	פּראָצענט.

צוזאַמען מיט סטאַניסלאַוו זיינען, אַלזאָ, געווען אין מזרח-גאַליציע 8 שטעט,

ווי די ייִדישע באַפעלקערונג האָט זיך אין משך פון די דרייסיק יאָר שטאַרק אַנטוויקלט און געוואַקסן שטאַרקער איידער דער נאַטירלעכער צוווּקס, דאָס הייסט, אַז זיי האָבן אין משך פונעם דערמאָנטן צען־יאָריקן געצויגן צו זיך אַ טייל ייִדן פון אַנדערע ווינקלען. אין די איבעריקע שטעט איז דער פאַקטישער צוווּקס פון די ייִדן געווען אַ סך קלענער (אַ חוץ קאָלאָמיע) איידער דער נאַטירלעכער צוווּקס, און אין צוויי האָט זיך די ייִדישע באַפעלקערונג אויך אַבסאָלוט פאַרקלענערט (בראָד און בזשעזשאַני). אַנדערש געזאָגט, אין משך פון דעם דערמאָנטן פעריאָד האָבן 11 שטעט פון מזרח־גאַליציע געגעבן אַ באַדייטנדע ייִדישע אויסוואַנדערונג (אַ חוץ קאָלאָמיע, וווּ די צאָל פון דער ייִדישער אויסוואַנדערונג איז געווען אַן אומבאַדייטנדע).

אין מזרח־גאַליציע איז אינגאַנצן דאָ 10 גרויסע שטעט מיט אַ באַפעלקערונג פון העכער 20 טויזנט (לעמבערג, יאַראָסלאַוו, פּשעמישל, סאַמבאָר, דראָהאָביטש, סטרי, סטאַניסלאַוואָוו, קאָלאָמיע, טאַרנאָפּאָל און בראָד — די לעצטע האָט אין 1880 יאָר געהאַט אַ באַפעלקערונג פון העכער 20 טויזנט נפשות). פון די דאָזיקע 10 גרויסע צענטרן, איז אין 5 דער פאַקטישער צוווּקס פון די ייִדן געווען העכער איידער דער נאַטירלעכער, אַלזאָ, די העלפט פון מזרח־גאַליצישע גרויסע שטעט האָבן געדינט פאַר די ייִדן אין משך פון די דרייסיק יאָר אַלס עמיגראַציאָנס־פונקטן. אין איינעם פון די דאָזיקע גרויסע צענטרן — קאָלאָמיע — איז דער פאַקטישער צוווּקס געווען נאָענט צום נאַטירלעכן (58 קעגן 65) און בלויז פיר האָבן געגעבן אַ ייִדישע אויסוואַנדערונג, וואָס האָט אין בראָד געבראַכט אַפילו צו אַ באַדייטנדער אַבסאָלוטער פאַרקלענערונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג.

פון די איבעריקע 0 קלענערע שטעט זיינען בס״ה געווען 3, וווּ די פאַרמערונג פון די ייִדן איז געווען שטאַרקער איידער זייער נאַטירלעכער צוּוווּקס (סאַנאָק, סניאַטין און סאָקאַל), אָבער דאָך איז די צוציִונגסקראַפט פון די דאָזיקע קלענערע שטעט געווען שוואַכער איידער די צוציִונגסקראַפט פון די גרעסערע צענטרן. דער גרעסטער צוווּקס איז דאָ געווען 91.3 פּראָצענט (סאַנאָק), ווען צווישן די גרויסע צענטרן זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אויפגעוויזן אַ ייִדישע פאַרמערונג פון 121 פּראָצענט (סטאַניסלאַוו).

אין די אַלע איבעריקע קלענערע שטעט פון מזרח־גאַליציע האָט זיך די ייִדישע באַפעלקערונג זייער שוואַך אַנטוויקלט (פון 2.3 ביז 31.0 פּראָצענט), און אין בזשעזשאַני האָט זיך די ייִדישע באַפעלקערונג אַבסאָלוט פאַרקלענערט אויף 2.6 פּראָצענט.

שטעט, וואָס האָבן אין אַלע דריי יאָרצענדליקן געדינט אַלס עמיגראַציאָנס־

צענטרן פאַר די ייִדישע מאַסן זיינען געווען:

שטעט.	יאָרצענדליקן. 1881 — 1890	1891 — 1900	1901 — 1910
סטרי	25.3	31.6	24.0
סטאַניסלאַוואָוו . . .	25.7	45.4	21.0
סאַנאָק	19.1	21.1	32.6

פון די דריי שטענדיקע (אין משך פון די דריי יאָרצענדליק) ייִדישע עמיגראַציאָנס־פּונקטן, געהערן 2 צו די גרויסע צענטרן: סטרי און סטאַניסלאַוואָוו און איינער — סאַנאָק — צו די קלענערע שטאָטישע צענטרן.

וואָס אַמבאַלאַנגט דער הויפּט־שטאָט פון מזרח־גאַליציע — לעמבערג — איז די אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג דאָ פאָרגעקומען אַ סך אינ־טענסיווער איידער ס'איז אָנגעוויזן אין דער פאָריקער טאַבעלע, ווייל, ווי אין סטאַניסלאַוואָוו, קאָנצענטרירן זיך אויך דאָ די ייִדן אין אייניקע פאָרשטאָטן — זאמאָרסטינאָוו, זניעסיעניע און קלעפּאַראָוו — וואָס בילדן פאָרמעל זעלבסט־שטענדיקע געמיינדן. צוזאַמען מיט די דאָזיקע דריי פאָרשטאָטן האָט די פּאַק־טישע פאַרמערונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין לעמבערג באַטראָפן אין

יאָרצענדליק	1881 — 1890	14.8 פּראָצענט
"	1891 — 1900	27.4 "
"	1901 — 1910	33.9 "
"	1881 — 1910	95.8 פּראָצענט.

אויף אַזאַ אופן האָט זיך די צוציִונגסקראַפט פון לעמבערג בנוגע צו די ייִדישע מאַסן אָנגעהויבן אין יאָרצענדליק 1891 — 1900 און האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט אינם לעצטן יאָרצענדליק 1901 — 1910. אלזאָ, אויך אין מזרח־גאַליציע ווייזן זיך אַרויס די גרויסע צענטרן אַלס מער גינסטיקער באָדן פאַר דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, און אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם איז זייער צוציִונגסקראַפט פאַר די ייִדישע מאַסן אין אַלגעמיין גרעסער איידער די צוציִונגסקראַפט פון די קלענערע שטאָטישע פונקטן.

IX.

די אַנטהיקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעט־לעך פון מזרח־און מערב־גאַליציע.

די אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעטלעך פון גאַליציע איז פאָרגעקומען אויף פאָלגענדן אופן:

אין מערב־גאַליציע זיינען בס"ה געווען אין 1910 יאָר 56 שטעטלעך פון זיי האָט זיך אַבסאָלוט פאַרקלענערט די יידישע באַפעלקערונג אין משך פון די דרייסיק יאָר (1881 — 1910) אין 13 שטעטלעך, דאָס הייסט כמעט אין אַ פערטהלק פון די קליינשטעטלדיקע וווינפלעצער. [1] דערמאָנט מען זיך, אַז קיין איין איינציקע שטאָט פון מערב־גאַליציע, גענומען פאַרן גאַנצן דרייסיקיעריקן פעריאָד, האָט נישט געוווּסט פון קיין אַבסאָלוטע פאַר־קלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועט אַמבולטסטן אַרויסווייזן דער חילוק צווישן דער שטאַרקייט כון די יידישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס אין די ביידע טיפּן פון וווינפלעצער — שטעט און שטעטלעך.

---

1) די שטעטלעך.

	די צאָל פון דער יידישער באַפעלקערונג.	
	אין 1880 יאָר.	אין 1910 יאָר.
סאָקאָלאָוו	2,046	1,185
טאַרנאָבזשעג	2,768	2,642
באַראַנאָוו	1,155	894
אולאַנאָוו	1,947	1,469
פּילאַמאָוויצע	52	47
אַנדריכאָוו	635	501
וואָיניטש	200	171
ראַפּטשיצע	1,165	1,069
דעמביצע	2,385	2,119
גלאַגאָוו	1,201	1,035
לעזשאַיסק	1,866	1,705
זשיווייעץ	9	—
צוקלע	2,410	2,250

דער גרעסטער טייל פון די קליינשטעטלשע געמיינדן, ווו די יידישע באפעלקערונג האט זיך אין משך פון די דרייסיק יאר אבסאליט פארקלענערט, זיינען גאנץ צאָלרייכע — גענומען אויף מערב־גאליצישן מאסשטאב — כאָטש ס׳טרעפן זיך ליליפוטישע יידישע געמיינדן (ווילאמאָוויצע, אדריכאָוו און האָניטש).

ס׳זיינען אָבער אויך דאָ אין מערב־גאליציע א גאנץ היבשע צאָל שטעטלעך, ווו די יידישע באפעלקערונג האָט זיך פארגרעסערט דורך א צוואנדערונג. אזעלכע שטעטלעך זיינען געווען בס״ה 16.[1] צווישן זיי געפינען זיך 5 שטעט־לעך (יאוואָזשנע, ניימארק, אָסווענצים, זאקאָפאנע און שטשאקאָווע), וואָס האָבן זיך בכלל שטארק אנטוויקלט אין משך פון די דרייסיק יאָר (1881 — 1910) און האָבן געהאט צוציונגס־פונקטן אויך פאר דער נישט־יידישער באפעלקערונג. דאָס זיינען ניי־אנטשטאנענע ווירטשאפטלעכע צענטרן, וואָס האָבן זיך אנטוויקלט אין משך פון דער דאָזיקער צייט זייער אינטענסיוו[2], און ס׳איז קיין חידוש נישט, וואָס זיי האָבן אויך ציגעצויגן די יידישע באפעלקערונג. אויך דאָס

---

[1] די שטעטלעך. | די צאָל פון די יידן. | | די שטעטלעך. | די צאָל פון די יידן. |
|---|---|---|---|---|---|
| | אין 1880 יאָר. | אין 1910 יאָר. | | אין 1880 יאָר. | אין 1910 יאָר |
| אוואָזשנע* | 406 | 1,325 | | | |
| שטשאקאָווע | 162 | 469 | לימאנאָוו | 418 | 982 |
| אָסווענצים | 2,535 | 5,358 | ניימארק | 464 | ,370 |
| קאלווארייע | 289 | 521 | זאקאָפאנע | 84 | 367 |
| יאָרדאנאָוו | 80 | 188 | אלט־סאנדעץ | 312 | 566 |
| מאקאָוו | 86 | 148 | מושענע | 217 | 427 |
| סקאווינע | 86 | 217 | ציענזשקאָוויץ | 116 | 241 |
| דאָבטשיצע | 160 | 404 | זאטאָר | 272 | 477 |
| טוראָוו. | 265 | 455 | | | |

[2] די דאָזיקע שטעטלעך האָבן זיך אנטוויקלט אין משך פון די דרייסיק יאָר אויף פאָלגענדן אופן:

די שטעטלעך.	די צאָל פון דער אלגע־מיינער באפעלקערונג.		דער פאקטישער צוווקס:	
	אין 1880 יאָר.	אין 1910 יאָר	אבסאָלוט.	אין פראָצענטן.
יאוואָזשנע	5,113	13,115	8,002	156.5
ביימארק ,	5,087	9,225	4,138	81.3
זאקאָפאנע	2,489	7,600	5,211	209.2
שטשאקאָווע	1,098	3,362	2,264	206.2
אָסווענצים.	4,754	10,126	5,372	113.0

שטעטל סקאַווינע האָט זיך אין אַלגעמיין שטאַרק אַנטוויקלט און האָט אויפגעהאַלטן אויך דעם נאַטירלעכן צוווקס פון דער נישט-ייִדישער באַפעלקערונג. 1)

די איבעריקע 10 פונקטן, ווו די ייִדישע באַפעלקערונג האָט געהאַט אַ פאַקטישן צוווקס מער איידער דער נאַטירלעכער — האָבן געהאַט אַ געוויסע צוואַנדערונג — זיינען אין ווירטשאַפטלעכן זין אָפּגעשטאַנענע שטעטלעך, וואָס דאָבן אין אַלגעמיין נישט געקענט אויפהאַלטן זייער נאַטירלעכן צוווקס און האָבן געדינט פאַר די פּאָלאַקן אַלס אויסוואַנדערונגס-פונקטן. בכלל אָבער זיינען עס געווען קליינע ייִדישע געמיינדן, וואָס האָבן אין גרעסטן טייל געציילט אַ ייִדישע באַפעלקערונג פון הונדערטער נפשות.

צוזאַמען האָבן אין אַלע שטעטלעך, וואָס האָבן פאַרן דערמאָנטן דרייסיקיעריקן פּעריאָד (1881 — 1910) געהאַט אַ ייִדישע צוואַנדערונג, געלעבט אין 1880 יאָר 5,951 ייִדישע נפשות, און אין 1910 האָט זיך דאָ די ייִדישע באַפעלקערונג פאַרגרעסערט אויף 13,609, אַלזאָ, אַ פאַקטישער צוווקס פון 7,658 ייִדישע נפשות. רעכנט מען אָבער אַראָפּ דעם נאַטירלעכן צוווקס פאַרן דערמאָנטן דרייסיקיעריקן פּעריאָד, וועט זיך באַקומען א ייִדישע צוואַנדערונג פאַר אַלע 30 יאָר פון ס"ה 3,730 נפשות. דער גרעסטער טייל פון דער דאָזיקער קליינער ייִדישער צוואַנדערונג אין די שטעטלעך פון מערב-גאַליציע פאַלט אויף די 4 ניי-אַנטשטייענדע האַנדלס-פונקטן אין מערב-גאַליציע (יאַוואָזשנע, אָסווענצים, לימאַנאָוו און ניימאַרק) 2,660 ייִדישע נפשות און בלויז 1,070 נפשות אויף די איבעריקע שטעטלעך.

ווי ס'איז צו זען פון די דאָזיקע ציפער, קען פון קיין קאָנצענטראַציע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין די שטעטלעך פון מערב-גאַליציע קיין שום רייד נישט זיין. ס'פאַרשטייט זיך, אַז די שטעטלעך פון מערב-גאַליציע, וואָס וועלן ווערן, צוליב וואָסערע נישט איז סיבות, צענטרן פונם ווירטשאַפטלעכן לעבן — נאָר דאַן בלייבן זיי בלויז נאָמינעל שטעטלעך — וועלן צוציִען אויך די ייִדישע באַפעלקערונג, די שטעטלעך אָבער אַלס אַ זעלכע — דער צענטער פונם קליינע האַנדל און נישט אַנטוויקלטער מלאכה אויף דעם פערזענלעכן באַשטעלער — שטעלן מיט זיך פאָר אַ זייער נישט גינסטיקן באָדן פאַר דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון די ייִדישע מאַסן, און אין אַלגעמיין בילדן זיי שטאַרקע ייִדישע אויסוואַנדערונגס-צענטרן.

---

1) די אַלגעמיינע באַפעלקערונג פון סקאַווינע האָט זיך אַנטוויקלט אינם דערמאָנטן פּעריאָד אויף פאָלגענדן אופן: אין 1880 יאָר האָט זי באַטראָפן 1 243 און איז 1910 יאָר 2,038, האָט זיך פאַרגרעסערט אויף 795 נפשות אָדער 63.9 פּראָצענט.

נאָך בולטער טרעט אַרויס דער דאָזיקער פראָצעס אין מזרח־גאַליציען. פון 83 שטעטלעך, וואָס געפינען זיך אין מזרח־גאַליציע, האָט זיך אין 28 שטעטלעך די יידישע באַפעלקערונג אַבסאָלוט פאַרקלענערט (זע ז׳ 93), ד. ה. אין אַ דריטהלק פון אַלע מזרח־גאַליצישע קליינשטעטלשע וווינ־פלעצער. אין אייניקע פון די דאָזיקע שטעטלעך האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג אַבסאָלוט פאַרקלענערט אויף 33 — 40 פראָצענט (קראַקאָוויץ, יאָגעלניצע, פאָמעזשאַני און זשוראַוונע).

ס׳זיינען אָבער אויך דאָ אין מזרח־גאַליציע אַ זעלכע שטעטלעך, ווו די יידישער באַפעלקערונג האָט נישט נאָר אויפגעהאַלטן דעם גאַנצן נאַטירלעכן צוווקס, נאָר האָבן אויך צוגעצויגן אַ טייל יידישע באַפעלקערונג פון אַנדערע פונקטן (יידישע צוואַנדערונגס־פונקטן).

אַזעלכע שטעטלעך זיינען אין מזרח־גאַליציע געווען בס״ה 11. (זע טאַבעלע ז׳ 94).

צווישן די דאָזיקע 11 פונקטן, ווו די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרגרעסערט דורך צוואַנדערונג, געפינען זיך 5 שטעטלעך, וואָס האָבן זיך בכלל פאַר די לעצטע דרייסיק יאָר (1881 — 1910) שטאַרק אַנטוויקלט (אוסטזשיקי, דאָלנע, טורקע, סקאַלע, טוסטאָנאַוויצע און פאָדוואָלאָטשיסק) [1], און האָבן געהאַט אויך אַ צוואַנדערונג פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג אין אייניקע ערטער אַ באַדייטנדע שטאַרקערע, איידער די צוואַנדערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס זיינען אַייגנטלעך ניי־אַנטשטאַנענע ווירטשאַפטלעכע צענטרן, וואָס זיינען לויט זייער סאָציאַל־עקאָנאָמישן כאַראַקטער גיכער שטעט איידער שטעטלעך. אין אייניקע פון זיי איז אין משך פון די דרייסיק יאָר די באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן ביז 10 טויזנט מאַן, וואָס דאַרפן אין מזרח־גאַליציע (ווי אויך אין מערב־גאַליציע) גערעכנט ווערן אַלס מיטעלע צענטרן. ס׳איז דעריבער קיין חדוש

---

[1] די אַנטוויקלונג פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון די דאָזיקע שטעטלעך פאַר די דרייסיק יאָר איז געווען פאָלגנדע.

די שטעטלעך.	די צאָל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. אין 1880 יאָר.	אין 1910 יאָר.	דער פאַקט. צוּוואוּקס אין פראָצ.
אוסטזשיקי דאָלנע.	1,824	3,919	114.2
טורקע	4,634	10,901	136.2
סקאַלע	2,047	6,425	213.3
טוסטאַנאָוויץ	3,191	9,108	185.4
ראָדזשעכאָוו	1,874	5,635	200.7

די שטעטלעך.	די צאָל פון די יידן.		די שטעטלעך.	די צאָל פון די יידן.	
	אין 1880 יאָר	אין 1910 יאָר		אין 1880 יאַר	אין 1910 יאַר.
באַלעכאָוו	3,101	3,089	זשוראַוונע	2,197	1,338
גאַדוואָרנע	4.182	3,772	טיסמעניצע	2,529	2,305
באָהאָראָדטשאַני	2,202	1,930	קראַקאָוויצע	1,003	668
באָריסלאַוו	7,363	5,753	קוליקאָוו	1,124	1,067
ראַזדאָל	2,465	2,110	שצעושעץ	1,385	1,264
מאַקאָסטיזשיסקי	2,284	2,041	בודזאַנאָוו	1,840	1,543
יאַזלאָוויצע	1,642	1,496	זבאַראַזש	3,768	3,291
זאַלעשצקי	4,424	3,382	מיקולינצי	2,411	2,137
באָרשצאָוו	1,307	1,263	זאַלאָזשצע	2,226	1,977
יאַגעלניצע	1,892	1,283	כאַסאָוו	1,906	1,612
קאַנטשינצע	2,253	2,109	פּאָמאַזשאַני	1,910	1,268
הוסיאַטין	3,782	3,288			
גזשימאַלאָוו	2,931	2,435	פּאָדהייצע	4,112	3.497
סקאַלאַט	3,067	2,838	קאָסאָוו	1,510	1,504
אַלט-סאַל	416	348			

גזשימאַלאָוו	2,931	2,435	פּאָדהייצע	4,112	3,497
סקאַלאַט	3,067	2,838	קאָסאָוו	1,510	1,504
אַלט-סאַל	416	348			

די שטעטלעך.	די צאָל פון די יידן.		די שטעטלעך.	די צאָל פון די יידן.	
	אין 1880 יאָר	אין 1910 יאָר		אין 1880 יאָר	אין 1910 יאָר.
אוסטזשיקי דאָלנע	1,146	2,328	מיקאַלאַיאָוו	235	632
טורקע	2,368	4,887	האַליטש	24	1,232
סקאַלע	1,338	3,099	בעלז	2,135	3,625
דעלאַטין	1,577	2,597	ראַדזיעכאָוו	799	1,814
נידזשאַנקאָוויץ	364	669	פּאָדוואָלאָטשיסק	1,404	3,836
טוסטאַנאָוויץ	934	1 381			

נישט, וואָס די דאָזיקע ביי־אַנטשטאַנענע עקאָנאָמישע צענטרן האָבן צו זיך צוגעצויגן אויך די יידישע באַפעלקערונג (ווי אין אַ גרעסערער, ווי אין אַ קלענערער מאָס, ווי די נישט־יידישע באַפעלקערונג). ס'וואָלט גיכער געווען אַ וווּנדער, אויב ס'וואָלט אַזוי נישט פאָרגעקומען.

אויך דאָס שטעטל דעלאַטין, ווו די יידן האָבן געהאַט אַ קליינע צוואַנדערונג (זיי האָבן זיך פאַרמערט אין משך פון די 30 יאָר אויף 87.7 פראָצ.), האָט זיך אין אַלגעמיין גאַנץ אינטענסיוו אַנטוויקלט, און כאָטש עס האָט נישט געהאַט קיין צוואַנדערונג פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג, דאָך האָט עס אויפגעהאַלטן דעם גאַנצן נאַטירלעכן צוווּקס.

די איבעריקע 5 שטעטלעך, ווו די יידישע באַפעלקערונג האָט געהאַט אַ צוואַנדערונג, זיינען געווען אָפּגעשטאַנענע פונקטן, וואָס האָבן בכלל נישט געקענט אַפילו אויפהאַלטן דעם נאַטירלעכן צוווּקס פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג, און האָבן געגעבן אין משך פון דאָזיקן פעריאָד אַ נישט־יידישע אויסוואַנדערונג. די צוואַנדערונג פון די יידן פון די דאָזיקע שטעטלעך איז געגאַנגען אויסשליסלעך אויפן חשבון פון דער נישט־יידישער באַפעלקערונג. אין גאַנצן זיינען געווען אַזעלכע שטעטלעך 5, און אָט די דאָזיקע 5 שטעטלעך מיט יידישער צוואַנדערונג (פון 83) זיינען גיכער דער אויסנאַם, וואָס באַשטעטיקט דעם רעגל פון דער נישט־פעיקייט פונם שטעטל צו בילדן אַ גינסטיקן באָדן פאַר דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין איר באַגרעניצטער אויפנאַמספעיקייט פאַר די יידישע מאַסן.

---

*) אינגאַנצן האָט באַטראָפן דער פאַקטישער צוווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די דאָזיקע 5 שטעטלעך פאַר די דריי יאָרצענדליקן (1881 — 1910) 8972 — 3607=5365 דער נאַטירלעכער צוווּקס = $\frac{66 \cdot 3607}{100}$ =2380. אויף אַזאַ אופן האָט די יידישע צוואַנדערונג אין די דאָזיקע 5 שטעטלעך באַטראָפן 5360 — 2380=2980 נפשות. פון דעם פאַלט אויפן ביי־אַנטשטאַנענעם יידישן צענטר האָליטש (ווו פריער האָבן קיין יידן נישט געוווינט) בערך פון 1200 און אויף די איבעריקע 4 שטעטלעך בערך פון 1760 נפשות. ווי ס'איז, אַליאַ, צו זען איז די צוציִונגסקראַפט און אויפנאַמספעיקייט פון די דאָזיקע קליינשטעטלשע צוואַנדערונגס־פונקטן נישט געווען קיין איבעריק גרויסע און קענען נישט האָבן קיין באַדייטונג פאַר דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון די יידן אין די שטעטלעך פון גאַליציע.

X.

די רעלאַטיווע אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך.

קודם־כּל די הויפּטשטעט פֿון מערב־און מזרח־גאַליציע. (זע טאַבעל. 97, 98).

אין דער הויפּט־שטאָט פֿון מערב־גאַליציע איז דער פּראָצענט פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג געפֿאַלן פֿון 30.7 אין 1880 יאָר אויף 21.3 פּראָצענט אין 1910 יאָר. די דאָזיקע רעלאַטיווע פֿאַרקלענערונג פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג אין קראָקע איז פֿאָרגעקומען אַ דאַנק דעם, וואָס אין ערשטן יאָר־צענדליק (1881 — 1890) האָט קראָקע געגעבן אַ גאַנץ באַדייטנדע יידישע אויסוואַנדערונג. דער פֿאַקטישער צוווּקס פֿון די יידן אין קראָקע אינם דער־מאָנטן יאָרצענדליק האָט באַטראָפֿן בס״ה 3.3 פּראָצענט, ד. ה., אַז כּמעט דער גאַנצער נאַטירלעכער צוווּקס פֿון יידן פֿאַר די דאָזיקע 10 יאָר האָט געמוזט אויסוואַנדערן פֿון קראָקע. אין דער זעלבער צייט האָט די פּוילישע באַפֿעלקערונג נישט בלויז אויפֿגעהאַלטן איר גאַנצן נאַטירלעכן צוווּקס, נאָר האָט אַפֿילו גע־האַט אַ געוויסע צוּוואַנדערונג.

(דער פֿאַקטישער צוווּקס פֿון די פּאָלאַקן האָט באַטראָפֿן אין יאָרצענדליק 1881 — 1890 17.1 פּראָצענט, בעת דער דורכשניטלעכער נאַטירלעכער צוווּקס פֿון גאַליציע אינם דאָזיקן פּעריאָד האָט באַטראָפֿן 11.4 פּראָצענט). דער אַלגע־מיינער פֿאַקטישער צוווּקס פֿון קראָקע האָט באַטראָפֿן 12.9 פּראָצענט, דאָס הייסט, אַז די פּוילישע באַפֿעלקערונג האָט זיך דאָ אַנטוויקלט נישט אַ דאַנק דער וואַקסנדער אויפֿנאַמספּעיִקייט פֿון דער שטאָט, נאָר כּמעט אויסשליסלעך אויפֿן חשבון פֿון דער אַרויסגעשטויסענער יידישער באַפֿעלקערונג.

אינם צווייטן יאָרצענדליק שטייגט די אויפֿנאַמספּעיִקייט פֿון קראָקע אויך בנוגע צו דער יידישער באַפֿעלקערונג. די יידישע באַפֿעלקערונג ווייזט אויף אין דער דאָזיקער צייט אַ געוויסע צוּוואַנדערונג, און דער פֿאַקטישער צוווּקס פֿון די יידן אין קראָקע אין משך פֿון 1891 — 1900 איז פֿיל גרעסער איידער דער נאַטירלעכער (23.7 קעגן 19.6). אָבער נאָך שטאַרקער איז די צוּוואַנדערונג פֿון דער פּוילישער באַפֿעלקערונג, וואָס האָט אין דעם דערמאָנטן פּעריאָד 1891 — 1900 געהאַט אַ פֿאַקטישן צוווּקס פֿון 32.6 פּראָצענט.

אויך אינם לעצטן יאָרצענדליק האָט קראָקע צוגעצויגן צו זיך סיי די יידישע, סיי די פּוילישע באַפֿעלקערונג. לויט דער געבראַכטער טאַבעלע האָט

דער נאַציאָנאַלער צוזאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג פון קראָקע און לעמבערג.

שטעט.	יאָרן	אַבסאָלוט. אין אַלגעמיין	פון זיי: יידן	פון זיי: פּאָלאַקן	פון זיי: רוסינער	אין פּראָצענט. יידן	פּאָ־לאַקן	רוסי־נער	אַנדערע
קראָקע	1880	66,095	20,269	44,799	308	30.7	67.8	0.4	1.0
	1890	74,593	20,939	55,459	593	28.1	70.3	0.8	0.8
	1900	97,372	25,910	69,567	935	27.0	71.0	1.0	1.0
	1910	151,885	32,321	116,656	1,698	21.3	76.8	1.1	0.8
לעמבערג	1880	109,746	30,9[illegible]1	58,602	17,496	28.2	53.4	15.9	2.5
	1890	127,943	36,130	67,286	21,876	28.2	52.6	17.1	2.1
	1900	159,877	44,258	82,597	29,327	27.7	51.7	18.3	2.3
	1910	206,113	57,387	10[illegible],496	29,3[illegible]4	27.8	51.2	19.1	[illegible]

די אַנטוויקלונג פון דער באַפעלקערונג אין קראָקע און לעמבערג אין אַלגעמיין, ווי אויך לויט די באַזונדערע פעלקער פאַרן 30 יעריקן פעריאָד (1881 — 1910).

ס׳האָבן זיך פאַרגרעסערט (—|—) אָדער פאַרקלענערט (—)

שטעט	יאָרצענדליקער	אַבסאָלוט.				אין פראָצענטן			
		אין אַלגעמיין	פון זיי:			אין אַל-געמיין	פון זיי:		
			ייִדן	פּאָלאַקן	רוסינער		ייִדן	פּאָ-לאַקן	רוסי-נער
קראָקע	1881 — 1890	8,498	670	7,660	285	12.9	3 3	17 1	92.5
	1891 — 1900	22,779	4,971	17,108	342	30.5	23.7	32.6	57.7
	1901 — 1910	54,514	6,441	47,089	767	56 0	24.7	67.7	81.6
	1881 — 1910	85,791	12,052	71,857	1,390	129.8	59.4	160.4	451.3
לעמבערג	1881 — 1890	18,197	5,169	8,654	4,380	16.6	16.7	14.8	25.0
	1891 — 1900	31,934	8,128	15,311	7,451	25.0	18.4	22.6	25.4
	1901 — 1910	46,236	13,129	22,872	9,987	28.9	29.7	27.7	34.1
	1881 — 1910	96,367	26,426	46,857	21,818	87.8	85.4	80.0	124.7

זיך די יידישע באַפעלקערונג אין די לעצטע 10 יאָרן (1901 — 1910) פאַרגרעסערט אויף 24.7 פראָצענט און די פוילישע אויף 67.7 פראָצענט. דער אומגעהויער גרויסער פאַקטישער צוּוואוקס, באַזונדערס ביי דער פוילישער באַפעלקערונג, ערקלערט זיך דערמיט, וואָס אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) איז צו קראָקע פאַרייניקט געוואָרן אַ גאַנצע רייע נאָענטליגנדע דאָרפישע געמיינדן, וואָס זייער צאָל האָט באַטראָפן אין 1900 יאָר 27,825 נפשות (דער גאַנצער פאַקטישער צוּוואוקס פון קראָקע פאַרן לעצטן יאָרצענדליק — 1901 — 1910 — האָט באַטראָפן ס"ה 54,514 נפשות). אויף אַזאַ אופן האָט זיך אין דער ווירקלעכקייט די באַפעלקערונג פון קראָקע אַנטוויקלט אין די לעצטע 10 יאָר — מ'זאָל צורעכענען די דאָזיקע געמיינדן צו קראָקע שוין אין 1900 יאָר — אויף פאָלגנדן אופן: דער פאַקטישער צוּוואוקס איז געווען ביי:

די פּאָלאַקן אויף 21.4 פראָצענט.

„ יידן „ 20.5 „

בכלל זען מיר, אַז פון יאָרצענדליק צו יאָרצענדליק פאַרקלענערט זיך דער חילוק צווישן דער אינטענסיווקייט צווישן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער און נישט-יידישער באַפעלקערונג אין קראָקע, און אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) איז דער דאָזיקער חילוק צווישן דעם קאָפּיציענט פון דער פאַרמערונג ביי דער יידישער און פוילישער באַפעלקערונג געווען אַן אומבאַדייטנדער (20.5 קעגן 21.4). געוויסע סיבות, און זיכער דאַרף מען זיי זוכן נישט ערגעץ אַנדערש, ווי אין דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון קראָקע — האָבן פאַרשטאַרקט די ווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס פון די יידישע מאַסן און האָט זיי געמאַכט קאַמפּס- און קאָנקורענץ-פעיִק מיט די פּאָלאַקן.

וואָס אַמבאַלאַנגט די רוסינער, זיינען זיי פאַרגעשטעלט אין קראָקע מיט אַן אומבאַדייטנדער צאָל אין אַלע 4 פאָלקסציילונגען. קראָקע איז, אַלזאָ, אַ פוילישע שטאָט מיט אַ באַדייטנדער יידישער מינדערהייט, און זי ווייזט נישט אַרויס קיין שום סמנים, דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון קראָקע זאָל זיך ווען נישט איז ענדערן.

אַנדערש איז פאָרגעקומען די אַנטוויקלונג פון דער צווייטער הויפּטשטאָט — פון לעמבערג.

רעלאַטיוו האָט זיך דאָ דער פראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג כמעט, ווי נישט געענדערט פאַר די גאַנצע דרייסיק יאָר (אין 1880 יאָר 28.9 פראָצ. אין 1910 יאָר 27.8 פראָצ). דער חילוק פון לעמבערג און קראָקע באַשטייט אין דעם, וואָס לעמבערג האָט אַפילו אינם ערשטן יאָרצענדליק (1881 — 1890), ווען פון קראָקע האָט אויסגעוואַנדערט כמעט דער גאַנצער יידישער נאַטירלעכער צוּוואוקס, כמעט נישט געוווּסט פון קיין יידישער אויסוואַנדערונג.

דער באַקטישער צוּוואוּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין לעמבערג אין יאָרצענדליק 1881 — 1890 האָט באַטראָפן 16.7 פּראָצענט, אַלזאָ, כּמעט גלייך דעם דורכשניטלעכן נאַטירלעכן (17.3 פּראָצענט) צוּוואוּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע. דאָס זעלבע איז אויך צו באַמערקן אין צווייטן יאָרצענדליק (1891 — 1900), ווען דער פּאַקטישער צוּוואוּקס פון די יידן אין לעמבערג האָט באַטראָפן 18.4 — נישט פיל קלענער איידער דער דורכשניטלעכער נאַטירלעכער צוּוואוּקס פון די יידן אין גאַנץ גאַליציע (19.6 פּראָצענט), אַלזאָ, אויך אינם דאָזיקן יאָרצענדליק האָט לעמבערג אויפגעהאַלטן כּמעט זיין גאַנצן נאַטירלעכן יידישן צוּוואוּקס.

אינם לעצטן יאָרצענדליק איז די אויפנאַמספעיקייט פון לעמבערג בנוגע צו די יידן אויף אַזוי פיל געשטיגן, אַז זי האָט שוין געקענט אויך צוציען צו זיך אַ באַדייטנדע טייל יידן פון אַנדערע ווינקלען. דער פּאַקטישער צוּוואוּקס פון יידן אין לעמבערג האָט באַטראָפן אין לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) 29.7 פּראָצענט, און די צוּוואַנדערונג אַהער איז געווען אין לעצטן יאָרצענדליק הן אַבסאָלוט, הן רעלאַטיוו שטאַרקער, איידער די יידישע צוּוואַנדערונג אין קראָקע.

וואָס אַמבאַלאַנגט די איבעריקע צוויי פעלקער — פּאָלאַקן און רוסינען — האָבן זיי זיך אַנטוויקלט אויפן פאָלגענדן אופן: די פּאָלאַקן האָבן אין ערשטן יאָרצענדליק נישט נאָר אויפגעהאַלטן אין לעמבערג זייער גאַנצן נאַטירלעכן צוּוואוּקס, נאָר זיי האָבן נאָך געהאַט אַ געוויסע צ ו וו אַ נ ד ע ר ו נ ג. זייער פּאַקטישער צוּוואוּקס האָט באַטראָפן אין דעם דאָזיקן פּעריאָד 14.8 פּראָצענט (דער דורכשניטלעכער נאַטירלעכער צוּוואוּקס פון גאַנץ גאַליציע האָט באַטראָפן אין יאָרצענדליק 1881 — 1890 11.4 פּראָצענט). אין צווייטן, ווי אויך אין לעצטן יאָרצענדליק, האָבן זיך די פּאָלאַקן אין לעמבערג אַנטוויקלט מיט אַן אַלץ וואַקסנדער קראַפט. אין 1891 — 1900 האָט זייער פּאַקטישער צוּוואוּקס באַטראָפן 22.6 פּראָצענט (אַ סך גרעסער איידער ביי די יידן, און אינם לעצטן יאָרצענדליק — 1901 — 1900 — האָט ער שוין באַטראָפן 27.7 פּראָצענט ווייניקער אַלס ביי די יידן. אין אַלגעמיין האָט זיך פאַרגרעסערט פאַר די גאַנצע דרייסיג יאָר:

די יידן אויף 85.4 פּראָצענט.

„ פּאָלאַקן „ 80.0 „

נעמט מען אָבער אין באַטראַכט, אַז דער נאַטירלעכער צוּוואוּקס איז ביי די יידן אין גאַליציע פיל שטאַרקער איידער ביי די איבעריקע פעלקער — אַלזאָ, אויך גרעסער, ווי ביי די פּאָלאַקן — קומען מיר צום באַשלוס, אַז ר ע ל אַ ט י וו איז די פּוילישע און יידישע צוּוואַנדערונג קיין לעמבערג אומגעפער גלייך.

אַ רעלאַטיוו שטאַרקע אַנטוויקלונג ווייזן אַרויס אין לעמבערג די רוסי-

(1910 — ...) פּאַר-
פּראָצענט דער אומ-
...לישער באַפעל-
(1910 — 1901
דאָרפישע געמיינדן,
(דער גאַנצער
— 1910 — 1901
אין דער ווירקלעכ-
10 יאָר — מ׳זאָל
אויף פאָלגענדן

...רקלענערט זיך
אַנטוויקלונג פון דער
...צטן יאָרצענדליק
...ציענט פון דער
...ג געווען אן אומבאַ-
...ען זיי זוכן נישט
...קראָקע — האָבן
... מאַסן און האָט זיי

אין קראָקע מיט
קראָקע איז, אַלזאָ, אַ
און זי ווייזט נישט
פון קראָקע זאָל

...טער הויפּטשטאָט —

...ר באַפעלקערונג
(אין 1880 יאָר 28.9
און קראָקע באַ-
...ענדליק (1881 —
...ר גאַנצער יידישער
...שער אויסוואַנדערונג.

נער. זייער פּראָצענט האָט זיך אויפגעהויבן פון 5.9 אין 1880 יאָר אויף 19.1 פּראָצענט אין 1910 יאָר. אין משך פון די אַלע דריי יאָרצענדליקן איז זייער פאַקטישער צוּוואוקס געווען פיל שטאַרקער איידער דער נאַטירלעכער. אוּן האָט באַטראָפן אין

1881 — 1890	„	25.0	פּראָצענט.
1891 — 1900	„	25.4	„
1901 — 1910	„	34.1	„
1881 — 1910	„	124.1	פּראָצענט.

אַ דאַנק דער רעלאַטיוו שטאַרקער אַנטוויקלונג פון די רוסינער, האָט זיך אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר באַדייטנד פאַרקלענערט דער פּראָצענט פון די פּאָלאַקן אין לעמבערג. אין 1880 יאָר האָבן די פּאָלאַקן געבילדעט 53.4 פון דער גאַנצער לעמבערגער באַפעלקערונג און אין 1910 יאָר בס״ה 51.2 פּראָצענט. אַט דער דאָזיקער פאַקט האָט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג אויך פאַר דער יידישער באַפעלקערונג: לעמבערג פאַרלירט — אָדער ריכטיקער — האָט שוין פאַרלאָרן אין דער ווירקלעכקייט איר פּוילישן כאַראַקטער. די הויפּטשטאָט פון מזרח-גאַליציע, דער הויפּט-צענטער פונם ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פון מזרח-גאַליציע, ווערט אַ צענטער אָן אַ נאַציאָנאַלער מערהייט. אינם קאַמף צווישן די צוויי הויפּט-טעריטאָריאַלע גרופּן פּאָלאַקן און רוסינער — ווערן די יידן דער פּאָליטישער צינגל, וואָס קאָן געבן דער אָדער יענער פּאָליטישער פּאַרטיי דעם איבערוויכט. נישט דאָ איז דער פּלאַץ זיך אָפּצושטעלן אויף די אַלע פּאָליטישע פאָלגן פון דער דאָזיקער גינסטיקער לאַגע, אין וועלכער ס׳ווערט געשטעלט די יידישע באַפעלקערונג אין לעמבערג דורך דעם, וואָס לעמבערג אַנטפּוילישט זיך און ווערט אַ נאַציאָנאַליטעטן-שטאָט, ווו קיינע פון די פעלקער האָט נישט קיין אַבסאָלוטע מערהייט. אין אַלגעמיינע שטריכן איז דאָס קלאָר פאַר יעדערן.

מיר האָבן ביז איצט באַטראַכט די שטאָט לעמבערג און אירע אַדמיניסטראַטיווע גרעניצן. אַרום לעמבערג אָבער געפינען זיך דריי פאָרשטאָטן, זאַמאַסטינאָוו, זניעסעניע און קלעפּאַראָוו, וואָס זיינען פאַקטישע טיילן פון לעמבערג, נאָר אין אַדמיניסטראַטיוון זין בילדן זיי זעלבסטשטענדיקע געמיינדן. מיר וועלן דעריבער אונטערזוכן די נאַציאָנאַלע פאַרהעלטנישן אין לעמבערג צוזאַמען מיט די דריי פאָרשטאָטן — אַזוי צו זאָגן אינם ווירטשאַפטלעכן לעמבערג. (זע טאַב. ז׳ 102).

ווען מיר נעמען לעמבערג אין זיינע נאַטירלעכע ווירטשאַפטלעכע גרעניצן באַמערקן מיר, אַז זיין אַנטוויקלונג איז געגאַנגען פיל אינטענסיווער איידער, ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, בעת מיר האָבן אַנאַליזירט בלויז דעם אַדמיניסטראַטיוון לעמבערג. אין די דאָזיקע גרעניצן האָט זיך די אַלגעמיינע באַפעלקערונג פאַרגרעסערט אין משך פון די דאָזיקע דרייסיק יאָר אויף 100.3 פּראָצענט (האָט

די צאָל פון דער באַפעלקערונג אין לעמבערג צוזאַמען מיט די פאָרשטעטן.

יאָרן.	אַבסאָלוט. ייִדן.	אַבסאָלוט. פּאָלאַקן.	אַבסאָלוט. רוסינער.	אַבסאָלוט. אינגאַנצן.	אין פּראָצענטן. ייִדן.	אין פּראָצענטן. פּאָלאַקן.	אין פּראָצענטן. רוסינער.
1880	32,386	61,918	18,049	115,034	23.1	53.8	15.7
1890	37,178	72,061	23,617	135.584	27.4	53.2	17.4
1900	47,370	89,957	32,132	173.268	27.3	51.9	18.6
1900	63,412	118,063	44,951	230,523	27.5	51.2	19.5

דער פאַקטישער צוּוואוּקס.

יאָרן.	אַבסאָלוט. ייִדן.	אַבסאָלוט. פּאָלאַקן.	אַבסאָלוט. רוסינער	אַבסאָלוט. אינגאַנצן.	אין פּראָצענטן. ייִדן.	אין פּראָצענטן. פּאָלאַקן.	אין פּראָצענטן. רוסינער.	אינגאַנצן.
1890 — 1881	4,792	10,143	5,568	20,500	14.8	16.4	30.8	17.8
1900 — 1891	10,192	17,896	8,515	37,684	27.4	24.8	36.1	27.8
1910 — 1901	16,042	28,106	12,819	57,255	33.9	31.2	39.9	23.0
1910 — 1881	31,026	56,145	26,902	115,439	95.8	90.7	149.0	100.3

זיך פֿאַרדאָפּלט), בעת אין די אַדמיניסטראַטיווע גרעניצן האָט זיך פֿאַרמערט די באַפֿעלקערונג בלויז אויף 87.8 פּראָצענט, אָבער בנוגע צום רעלאַטיוון אַנטייל פֿון די פֿאַרשיידענע פֿעלקער אין דער אַנטוויקלונג פֿון לעמבערג, באַמערקט זיך נישט קיין גרויסער חילוק צווישן די דאָזיקע ביידע לעמבערגס. אַ קליינע ענדערונג באַמערקט זיך נאָר לטובֿת די רוסינער. זיי בילדן אינם דאָזיקן — „גרויס-לעמבערג" 19.5 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג, בעת בלויז אינם אַדמיניסטראַטיוון לעמבערג בילדן זיי 19.1 פּראָצענט. דער פּראָצענט פֿון די פּאָלאַקן איז איינער און דער זעלבער (51.2 פּראָצענט) און דער פּראָצענט פֿון די ייִדן איז קלענער, אָבער אומבאַדייטנד — אינם אַדמיניסטראַטיוון לעמבערג 27.8 פּראָצענט און אין גרויס-לעמבערג 27.5 פּראָצענט. דאָס ערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין משך פֿונם ערשטן יאָרצענדליק (1891 — 1910) האָט זיך אין די דאָזיקע דריי פֿאָרשטאָטן די ייִדישע באַפֿעלקערונג באַדייטנד פֿאַרקלענערט. אין די איבעריקע צוויי יאָרצענדליקן (1891 — 1910) איז די אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער אין גרויס-לעמבערג (צוזאַמען מיט די דערמאָנטע פֿאָרשטאָטן) געגאַנגען אויך רעלאַטיוו אינטענסיווער איידער אינם בלויז אַדמיניסטראַטיוון לעמבערג.

אין די איבעריקע שטעט פֿון גאַליציע איז די רעלאַטיווע אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿאָרגעקומען אויף פֿאָלגענדן אופֿן: (זע ט. ד' 104, 105)

אין מערבֿ-גאַליציע איז דער פּראָצענט פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג געפֿאַלן פֿון 34.0 פּראָצענט אין 1880 יאָר אויף 31.2 פּראָצענט אין 1910 יאָר. דערביי איז צו באַמערקן, אַז הויפּטזעכלעך איז פֿאָרגעקומען די רעלאַטיווע פֿאַרקלענערונג פֿון די ייִדן אין די מערבֿ-גאַליצישע שטעט אין די ערשטע 20 יאָר (1881 — 1900), בעת דער פּראָצענט פֿון די ייִדן איז געפֿאַלן פֿון 34.0 אויף 30.9. פֿאַרקערט אינם לעצטן יאָרצענדליק 1901 — 1910 האָט זיך רעלאַטיוו די ייִדישע באַפֿעלקערונג אַפֿילו עטוואָס פֿאַרגרעסערט -- אַן אומבאַדייטנדע, בס"ה אויף 0.3 פּראָצענט. די דאָזיקע רעלאַטיווע פֿאַרקלענערונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג איז דאָ פֿאָרגעקומען לטובֿת דער פּוילישער באַפֿעלקערונג, וואָס האָט זיך רעלאַטיוו פֿאַרגרעסערט אין משך פֿון די דרייסיק יאָר פֿון 62.3 אויף 66.3 פּראָצענט. אָבער אויך די דאָזיקע רעלאַטיווע פֿאַרגרעסערונג פֿון דער פּוילישער באַפֿעלקערונג איז פֿאָרגעקומען, — ווי די רעלאַטיווע פֿאַרקלענערונג פֿון די ייִדן — אין די ערשטע 20 יאָר, בעת די פּאָלאַקן האָבן זיך פֿאַרגרעסערט פֿון 62.3 אויף 67.0 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער שטאָטישער באַפֿעלקערונג אין מערבֿ-גאַליציע. וואָס אַנבאַלאַנגט אָבער דעם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910), איז דאָ דער פּראָצענט פֿון די פּאָלאַקן אַפֿילו עטוואָס געפֿאַלן (פֿון 67.0 אויף 66.3 פּראָצענט).

די באַפעלקערונג פון די 11 מערב=גאַליציִשע שטעט אין אַלגעמיין
און לויט די באַזונדערע פעלקער.

יאָרן.	א ב ס אָ ל ו ט.				אין פראָצענטן.		
	אינגאַנצן	פון זיי:					
		ייִדן	פּאָלאַקן.	רוסינער.	ייִדן.	פּאָ־לאַקן.	רוסי־נער.
1880	92,087	21,293	57,384	1,549	34.0	62.3	1.7
1890	106,706	34,450	69,280	980	32.3	64.9	0.9
1900	128,947	39,771	86,252	1,341	30.9	67.4	0.9
1910	164,361	51,257	109,015	2,258	31.2	66.3	1.4

דער פאַקטישער צוּוואוּקס פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג פאַר די דריי יאָרצענדליקער (1881 — 1910) אין אַלגעמיין און לויט די באַזונדערע פעלקער אין די 11 שטעט פון מערב-גאַליציע.

יאָרצענדליקער.	אַבסאָלוט. פון זיי: אינגאַנצן	אַבסאָלוט. פון זיי: יידן	אַבסאָלוט. פון זיי: פאָלאַקן.	אַבסאָלוט. פון זיי: רוסינער.	אין פּראָצענטן. אינ-גאַנצן.	אין פּראָצענטן. יידן.	אין פּראָצענטן. פּאָ-לאַקן.	אין פּראָצענטן. רוסי-נער.
1890 — 1881	14,619	3,157	11,896	(—) 569	15.9	10.1	20.7	(—) 36.7
1900 — 1891	22,241	5,321	16,972	361	20.8	15.4	24.5	36.8
1910 — 1900	35,414	11,486	22,763	917	27.5	28.9	26.4	68.4
1910 — 1881	72,274	19,964	51,631	709	78.5	63.8	90.0	45.4

די אַלע איבעריקע נאַציאָנאַלע גרופּעס שפּילן קיין שום ראָלע נישט אינם שטאָטישן לעבן פון מערב־גאַליציע, הן אַבסאָלוט, הן רעלאַטיוו בילדן די רוסינער — און נאָך מער די אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס — נישטיקע צאָלן, וואָס קענען אין אַכט נישט גענומען ווערן.

ווי די הויפּט־שטאָט פון מערב־גאַליציע קראָקע, אַזוי אויך די אַלע איבעריקע שטעט צוזאַמען גענומען טראָגן אַן אויסגעשפּראָכענעם פּוילישן כאַראַקטער מיט אַ באַדייטנדער יידישער מינדערהייט.

וואָס זיינען די סבות, וואָס האָבן אַרויסגערופן די שנוים אין די נאַציאָנאַלע פאַרהעלטנישן פון די מערב־גאַליצישע שטעט, באַזונדערס אין די ערשטע 20 יאָר.

בכלל דאַרף מען באַמערקן, אַז די גאַליצישע שטעט האָבן זיך אין משך פון די גאַנצע דרייסיק יאָר גאַנץ גוט אַנטוויקלט (גענומען אינם גאַליצישן מאַסשטאַב). אין די דריי יאָרצענדליקן (1881 — 1910), באַזונדער גענומען, האָבן די מערב־גאַליצישע שטעט געהאַט אַ פאַקטישן צוּוווּקס גרעסער איידער דער דורכשניטלעכער נאַטירלעכער צוּוווּקס פונם לאַנד, ד. ה., אַז אין אַלע דריי יאָרצענדליקן האָבן בדרך־כּלל די מערב־גאַליצישע שטעט נישט בלויז אויפגעהאַלטן זייער נאַטירלעכן צוּוווּקס, נאָר האָבן אויך צוגעצויגן צו זיך אַ געוויסע טייל באַפעלקערונג פון אַנדערע ווינפּלעצער.

דער גרויסער פּראָצענט פונם פאַקטישן צוּוווּקס פון די מערב־גאַליצישע שטעט אינם לעצטן יאָרצענדליק ערקלערט זיך דערמיט, וואָס אין משך פון דער דאָזיקער צייט זיינען פאַריייניקט געוואָרן צו די שטעט זשעשאָוו און ניי־סאַנדעץ אַ גאַנצע רייע נאָענטליגנדע דאָרפישע געמיינדן, וואָס האָבן צוזאַמען געציילט אין 1900 יאָר אַ באַפעלקערונג פון 8064 נפשות. ווען מיר זאָלן צוגעבן די דאָזיקע צאָל צו דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון 1900 יאָר, וועט זיך באַקומען פאָלגנדער רעזולטאַט: די שטאָטישע באַפעלקערונג פון מערב־גאַליצישע שטעט האָט זיך פאַרגרעסערט פון 137011 נפשות אויף 164361, ד. ה. אויף 27,350 נפשות, אָדער 20 פּראָצענט. נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דער דורכשניטלעכער נאַטירלעכער צוּוווּקס פון גאַליציע איז אינם יאָרצענדליק 1901 — 1910 געווען ס״ה 15.6 פּראָצענט, קומען מיר צום אויספיר, אַז אויך אין לעצטן יאָרצענדליק האָבן זיך די מערב־גאַליצישע שטעט אַנטוויקלט דורך אַ צוּוואַנדערונג, כאָטש די דאָזיקע צוּוואַנדערונג איז געווען עטוואָס קלענער איידער אין פאָריקן יאָרצענדליק (1891 — 1900).

נישט קוקנדיק אָבער אויף דעם, האָבן די יידן געגעבן אינם ערשטן יאָרצענדליק (1881 — 1890 אַ גאַנץ באַדייטנדע אויסוואַנדערונג פון די מערב־גאַליצישע שטעט. זייער פאַקטישער צוּוווּקס איז דאָ געווען אינם דאָזיקן פּעריאָד

10,1 קעגן 17.3 פראָצענט פונם דורכשניטלעכן נאַטירלעכן צוּוואוּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע. אַ יידישע אויסוואַנדערונג פון די מערב גאַליצישע שטעט איז אויך געווען אינם צווייטן יאָרצענדליק (1891 — 1900), אָבער שוין אין אַ סך אַ קלענערער מאָס (דער יידישער פאַקטישער צוּוואוּקס איז דאָ געווען 15.4 קעגן 19.6 פונם דורכשניטלעכן נאַטירלעכן צוּוואוּקס). די פאָלאַקן אָבער האָבן אין משך פון די ביידע דערמאָנטע פעריאָדן בעגעבן אַ באַדייטנדע צוּוואַנדערונג (זייער פאַקטישער צוּוואוּקס איז געווען אין 1881 — 1890 20,7 פראָצענט און אין 1891 — 1900 24,5 פראָצענט). די אַנטוויקלונג פון דער פוילישער באַפעלקערונג אין די מערב-גאַליצישע שטעט אין משך פון די ביידע דערמאָנטע יאָרצענדליקן, איז פאָרגעקומען כמעט אויסשליסלעך אויפן חשבון פון דער יידישער אויסוואַנדערונג (און באַזונדערס אינם ערשטן יאָרצענדליק).

אַנדערש איז דאָס בילד פון דער רעלאַטיווער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910). אין משך פון דער דאָזיקער צייט האָט נישט בלויז געלונגען דער יידישער באַפעלקערונג פון די דאָזיקע שטעט אויפצוהאַלטן זייער גאַנצן נאַטירלעכן צוּוואוּקס, נאָר זי האָט זיך אַפילו פאַרגרעסערט דורך אַ צוּוואַנדערונג פון נייע יידישע עלעמענטן. כאַראַקטעריסטיש איז אָבער דאָס, וואָס דער פאַקטישער צוּוואוּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די מערב-גאַליצישע שטעט איז אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) געווען באַדייטנד גרעסער איידער דער פאַקטישער צוּוואוּקס פון דער פוילישער באַפעלקערונג (28.9 קעגן 26.4). געוויס האָט אויך אויף דעם פאַקטישן צוּוואוּקס פון די יידן געווירקט אין אַ געוויסע מאָס דאָס, וואָס מ'האָט פאַרייניקט אין דער צייט מיט זשעשאָוו און ביי-סאַנדעץ די דערמאָנטע געמיינדן, וואָס האָבן געהאַט אַ וואָסערע נישט איז יידישע באַפעלקערונג. נאָר אַזוי ווי אין די דאָזיקע דאָרפישע געמיינדן איז דאָך דער רעלאַטיווער אַנטייל פון די יידן געווען אַ סך קלענער איידער אין די שטעט — זשעשאָוו און ביי-סאַנדעץ — מיט וועלכע די דאָזיקע דערפער זיינען פאַרייניקט געוואָרן, האָט די דאָזיקע פאַרייניקונג פאַרגרעסערט דעם פאַקטישן צוּוואוּקס פון דער נישט-יידישער (פוילישער) באַפעלקערונג אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס איידער דעם פאַקטישן צוּוואוּקס פון די יידן. דער חילוק צווישן דעם פאַקטישן צוּוואוּקס פון דער יידישער און פוילישער באַפעלקערונג אינם לעצטן יאָרצענדליק איז אין דער ווירקלעכקייט געווען אַ גרעסערער און גראָד לטובת דער יידישער באַפעלקערונג. דעם דאָזיקן חילוק פון פאַקטישן צוּוואוּקס פון די יידן און פאָלאַקן אין די מערב-גאַליצישע שטעט אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910)

קען מען, אַלזאָ, נישט ערקלערן בלויז מיט דעם, וואָס דער נאַטירלעכער צוּוואוּקס פון די יידן איז אינם לעצטן יאָרצענדליק (ווי אויך אין די פאָריקע יאָרצענדליקן) געווען גרעסער איידער ביי דער פוילישער באַפעלקערונג, נאָר אויך מיט דעם, וואָס די יידישע צוּוואַנדערונג אין די מערב-גאַליצישע שטעט איז אינם לעצטן יאָרצענדליק געווען רעלאַטיוו שטאַרקער איידער די צוּוואַנדערונג פון די פאָלאַקן.

וואָס אַמבאַלאַנגט דער רעלאַטיווער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין באַזונדערע שטעט פון מערב-גאַליציע, באַמערקן מיר פאָלגנדע ערשיינונג: (זע טאַבעלע ז׳ 109.)

לויט דער גרויס פון דער יידישער באַפעלקערונג קען מען מערב-גאַליצישע שטעט צוטיילן אויף 2 קאַטעגאָריעס: מיט גרויסע יידישע קהלות (טאַרנאָוו, זשעשאָוו, נייסאַנדעץ און פאָדגוזשע) און מיט קליינע יידישע קהלות (גאַרליצע, יאַסלע, באָכניע, קראָסנע, וואַדאָוויצע, ביאַלע און וועליטשקע). רעלאַטיוו האָט זיך פאַרשטאַרקט די יידישע באַפעלקערונג אין משך פון די גאַנצע דרייסיק יאָר בלויז אין די שטעט, וווּ די יידן זיינען שוואַך פאָרגעשטעלט הן אַבסאָלוט, הן רעלאַטיוו. אין קיין איין איינציקער שטאָט מיט אַ גרויסער יידישער קהלה האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג רעלאַטיוו נישט פאַרגרעסערט. פאַרקערט, דער פּראָצענט פון די יידן איז דאָ געפאַלן און זייער באַדייטנד. נעמען מיר אָבער בלויז דעם לעצטן יאָרצענדליק, אַזוי באַמערקט זיך אַ רעלאַטיווע פאַרשטאַרקונג פון די יידן אויך אין די צוויי גרויסע שטעט: טאַרנאָוו און נייסאַנדעץ.

וואָסערע פּראָצעסן האָבן אַרויסגערופן די דערמאָנטע שנוים אין די נאַציאָנאַלע פאַרהעלטנישן אין די מערב גאַליצישע שטעט אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר?

ווענדן מיר זיך צום פאַקטישן צוּוואוּקס פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון מערב-גאַליציע, באַמערקן מיר, אַז פאַר די גאַנצע דרייסיק יאָר (1881 — 1910) (זע ט. ז׳ 110) האָבן זיך שטאַרק אַנטוויקלט 5 שטעט, וועלכע האָבן געהאַט אַ פאַקטישן צוּוואוּקס מער איידער דער נאַטירלעכער (זשעשאָוו, נייסאַנדעץ, פאָדגוזשע, יאַסלע און קראָסנע). פון זיי איז בלויז אין 3 דער פאַקטישער צוּוואוּקס פון די יידן געווען מער איידער דער נאַטירלעכער. די פוילישע באַפעלקערונג האָט געהאַט אין משך פון די דרייסיק יאָר 6 קאָנצענטרירונגס-פונקטן (טאַרנאָוו, זשעשאָוו, נייסאַנדעץ, פאָדגוזשע, יאַסלע און קראָסנע). אין צוויי פונקטן האָבן די יידן געהאַט אַ צוּוואַנדערונג, בעת די פוילישע באַפעלקערונג האָט געגעבן פון דאַנען אַן אויסוואַנדערונג (וועליטשקע און וואַדאָוויצע). און אין גאַרליצע, ביאַלע האָט די יידישע באַפעלקערונג געגעבן אַ קלענערע אויסוואַנדערונג איידער

די יידישע באפעלקערונג.

די שטעט	אבסאלוט 1880	1890	1900	1910	אין פראצענטן 1880	1890	1900	1910
טארנאוו	11,349	11,677	12,586	15,108	46.1	42.4	39.7	41.2
זשעשאוו	5,820	5,492	6,324	8,785	52.1	45.9	42.1	37.1
ניי־סאנדעץ	5,163	4,120	4,687	7,970	46.2	32.4	30.2	32.0
פאדגורזשע	2,506	4,286	5,422	6,231	32.7	32 6	29.9	27.9
גארליצע	2,257	2,884	3,297	3,495	49.6	51.0	51.2	51.2
יאסלע	433	934	1,524	2,262	13 1	20.6	23.2	22.3
באכניע	1,666	2,133	1,926	2,091	19.5	24.1	19.1	19.2
קראסנע	327	567	961	1,559	11.6	17.4	21.8	28 2
וואדאוויצע . . .	404	722	975	1,322	8.1	13.4	15.4	17.7
ביאלע . . .	754	822	1,088	1,274	10 4	10.8	13.2	14.7 (*
העליטשקע	614	813	981	1,140	10.3	13.5	15.6	16.1

*) צוזאמען מיטן פארשטאט ליפניק, וואס בילדעט פארמעל א זעלבסטשטענדיקע געמיינדע האבן די יידן געבילדעט אין ביאלע

אין 1880 „ 8.9 פראצענט
„ 1890 „ 9.4 „ „
„ 1900 „ 9.6 „ „
„ 1910 „ 9.1 „ „

ד. ה. דער פראצענט פון די יידן איז פאר דער גאנצער צייט געבליבן כמעט אייגער און דער זעלבער.

דער פאַקטישער צוּוואוּקס 1881 — 1910.

די שטעט.	אַבסאָלוּט. אינגאַנצן.	אַבסאָלוּט. יידן.	אַבסאָלוּט. פּאָלאַקן.	אין פּראָצענטן. אינ־גאַנצן.	אין פּראָצענטן. יידן.	אין פּראָצענטן. פּאָ־לאַקן.
טאַרנאָוו	*) 12,104	3,759	8,393	49.0	33.1	64.8
זשעשאָוו	12,522	2,965	8,720	112.1	50.9	169.3
ניי־סאַנדעץ	13,819	2,827	11,096	123.5	54.8	215.7
פּאָדגוּזשע	14,650	3,725	10,695	191.0	148 6	208.2
גאָרליצע	2,279	1,238	981	50.1	54.9	73.4
יאַסלע	6,814	1,829	5,065	206.4	422.4	195.6
בזשעזשאָניע	2,357	425	2,169	27.5	25.5	33.1
קראָסנע	2,712	1,232	1,468	96.5	376.6	60.5
וואַדאָוויצע	2,481	918	1,525	49.7	227.2	33.4
ביאַלע	1,417	520	961	19.5	33.2	18.1**)
יועליטשקע	1,119	526	558	18.7	85.7	10.4

*) צוזאַמען מיט רוסיגער און איבעריקע פעלקער, וועלכע זיינען אגב פאַרגעשטעלט אין די שטעט פון מערב-גאַליציע מיט צענדליקער נפשות.

**) צוזאַמען מיטן פאַרשטאָט ליפּניק, וואָס פאָרמעל בילדעט ער אַ זעלבסטשטענדיקע געמיינדע, האָט זיך די באַפעלקערונג פון ביאַלע אַנטוויקלט אין משך פון די דרייסיק יאָר: אינגאַנצן אויף 45.1 פּראָצענט, די פּאָלאַקן אויף 50.9 פּראָצענט און די יידן אויף 49.6 פּראָצענט, ד. ה. די יידישע און פּוילישע באַפעלקערונג האָבן זיך אַנטוויקלט מיט אַ גלייכער אינטענסיווקייט.

די פּוילישע. אין קראָסנע, יאַסלע (צווייי האַנדלס-פּונקטן, וואָס זיינען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דער אַנטוויקלונג פון דער נאַפט-אינדוסטריע) און פּאָדגוזשע האָבן די יידן געגעבן אַ קלענערע צוואַנדערונג איידער די פּאָלאַקן. און דאָס האָט מיטגעבראַכט די פאַרגרעסערונג פונם יידישן פּראָצענט אין די אַלע 7 פּונקטן.

אין באָכניע איז די אויסוואַנדערונג פון די יידן געווען גרעסער איידער די אויסוואַנדערונג פון די פּאָלאַקן, אין טאַרנאָוו, זשעשאָוו און נייסאַנדעץ האָבן די פּאָלאַקן געהאַט אַ צוואַנדערונג, ביי אַ גלייכצייטיקער אויסוואַנדערונג פון די יידן, און דאָס האָט געבראַכט צום פאַלן פון דעם פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די דאָזיקע 4 פּונקטן.

מ'דאַרף אָבער צוגעבן, אַז אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) איז די לאַגע פון די יידן אין די שטעט פון מערב-גאַליציע געוואָרן גינסטיקער. אינם לעצטן יאָרצענדליק איז אין טאַרנאָוו דער פאַקטישער צוואוקס פון די יידן (20.8 פּראָצענט) געווען העכער איידער דער נאַטירלעכער צוואוקס, בעת די פּוילישע באַפעלקערונג האָט זיך פאַרמערט ס"ה אויף 12.6 פּראָצענט. אויך אין נייסאַנדעץ איז דער פאַקטישער צוואוקס ביי די יידן געווען באַדייטנד העכער איידער ביי די פּאָלאַקן (70.5 קעגן 50.3 פּראָצענט). אין זשעשאָוו האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג שטאַרק פאַרגרעסערט (38.9 פּראָצענט). דאָס, וואָס אין זשעשאָוו האָט זיך די פּוילישע באַפעלקערונג פאַרגרעסערט אין אַ גרעסערער פּראָפּאָרציע, ערקלערט זיך מיט דעם, וואָס, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט פריער, אינם לעצטן יאָרצענדליק האָט מען פאַרייניקט מיט זשעשאָוו אַ גאַנצע ריי שכנותדיקע דאָרפישע געמיינדן, מיט אַן אומבאַדייטנדער יידישער באַפעלקערונג. וויכטיקער פון אַלץ איז אָבער דער פאַקט, וואָס אינם לעצטן יאָרצענדליק זיינען אַלע גרויסע צענטרן פון מערב-גאַליציע (אַ חוץ פּאָדגוזשע) געוואָרן צוואַנדערונגס-פּונקטן פאַר דער יידישער מאַסע.

פון די איבעריקע 7 קלענערע שטעט האָבן בלויז קראָסנע און יאַסלע, וואָס אַנטוויקלען זיך בכלל זייער שנעל און וואָס האָבן אויך צוגעצויגן די פּוילישע באַפעלקערונג, און וועליטשקע געדינט אַלס קאָנצענטרירונגס-פּונקטן פאַר די יידן אויך אינם לעצטן יאָרצענדליק. די איבעריקע 4 קליינע שטעט (גאָרליצע, באָכניע, וועליטשקע און ביאַלע) האָבן, אָדער קוים אויפגעהאַלטן זייער יידישן נאַטירלעכן צוואוקס, אָדער נאָך געגעבן אַ יידישע אויסוואַנדערונג

די שטעט פון מזרח-גאַליציע, לויט זייער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער און נאַציאָנאַלע פאַרהעלטנישן, אונטערשיידן זיך שטאַרק פון מערב-גאַליצישע שטעט (זע טאַב. ז' 112, 113). אין מערב-גאַליציע טראָגן די שטעט אַ אויסגעשפּראָכענעם פּוילישן כאַראַקטער מיט איין באַדייטנדער נאַציאָנאַלער מינדערהייט — יידן.

די באַפעלקערונג פון די 19 מזרח־גאַליצישע שטעט אין אַלגעמיין און לויט די באַזונדערע פעלקער.

יאָרן.	אַבסאָלוט.				אין פּראָצענטן.		
	אינגאַנצן	יידן	פּאָלאַקן.	רוסינער.	יידן.	פּאָלאַקן.	רוסינער.
1880	250,831	114,455	72,737	59,835	45 6	29.0	23 9
1890	290,968	126,775	90,041	70,640	43 6	30.9	24 3
1900	342,705	138,264	114,257	85,433	40.4	33 3	24 9
1910	408,458	157,013	145,157	101,279	38.5	35.5	24.8

דער פאַקטישער צוואוּקס פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג פאַר די דריי יאָרצענדליקער (1881 — 1910) אין אַלגעמיין און לויט די באַזונדערע פעלקער אין די 19 שטעט פון מזרח־גאַליציע.

יאָרצענדליקער.	אַבסאָלוט. פון זיי: אינגאַנצן	פון זיי: יידן	פון זיי: פּאָלאַקן.	פון זיי: רוסינער.	אין פּראָצענטן. אינגאַנצן.	יידן.	פּאָלאַקן.	רוסינער.
1890 — 1881	40,137	12,320	17,304	10,805	16.0	10.8	23.8	18.1
1900 — 1891	51,738	11,489	24,216	14,793	17.8	9.1	26.8	20.9
1910 — 1901	65,752	18,759	30,900	15,846	19.2	13 6	27.9	18.5
1910 — 1881	157,627	42,558	72,420	41,444	62.8	37.2	99.6	69.3

אַנדערש איז אָבער אין מזרח-גאַליציע. אין 1910 יאָר האָבן געבילדעט:

די ייִדן 38.5*) פּראָצענט פון דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג.
" פּאָלאַקן 35.5 " " " " " "
" רוסינער 24.8 " " " " " "

צוזאַמען גענומען, בילדן קיין איינציק נישט פון די אַלע דריי הויפּט-פעלקער פון מזרח-גאַליציע קיין רוב אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון מזרח-גאַליציע. די אַלע דריי פעלקער בילדן בלויז באַדייטנדע טיילן, דערביי געהער די רעלאַטיווע מערהייט די ייִדן, נאָך זיי גייען די פּאָלאַקן, און דאָס מערהייט-פאָלק פון מזרח-גאַליציע — די רוסינער — בילדן בס"ה 1/4 פון דער גאַנצער שטאָטישער באַפעלקערונג.

נעמען מיר אָבער די אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע פאַרהעלטנישן אין די מזרח-גאַליצישע שטעט פאַר די גאַנצע דרייסיק יאָר, באַמערקן מיר, אַז דער פּראָצענט פון די ייִדן אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג איז געפאַלן פון 45.6 אויף 38.5 פּראָצענט. די דאָזיקע רעלאַטיווע פאַרקלענערונג פון די ייִדן איז געגאַנגען הויפּטזעכלעך לטובת די פּאָלאַקן, וועמענס פּראָצענט איז געשטיגן פון 29.0 אויף 35.5.

פאַרגרעסערט האָט זיך אויך דער פּראָצענט פון די רוסינער אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון מזרח-גאַליציע, אָבער אומבאַדייטנד (פון 23.9 אויף 24.8 פּראָצענט). אַלס די שוואַכסטע האָבן זיך דאָ אַרויסגעוויזן די ייִדן, שוואַכער אַפילו איידער די רוסינער. מ'קען מיט זיכערקייט זאָגן, אַז די אַנטוויקלונג פון די גאַליצישע שטעט פירט דערצו, אַז די עקאָנאָמישע און די פּאָליטישע העגעמאָניע זאָל אַריבערגיין צו דער פּוילישער באַפעלקערונג און זי זאָל ווערן *די נאַציע פון דער רעלאַטיווער מערהייט* אין דער שטאָטישער באַפעלקערונג פון מזרח-גאַליציע.

מיר וועלן זיך גענויער אָפּשטעלן אויף דער דאָזיקער זייער וויכטיקער ערשיינונג, וואָס האָט אַזאַ גרויסע באַדייטונג פאַר די ייִדישע מאַסן אין מזרח-גאַליציע.

דער פאַקטישער צוּוואוקס פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג איז געווען אין פּראָצ.

	אינגאַנצן.	ייִדן.	פּאָלאַקן.	רוסינער.
1881 — 1890	16 0	10.8	23.8	18.1
1891 — 1900	17.8	9.1	26.8	20.9
1901 — 1910	19.2	13.6	27.0	18.5

*) אַחוץ לעמבערג.

אין אַלגעמיין האָבן זיך די שטעט אין מזרח־גאַליציע שוואַכער אַנטוויקלט איידער די מערב־גאַליצישע שטעט, אָבער דאָך איז זייער פאַקטישער צו־וווקס געווען גרעסער איידער דער דורכשניטלעכער נאַטירלעכער צוווּקס פון גאַליציע. דאָס הייסט, אַז אין אַלע דריי יאָרצענדליקן, באַזונדער גענומען, האָבן זיך די מזרח־גאַליצישע שטעט דורכשניטלעך אַנטוויקלט דורך דעם, וואָס זיי האָבן צו זיך צוגעצויגן די באַפעלקערונג פון אַנדערע ווינקלען — דורך צוואַנדערונג. אין דער זעלבער צייט, אָבער, איז דער פאַקטישער צוווּקס פון די ייִדן אין אַלע דריי יאָרצענדליקן געווען שוואַכער איידער זייער דורכשניטלעכער נאַטירלעכער צוווּקס, דאָס הייסט, אַז די מזרח־גאַליצישע שטעט האָבן געגעבן אַ ייִדישע אויסוואַנדערונג אין דער צייט, ווען זיי האָבן געצויגן צו זיך אַ נישט־ייִדישע צוואַנדערונג. אַ מערקווירדיקער נאַציאָנאַלער אויסטויש! די מזרח־גאַליצישע שטעט האָבן פשוט אויסגעביטן זייער ייִדישע באַפעלקערונג אויף אַ נישט־ייִדישער.

אין דער נישט־ייִדישער צוואַנדערונג אין די מזרח־גאַליצישע שטעט האָבן זיך היפּשזעכלעך באַטייליקט די פּאָלאַקן, כאָטש דער אַנטייל פון די רוסינער איז אויך געווען דאָ באַדייטנד. אַלזאָ, דאָס וואַקסן פונם פּויליש עלעמענט אין דער מזרח־גאַליצישער שטאָט איז פאָרגעקומען אויסשליסלעך אויפן חשבון פון דער ייִדישער אויסוואַנדערונג.

אין די באַזונדערע שטעט פון מזרח־גאַליציע איז די רעלאַטיווע אַנטוויקלונג פאָרגעקומען אויף פאָלגנדן אופן: (זע טאַבעלע ז׳ 116)

פון אַלע 19 שטעט אין מזרח־גאַליציע האָט זיך ס״ה אין צוויי (סניאַטין און סאָקאַל) די ייִדישע באַפעלקערונג רעלאַטיוו פאַרגרעסערט, און אין צוויי (גראָדעק און יאַוואָראָוו) איז דער פּראָצענט געבליבן כמעט אומגעענדערט אין משך פון די גאַנצע דרייסיק יאָר. פון די דאָזיקע 4 שטעט האָט זיך בלויז סאָקאַל אין דעם דאָזיקן פּעריאָד פאַרהעלטנישמעסיק גוט אַנטוויקלט און האָט געהאַט אויך אַן אַלגעמיינע צוואַנדערונג. די איבעריקע זייַנען קליינע אָפּגעשטאַנענע פונקטן, וואָס האָבן אַפילו נישט געקענט אויפהאַלטן זייער נאַטירלעכן צוווּקס. די רעלאַטיווע פאַרגרעסערונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין סאָקאַל ערקלערט זיך דערמיט, וואָס אינם ערשטן יאָרצענדליק האָט זיך דאָ די ייִדישע באַפעלקערונג שטאַרק אַנטוויקלט און זייער פּראָצענט איז געשטיגן פון 35.8 אויף 40.9. אין די לעצטע 20 יאָר באַמערקט זיך אַ קעגנזעצלעכער פּראָצעס, דאָס רעלאַטיווע פאַלן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. דאָס זעלבע באַמערקט זיך אויך אין די איבעריקע דריי שטעט (סניאַטין, גראָדעק און יאַוואָראָוו) אינם לעצטן יאָרצענדליק. בכלל איז נישטאָ קיין איין איינציקע שטאָט אין מזרח־גאַליציע, וואָס זאָל אַרויסווייזן אַ רעלאַטיווע פאַרגרעסערונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג

דער פּראָצענטועלער אַנטייל פֿון די דריי הויפּט־פעלקער — יידן, פּאָלאַקן און רוסינער — אין די שטעט פֿון מזרח־גאַליציע.

די שטעט.	דער פּראָצענט פֿון די יידן.				דער פּראָצענט פֿון די פּאָלאַקן.				דער פּראָצענט פֿון די רוסינער.			
	1880	1890	1900	1910	1880	1890	1900	1910	1880	1890	1900	1910
פּשעמישל	34.7	31.2	30.4	29.7	43.4	47.4	46.1	45.8	21.4	20.4	22.5	22.2
סטאַניסלאַוואָוו	53.8	54.2	46.4	45.6	30.0	28.5	31.7	30.7	15.0	16.0	19.6	21.4
קאָלאָמעאַ	51.9	49.1	48.5	44.3	25.8	26.8	27.8	32.2	18.3	19.6	19.5	20.5
סטרי	41.5	39.3	37.2	31.6	23.0	30.7	32.9	33.8	31.1	26.8	27.1	20.2
דראָהאָביטש	50.4	48.6	44.7	44.2	23.5	24.3	25.8	34.3	25.7	25.7	29.2	21.2
טאַרנאָפּאָל	52.2	50.2	44.4	41.3	23.9	23.6	27.1	28.5	23.3	25.5	28.2	30.0
בראָד	76.3	72.8	66.8	67.5	15.6	17.0	19.1	18.9	7.2	10,0	12.1	11.3
יאַראָסלאַוו	35.0	26.7	25.1	25.7	41.2	47.2	54.0	51.3	21.7	25,1	19.7	22.3
סאַמבאָר	32.6	28.5	28.8	25.7	51.9	54.5	52.1	54.7	15.2	16.7	18.9	18.4
בוטשאַטש	63.0	62.9	57.2	54.4	19.3	19.8	26.2	28.9	17.7	17.3	16.6	16.6
זלאָטשעוו	48.5	50.3	45.6	39.6	25.6	21.7	25.6	29.8	24.5	27.9	28.4	30.3
סניאַטין	21.5	35.8	36.5	35.5	18.1	17.3	17.2	20.0	51.9	42.8	42.6	41.2
גראָדעק	29.2	29.3	30.5	29.8	40.5	36.2	36.2	37.3	30.0	34.2	33.1	32.3
סאָקאַל	35.8	40.9	39.3	38.9	30.3	30.6	31.5	33.3	31.9	27.7	29.1	27.7
כאואָק	41.6	45.6	48.3	38.0	40.5	38.6	35.9	47.9	17.6	15.7	15.8	13.9
יאַוואָראָוו	23.4	26.9	28.2	25.9	11.1	13.2	10.7	13.2	62.7	59.7	61.0	60.3
בזשעזשאַני	43.2	41.8	38.4	35.0	34.4	33.9	36.3	40.2	22.1	23.9	22.7	23.5
טרעמבאַוולע	27.2	27.7	25.3	23.0	32.2	33.7	40.4	41.1	39.0	37.7	32.8	35.3
זשאָלקיעוו	55.3	53.0	44.7	40.6	24.5	20.0	24.7	27.2	16.9	26.9	30.1	31.8
אַלע 19 שטעט צוזאַמען	45.6	43.6	40.4	38.5	29.0	30.9	33.3	35.5	23.9	24.9	24.9	24.8

אין משך פון אַלע דריי יאָרצענדליקן, באַזונדער געווּמען.

אַ דאַנק דער דאָזיקער שטענדיקער רעלאַטיווער פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, איז פון 7 שטעט מיט אַ יידישער אַבסאָלוטער מערהייט אין 1880 יאָר, פאַרבליבן אין 1910 יאָר בלויז צוויי שטעט, ווו די יידן בילדן די אַבסאָלוטע מערהייט (בראָד און בוטשאַטש), וואָס ווייזן אָבער אַרויס אַ גאַנץ בולטע טענדענץ צו פאַרלירן זייער יידישן כאַראַקטער. אין 1880 יאָר האָבן די יידן געבילדעט די אַבסאָלוטע מערהייט אינעם גרעסטן טייל פון די גרויסערע צענטערן פון מזרח-גאַליציע (סטאַניסלאַוו, קאָלאָמעאַ, סטרי, דראָהאָביטש, טאַרנאָפּאָל און בראָד), איצט בלויז אין איין איינציקער גרויסער שטאָט בראָד (וואָס האַלט אָבער אין איין פאַלן).

די צאָל שטעט, ווו די יידן האָבן געבילדעט

	1880	1910
אַן אַבסאָלוטע מערהייט	7 [1]	2 [4]
אַ רעלאַטיווע מערהייט	5 [2]	8 [5]
אַ רעלאַטיווע מינדערהייט	7 [3]	9 [6]

שוין פון דער דאָזיקער טאַבעלע איז צו זען, ווי שוואַך ס'זיינען די סאָציאַל-עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון די יידן אין די מזרח-גאַליצישע שטעט. צוזאַמען מיט זייער צאָל-פאַרקלענערונג פאַלט אויך זייער פּאָליטישע באַדייטונג אין לאַנד. די אַנטוויקלונג פון די מזרח-גאַליצישע שטעט פירט דערצו, אַז די יידישע באַ-

1) סטאַניסלאַוו, קאָלאָמעאַ, דראָהאָביטש, טאַרנאָפּאָל, בראָד, בוטשאַטש און זשאָלקיעוו.

2) סטרי, זלאָטשעוו, סאָקאַל, סאַנאָק און בזשעזשאַני.

3) יאַראָסלאַוו, סאַמבאָר, סניאַטין, גראָדעק, יאַוואָראָוו, טרעמבאַוולע און פּשעמישל.

4) בראָד און בוטשאַטש.

5) סטאַניסלאַוואָוו, קאָלאָמעאַ, סטרי, דראָהאָביטש, טאַרנאָפּאָל, זלאָטשעוו, סאָקאַל און זשאָלקיעוו, דערביי יז שוין איצט די רעלאַטיווע מערהייט פון די יידן אין סטרי אַזאַ אומבאַדייטנדע, אַז זי קען כמעט אין באַטראַכט נישט גענומען ווערן (די יידן בילדן 34.6 פּראָצענט און די פּאָלאַקן 33.8 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, און ס'איז קיין ספק נישט, אַז גאַנץ גיך -- דאָס איז צו זען פון דער אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע כוחות-פאַרהעלטנישן אין סטרי — וועט די רעלאַטיווע מערהייט דאָ איבערגיין צו די פּאָלאַקן.

6) טרעמבאַוולע, בזשעזאַני, יאַוואָראָוו, סניאַטין, גראָדעק, סאַמבאָר, סאַנאָק, פּשעמישל און יאַראָסלאַוו.

פעלקערונג זאָל דאָ אפילו אויפהערן צו זיין אַ רעלאַטיווע מערהייט. אמת, ביי אַזאַ נאַצאָינאַלער צוזאַמענשטעלונג, וואָס הערשט אין די מזרח-גאַליצישע שטעט, קענען די יידן אַפילו ביי אַזאַ אומגינסטיקער לאַגע — ווען זיי וועלן אַפילו ווערן אַ רעלאַטיווע מינדערהייט — שפּילן אַ גרויסע ראָלע אינם פּאָליטישן לעבן פון מזרח-גאַליציע, זייענדיק דער פּאָליטישער צינגל, וואָס גיט דעם איבערוויכט דער אָדער יענער פון די קעמפנדע-פּאַר דער פּאָליטישער העגעמאָניע נאַציאָנאַלע צדדים (פּאָלאַקן און רוסינער). אָבער דאָך איז אַזאַ לאַגע נישט קיין באַזונדערס גינסטיקע.

די איבעריקע צוויי פעלקער אין די מזרח-גאַליצישע שטעט האָבן געבילדעט

	די פּאָלאַקן. 1880	די פּאָלאַקן. 1910	די רוסינער. 1880	די רוסינער. 1910
אַן אַבסאָלוטע מערהייט	[1] 1	[4] 2	[7] 2	[10] 1
אַ רעלאַטיווע מערהייט	[2] 4	[5] 5	[8] 1	[11] 1
אַ רעלאַטיווע מיעוט	[3] 14	[6] 12	[9] 16	[12] 17

די גינסטיקסטע לאַגע פאַרנעמען אין די מזרח-גאַליצישע שטעט די פּאָלאַקן. די צאָל שטעט, וווּ זיי בילדן אַן אַבסאָלוטע אָדער רעלאַטיווע מערהייט.

---

1) סאַמבאָר.
2) פּשעמישל, יאַראָסלאַוו, גראָדעק, סאַנאָק.
3) סטאַניסלאַוו, קאָלאָמעאַ, סטרי, דראָהאָביטש, טאַרנאָפּאָל, בראָד, בוטשאַטש, זלאָטשעוו, סניאַטין, סאָקאַל, יאַוואָראָוו, בזשעזשאַני, טרעמבאַוולע און זשאָלקיעוו.
4) סאַמבאָר און יאַראָסלאַוו.
5) פּשעמישל, גראָדעק, סאַנאָק, בזשעזשאַני, טרעמבאַוולע.
6) פּשעמישל, סטאַניסלאַוו, קאָלאָמעאַ, סטרי, דראָהאָביטש, טאַרנאָפּאָל, בראָד, בוטשאַטש, זשאָלקיעוו, סניאַטין, סאָקאַל, יאַוואָראָוו, זלאָטשעוו
7) סניאַטין, יאַוואָראָוו.
8) טרעמבאַוולע.
9) פּשעמישל, סטאַניסלאַוו, קאָלאָמעאַ, סטרי, דראָהאָביטש, טאַרנאָפּאָל, בראָד, יאַראָסלאַוו, סאַמבאָר, בוטשאַטש, זלאָטשעוו, גראָדעק, סאָקאַל, סאַנאָק, בזשעזשאַני, זשאָלקיעוו.
10) יאַוואָראָוו.
11) סניאַטין.
12) אין אַלע שטעט (אַ חוץ סניאַטין און יאַוואָראָוו).

האָט זיך אין דער צייט פון די דרייסיק יאָר פאַרגרעסערט כון 5 אויף 7 שטעט. אַן ערגערע לאַגע אין דעם פרט פערנעמען די רוסינער. די צאָל שטעט, וווּ די רוסינער בילדן אַן אַבסאָלוטע אָדער רעלאַטיווע מערהייט האָט זיך אין די דרייסיק יאָר פאַרקלענערט פון 3 אויף 2 שטעט. אַ חוץ דעם געפינען זיך צווישן די שטעט, וואָס האָבן אין 1900 יאָר געהאַט אַ פּוילישע מערהייט אַזעלכע גרויסע צענטרן, ווי פשעמישל, סאַמבאָר און יאַראָסלאַוו, בעת די רוסינער בילדן אַ מערהייט אין אַזעלכע אומבאַדייטנדע, אין פּאָליטישן אוןווירטשאַפטלעכן זין, פונקטן, ווי יאַוואָראָוו און סניאַטין. ס'איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן עקאָנאָמישן עראָבערונגס-מאַרש פון די פּאָלאַקן אין די מזרח-גאַליצישע שטעט דאָס, וואָס פון אַלע 19 שטעט אין מזרח-גאַליציע האָט זיך דער פּראָצענט פון די פּאָלאַקן פאַרקלענערט בלויז אין איין איינציקן, אין עקאָנאָמישן און פּאָליטישן זין, נישטיקן צענטר גראָדעק. אין אַלע איבעריקע שטעט איז דער פּראָצענט פון די פּאָלאַקן געשטיגן אין משך פון די דרייסיק יאָר, און זייער באַדייטנד. די רוסינער האָבן געהאַט א רעלאַטיווע פאַרקלענערונג אין 9 שטעט,*) צווישן זיי אין אַזעלכע וויכטיקע פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע צענטרן, ווי סטרי און דראָהאָביטש.

כדי בולטער צו מאַכן דעם חילוק פון דער רעלאַטיווער אַנטוויקלונג פון די דריי הויפּט-פעלקער — יידן, פּאָלאַקן און רוסינער — אין די מזרח-גאַליצישע שטעט, וועלן מיר זיך גענויער אָפּשטעלן אויף דעם פאַקטישן צוּוווּקס פון די דערמאָנטע דריי נאַציאָנאַלע גרופּעס. (זע טאַבעלע ז' 120).

פון 8 מזרח-גאַליצישע שטעט, וואָס האָבן זיך אין משך פון די דרייסיק יאָר (1881 — 1910) שטאַרק אַנטוויקלט דורך אַ צוּוואַנדערונג, האָט זיך אין 5 דער פּראָצענט פון די יידן פאַרקלענערט אַ דאַנק דעם, וואָס די צוּוואַנדערונג פון די יידן איז אין די דאָזיקע שטעט געווען קלענער איידער די צוּוואַנדערונג פון די איבעריקע פעלקער (פשעמישל, סטאַניסלאַוו מיט קניהינין, קאָלאָמעאַ, דראָהאָביטש **) און סאַנאָק). בלויז אין יאַראָסלאַוו האָבן די יידן בעגעבן אַ באַדייטנדע אויסוואַנדערונג, ביי דער גלייכצייטיקער צוּוואַנדערונג פון רוסינער און פּאָלאַקן, און אויך אין קאָלאָמעאַ האָבן די יידן געגעבן אַן אויסוואַנדערונג, ביי אַ גלייכצייטיקער צוּוואַנדערונג פון דער איבערי-

*) סטרי, דראָהאָביטש, בוטשאַטש, סניאַטין, גראָדעק, סאַנאָק, סאָקאַל, יאַוואָראָוו און פּרעמבאַוולע.

**) באַזונדערס גרויס איז געווען די יידישע צוּוואַנדערונג אין דראָהאָביטש אין לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910). דער פאַקטישער צוּוווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט דאָ אין דראָהאָביטש באַטראָפן 76.4 פּראָצענט.

[ד]ער פאַקטישער צוּװוּקס פון די פּאָלאַקן, יידן און רוסינער אין די מזרח־גאַליצישע שטעט אין משך פון די דרייסיק יאָר 1881 — 1910.

שטעט.	אינגאַנצן.	יידן.	פּאָלאַקן.	רוסינער.
פּשעמישל . . .	145.4	110.1	164.6	155.1
סטאַניסלאַװ *) . . .	78.9	51.8	83.3	154 8
קאָלאָמעאַ . . .	84.7	57.7	130.4	107.5
סטרי	145.1	104.3	260.3	130.5
דראָהאָביטש . . .	90.2	66.8	177.9	56.5
טאַרנאָפּאָל . . .	31.2	3.9	56.3	68 9
בראָד	20.0	20.4	9.1	40.1
יאַראָסלאַװ . . .	92.9	37.6	140.4	98.4
סאַמבאָר . . .	49.1	22.6	57.2	79.5
בוטשאַטש . . .	43.3	23.8	114.6	34.5
זלאַטשעװ . . .	58.5	29.6	77.8	95.5
סניאַטין	13.9	88.0	25.8	9.5
גראָדעק	28.2	31.0	18.1	38.3
סאָקאַל	72.6	87.5	89.9	50.2
סאַנאָק	109.2	91.0	147.6	65.3
יאַװאָראָװ . . .	12.6	14.6	33.5	8.7
בזשעזשאַני . . .	16.7	2.6	36 3	24.3
טרעמבאָװלע . . .	41.0	19.4	80.2	27.6
זשאָלקיעװ . . .	39.3	2.3	37.7	163.1

*) סטאַניסלאַװ מיט קניהינין האָבן געהאַט אַ פּאַקטישן צוּװוּקס אינגאַנצן 176.4 יידן 121.1 פּאָלאַקן 213.6 רוסינער 244.8 פּראָצענט.

די באַפעלקערונג אין די שטעטלעך אין מערב־גאַליציע.

יאָרן.	אבסאָלוט. אינגאַנצן.	אבסאָלוט. יידן.	אבסאָלוט. רוימיש קאַטוילִיש.	אבסאָלוט. גריכיש קאַטוילִיש.	אין פראָצענטן. יידן.	אין פראָצענטן. רוימיש קאַטויל.	אין פראָצענטן. גריכיש קאַטויל.
1881	166,580	53,629	111,301	1,337	32.2	66.8	0.8
1890	180,924	58,034	121,150	1,249	32.1	66.9	0.7
1900	197,232	61,068	134,367	1,424	31.0	68.1	0 7
1910	222,393	68,046	152,376	1,342	30.6	68.5	0.6

דער פאַקטישער צוּוואוקס פון דער באַפעלקערונג אין די שטעטלעך.

יאָרצענדליק.	מערב־גאַליציע. אבסאָלוט. אינ־גאַנצן.	אבסאָלוט. יידן.	אבסאָלוט. רוימיש קאַטוילִיש.	אבסאָלוט. גריכיש קאַטוילִיש.	אין פראָצענטן. אינ־גאַנצן.	אין פראָצענטן. יידן.	אין פראָצענטן. רוימיש קאַטויל.	אין פראָצענטן. גריכיש קאַטויל.
1881 — 1890	14,344	4,405	9,849	— 88	8.0	8.2	[illegible].8	— 6.6
1891 -- 1900	16,308	3,034	13,217	175	9.0	5.2	10.9	14.0
1901 — 1910	25,161	6,978	18,009	— 82	12.8	11.4	13.4	— 5 8
1881 — 1910	55,813	14,417	41,075	5	33.5	26 9	36.9	0.4

פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, כאָטש נישט אין אַזאַ בולטער פאָרם.

אין די באַזונדערע שטעטלעך האָט זיך די ייִדישע באַפעלקערונג אַנטוויקלט אויף פאָלגנדן אופן: אין 26 שטעטלעך — אַלזאָ, אין דער גרעסטער העלפט פון די מערב־גאַליציש שטעטלעך — האָט זיך פאַרהעלטנישמעסיק דער פּראָצענט פון די ייִדן פאַרגרעסערט.*) על־פּי־רוב זיינען עס קליינע אָפּגעשטאַנענע שטעטלעך, וואָס האָבן נאָך דערצו ליליפּוטישע ייִדישע קהלות, אונז איז שווער צו געפינען אַן ערקלערונג פאַר דער דאָזיקער ערשיינונג. אַלנפאַלס וואָלט אַ טעות געווען צו ערקלערן די דאָזיקע ערשיינונג דערמיט, וואָס די ייִדן אין מערב־גאַליציע שטרעבן צו „אַ גלייכמעסיקער פאַרשפּרייטונג" איבערן לאַנד, אָדער, אַז די עקאָנאָמישע לאַגע פון די ייִדישע מאַסן איז אינם קליינעם שטעטל, אינם צענטער פונם קליינעם האַנדל און מלאכה אויפן פּערזענלעכן באַשטעלער־בעסער און שטאַרקער. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז אין אַלגעמיין האָבן די שטעטלעך פון מערב־גאַליציע נישט געקענט אויפהאַלטן דעם נאַטירלעכן צוּוואוקס פון די ייִדן, און אַז די ייִדישע אויסוואַנדערונג איז פון דאַנען געווען אַ שטאַרקערע איידער די נישט־ייִדישע. בעת די שטעט פון מערב־גאַליציע האָבן נאָך אין פאַבריקן יאָרצענדליק (1891 — 1900) צוגעצויגן צו זיך די ייִדישע באַפעלקערונג פון וויינפּונקטן. ביי אַ גינסטיקער עקאָנאָמישער לאַגע פון די ייִדן אין די מערב־גאַליציש שטעטלעך, וואָלט אַזאַ ערשיינונג אוממעגלעך געווען. אַ חוץ דעם, האָט זיך בלויז אין 14 פון די דערמאָנטע 26 שטעטלעך דער פּראָצענט פון די ייִדן פאַרגרעסערט אַ דאַנק אַ ייִדישער צוּוואַנדערונג. אין די איבעריקע 12 שטעטלעך איז דער פּראָצענט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג געשטיגן אויסשליסלעך אַ דאַנק דעם, וואָס די נישט־ייִדישע באַפעלקערונג (די פּאָלאַקן) האָבן פון דאַנען אויסגעוואַנדערט אין אַ גרעסערער מאָס איידער די ייִדן, אַזוי אַז פון „אַ גלייכמעסיקער צושפּרייטונג" קען דאָ קיין רייד נישט זיין, באַזונדערס, ווען מיר וועלן זיך דערמאָנען, אַז אין גאַנצן האָט זיך פאַרגרעסערט אין משך פון די דרייסיק יאָר די צאָל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין די דאָזיקע 14 שטעטלעך — מיט אַ רעלאַטיוון שטייגן פון די ייִדן — פון 3,067 אויף 7,728, אַלזאָ, אויף 4,661 נפשות, און אַז דער נאַטירלעכער צוּוואוקס האָט געדאַרפט באַטרעפן בערך פון 2,000 מאַן ($\frac{66 \cdot 3,067}{100}$ = 2,024), די ייִדישע צוּוואַנדערונג האָט דאָ באַטראָפן פאַר די גאַנצע דרייסיק יאָר (1881 — 1910) אומגעפער 2,600 נפשות, אַלזאָ, אַ צאָל, וואָס נאָך איר גרויס נאָך, קען זי נישט האָבן קיין באַזונדערע באַדייטונג אינם לעבן און אַנטוויקלונג פון דער־

---

*) ענדערונגען ביז איינס פּראָצענט ווערן אין באַטראַכט נישט גענומען.

1890 — 1881	14,344	4,405	9,849	— 88	8.0	8.2	3.8	—6.6
1900 — 1891	16,308	3,034	13,217	175	9.0	5.2	10.9	14.0
1910 — 1901	25,161	6,978	18,009	— 82	12.8	11.4	13.4	—5.8
1910 — 1881	55,813	14,417	41,075	5	33.5	26.9	36.9	0.4

יידישער באַפּעלקערונג אין מערב-גאַליציע. מיר דאַרפֿן אָבער נאָך צוגעבן, אַז צווישן די דאָזיקע 14 שטעטלעך געפֿינען זיך אויך אַזעלכע צענטרן, ווי יאַוואָזשנע און ניימאַרק, וואָס הן נאָך דער צאָל פֿון דער באַפּעלקערונג, הן נאָך זייער עקאָנאָמישן כאַראַקטער און שנעלער אַנטוויקלונג דאַרפֿן זיי צוגערעכנט ווערן צו די שטעט פֿון מערב-גאַליציע, און אַז די דאָזיקע, פֿאָרמעל שטעטלעך, אָבער אין דער ווירקלעכקייט גאַנץ באַדייטנדע האַנדלס-צענטרן האָבן אויך צוגעצויגן אין אַ גרויסער מאָס די נישט-יידישע באַפּעלקערונג. טיילן מיר אויס די דאָזיקע פּונקטן פֿון דער צאָל שטעטלעך, באַקומען מיר פֿאָלגנדע רעזולטאַטן: די צאָל יידן אין די דערמאָנטע 14 שטעטלעך האָט זיך פֿאַרגרעסערט פֿון 2,195 אין 1880 יאָר אויף 5,033 אין 1910, אַלזאָ, אויף 2,838 נפשות. דער נאַטירלעכער צוּוווּקס האָט געדאַרפֿט באַטרעפֿן בערך פֿון 1,427 נפשות ($\frac{66 \cdot 2195}{100}$-1449) די צוּוואַנדערונג האָט, אַלזאָ, באַטראָפֿן אומגעפֿער 2,838 — 1,389-1,449 נפשות. פֿאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ אומבאַדייטנדע צוּוואַנדערונג וועט קיינעם נישט איינפֿאַלן אין קאָפּ צו רעדן וועגן אַ צוציִונגסקראַפֿט פֿון די מערב-גאַליצישע שטעטלעך פֿאַר די יידישע מאַסן, אָדער וועגן „אַ גלייכמעסיקער צושפּרייטונג", גיכער פֿון אַלץ האָבן דאָ געווירקט ספּעציפֿישע אָרטיקע סבות.

מ'דאַרף אויך באַמערקן, אַז אַלע שטעטלעך, וואָס האָבן זיך אין די לעצטע דריי יאָרצענדליקן אַנטוויקלט, האָבן אָדער אויפֿגעהאַלטן דעם גאַנצן יידישן נאַטירלעכן צוּוווּקס, אָדער נאָך געהאַט אַ יידישע צוּוואַנדערונג (אָסווענצים, שטשאַקאָווע, ביסקע, כזשאַנאָוו, ניימאַרק און זאַקאָפּאַנע), אַ חוץ דעמביצע, וווּ די פּויליש באַפּעלקערונג האָט זיך פֿאַרגרעסערט פֿון 709 אויף 2724, ביי דער גלייכצייטיקער אַבסאָלוטער פֿאַרקלענערונג פֿון דער יידישער באַפּעלקערונג פֿון 2385 אויף 2119 נפשות.

מ ז ר ח - ג אַ ל י צ י ע. ווי די שטעט אין מזרח-גאַליציע, אַזוי זיינען אויך די שטעטלעך צונויפֿגעשטעלט פֿון דריי נאַציאָנאַלע גרופּעס — יידן, פּאָלאַקן און רוסינער. דעם אויבן-אָן פֿאַרנעמען די יידן, וואָס בילדן 42.0 פּראָצענט פֿון דער גאַנצער שטעטלשער באַפּעלקערונג. די רוסינער זיינען אין די שטעטלעך פֿאָרגעשטעלט שטאַרקער איידער אין די מזרח-גאַליצישע שטעט, און בילדן כמעט אַ דריטל פֿון דער גאַנצער באַפּעלקערונג (31.3 פּראָצענט), און גייען, אַלזאָ, אויפֿן צווייטן אָרט. דאָס לעצטע אָרט פֿאַרנעמען דאָ די פּאָלאַקן, וועלכע בילדן עטוואָס מער ווי 1/4 פֿון דער שטעטלשער באַפּעלקערונג. אַלזאָ, די פּאָלאַקן זיינען אין די שטעטלעך שוואַכער פֿאָרגעשטעלט איידער אין די שטעט פֿון מזרח-גאַליציע. (זע טאַבעלע ז' 126, 127)

וואָס אַמבאַלאַנגט דער רעלאַטיווער אַנטוויקלונג פֿון די יידן אין די מזרח-

די באַפעלקערונג אין די שטעטלעך פון מזרח־גאַליציע.

יאָרן.	אַבסאָלוט. אינגאַנצן.	אַבסאָלוט. פון זיי: ייִדן	פון זיי: פּאָלאַקן.	פון זיי: רוסינער.	אין פּראָצענטן. ייִדן.	אין פּראָצענטן. פּאָ־לאַקן.	אין פּראָצענטן. רוסי־נער.
1881	337,496	1642,89	70,771	100,781	48.1	21.0	29.9
1890	373,468	178,889	80,854	111,413	47.9	21.7	29.8
1900	400,651	178,375	93,923	125,751	44.5	23.5	31.4
1910	441,817	185,532	115,636	138,387	42.0	26.2	31.3

פאַקטישער צוווּקס פון דער באַפעלקערונג אין די שטעטלעך פון מזרח־גאַליציע.

יאָרצענדליקער.	אַבסאָלוט. פון זיי: אינגאַנצן	אַבסאָלוט. פון זיי: יידן	אַבסאָלוט. פון זיי: פּאָלאַקן.	אַבסאָלוט. פון זיי: רוסינער.	אין פּראָצענטן. אינ־גאַנצן.	אין פּראָצענטן. יידן.	אין פּראָצענטן. פּאָ־לאַקן.	אין פּראָצענטן. רוסי־נער.
1881 — 1890	35,972	16,400	10,083	10,632	10.7	10.1	14.2	10.5
1891 — 1910	27,183	(—) 514	13,069	14,338	7.3	(—) 10.1	16.2	12 9
1901 — 1910	41,166	7,157	21,713	12,636	10.3	4.0	23.1	10.0
1881 — 1910	104,323	23,043	44,865	37,606	3.9	14.2	63.4	37.3

גאַליצישע שטעטלעך, פאַלט דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין שטעטלעך פון גאַליציע פון יאָרצענדליק צו יאָרצענדליק. אין 1880 יאָר האָבן די יידן געבילדעט 48.1 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג אין די שטעטלעך און אין 1910 יאָר ס״ה 42.0 פּראָצענט. די יידן זיינען די איינציקע אין די מזרח־גאַליצישע שטעטלעך, וועמענס פּראָצענט ס׳פאַרקלענערט זיך. דער פּראָצענט סיי פון די רוסינער, סיי פון די פּאָלאַקן האָט זיך אין משך פון די דרייסיק יאָר פאַרגרעסערט, אָבער נישט אין קיין גלייכער מאָס. בעת דער פּראָצענט פון די רוסינער האָט זיך פאַר די גאַנצע דריי יאָרצענדליקן פאַרגרעסערט בלויז אויף 1.4 פּראָצענט (פון 29 9 אויף 31.3), האָט זיך דער פּראָצענט פון די פּאָלאַקן פאַרגרעסערט אויף 5.2 פּראָצענט (פון 21.0 אויף 26.2 פּראָצענט).

בכלל האָט דאָס מזרח־גאַליצישע שטעטל אין משך פון די גאַנצע דרייסיק יאָר געגעבן אַ שטאַרקע אויסוואַנדערונג. דער פאַקטישער צוּוווּקס איז דאָ אין אַלע דריי יאָרצענדליקן געווען באַדייטנד קלענער איידער דער נאַטירלעכער, און דער פאַקטישער צוּוווּקס פאַר די גאַנצע דרייסיק יאָר האָט דאָ באַטראָפן ס״ה 33.5 פּראָצענט.

דאָס מזרח־גאַליצישע שטעטל בדרך־כלל האָט דורכגעמאַכט די זעלבע אַנטוויקלונג, ווי דאָס מערב־גאַליצישע. ווי דאָרטן, אַזוי אויך דאָ, איז די שטאַרקסטע אויסוואַנדערונג געווען אינם צווייטן יאָרצענדליק (1891 — 1900), און אינם לעצטן יאָרצענדליק איז ווידער די אויסוואַנדערונג פונם קליינעם שטעטל שוואַכער געוואָרן, אָבער בנוגע צום אַנטייל פון פאַרשיידענע פעלקער אין דער אויסוואַנדערונג פון דעם שטעטל, באַמערקט זיך אַ טיפער חילוק צווישן מערב־און מזרח־גאַליציע. אין מערב־גאַליציע האָבן זיך באַטייליקט אין דער אויסוואַנדערונג ביידע פעלקער: יידן און פּאָלאַקן — וואָס באַוווינען די שטעטלעך און אין ערשטן יאָרצענדליק (1881 — 1890) האָבן זיך די פּאָלאַקן באַטייליקט אין דער אויסוואַנדערונג כמעט אין דער זעלבער מאָס, ווי די יידן. אַנדערש איז עס אָבער אין מזרח־גאַליציע. דאָ באַטייליקן זיך אין דער אויסוואַנדערונג פון די שטעטלעך אויסשליסלעך די יידן און רוסינער. אינם ערשטן יאָרצענדליק האָבן זיך די דאָזיקע ביידע פעלקער אומגעפער גלייך באַטייליקט אין דער שטעטלשער אויסוואַנדערונג (רעלאַטיוו גענומען), אָבער אין די שפּעטערדיקע יאָרצענדליקן האָבן שוין די יידן געבילדעט דעם הויפּט־עלעמענט פון דער מזרח־גאַליצישער שטעטלשער אויסוואַנדערונג. אין צווייטן יאָרצענדליק האָט די אויסוואַנדערונג פון די שטעטלעך אַוועקגעטראָגן דעם גאַנצן יידישן נאַטירלעכן צוּוווּקס, און די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך דאָ אַפילו אַבסאָלוט פאַרקלענערט אויף 514 נפשות. פאַרקערט, די רוסינער האָבן

זיך דעמאָלט זייער שוואַך באַטייליקט אין דער דאָזיקער אויסוואַנדערונג, און זייער פאַקטישער צוּוווּקס אין די שטעטלעך פון מזרח-גאַליציע איז געווען נישט קיין סך ווייניקער איידער זייער נאַטירלעכער צוּוווּקס (דער דורכשניטלעכער נאַטירלעכער צוּוווּקס פון גאַליציע איז געווען אינם דאָזיקן פעריאָד 14.5 פראָצ). אויך אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) האָבן די ייִדן געבילדעט דעם הויפּט-עלעמענט פון דער אויסוואַנדערונג פון די מזרח-גאַליצישע שטעטלעך. דער פאַקטישער צוּוווּקס פון די ייִדן אין די שטעטלעך איז געווען אינם דאָזיקן פעריאָד 4 0 פראָצענט (ביי 18.2 פראָצענט נאַטירלעכער פאַרמערונג). אויך די רוסינער האָבן זיך איצט אינטענסיווער באַטייליקט אין דער שטעטלשער אויסוואַנדערונג איידער אינם פאָריקן יאָרצענדליק, אָבער דאָך איז זייער אַנטייל אין פערגלייך מיט די ייִדן געווען אומבאַדייטנד (זייער פאַקטישער צוּוווּקס איז געווען 10.0 פראָצ. קעגן 15.9 פראָצ. נאַטירלעכן צוּוווּקס).

די איינציקע, וואָס באַטייליקן זיך נישט אין דער אויסוואַנדערונג פון די מזרח-גאַליצישע שטעטלעך זיינען די פּאָלאַקן. אין די ערשטע צוויי יאָרצענדליקן (1881 — 1900) האָבן זיי אויפגעהאַלטן אין די מזרח-גאַליצישע שטעטלעך זייער גאַנצן נאַטירלעכן צוּוווּקס (זייער פאַקטישער צוּוווּקס איז דאָ געווען 14.2 און 16.2 פראָצענט). דערפאַר אָבער אין לעצטן יאָרצענדליק, זיינען די שטעטלעך פון מזרח-גאַליציע געוואָרן צוּוואַנדערונגס-פּונקטן פאַר דער פּוילישער באַפעלקערונג. זייער פאַקטישער צוּוווּקס איז דאָ געווען אינם לעצטן יאָרצענדליק 23.1 פראָצענט (קעגן 16.3 פונם נאַטירלעכן צוּוווּקס), אַלזאָ, כמעט אין אַנדערהאַלבן מאָל שטאַרקער איידער דער נאַטירלעכער צוּוווּקס.

די דאָזיקע ציפער שפּיגלען נישט אָפּ ריכטיק די אַנטוויקלונג פון דער פּוילישער באַפעלקערונג אין די מזרח-גאַליצישע שטעטלעך. צווישן די דאָזיקע שטעטלעך געפינען זיך אין דראָהאָביטשער באַצירק צוויי אינדוסטריעלע צענטרן: באָריסלאַוו און טוסטאַנאָוויצע, וווּ ס׳געפינט זיך די גאַליצישע נאַפט-אינדוסטריע. די דאָזיקע אינדוסטריעלע און האַנדלס-פּונקטן רעכענען זיך פאָרמעל פאַר שטעטלעך. באַזונדערס שטאַרק האָבן זיי זיך אַנטוויקלט אינם לעצטן יאָרצענליק און האָבן געהאַט אַ באַזונדער שטאַרקע צוציִונגס-קראַפט פאַר דער פּוילישער באַפעלקערונג, וועלכע בילדן דעם הויפּט-קאָנטינגענט פון אַרבעטערשאַפט אין די נאַפט-גריבער. אויב מיר וועלן אויסשליסן פון די שטעטלעך די דאָזיקע צוויי אינדוסטריעלע און האַנדלס-פּונקטן (וועלכע זיינען אויך לויט די צאָל פון זייער באַפעלקערונג גיכער שטעט איידער שטעטלעך), וועט דער פאַקטישער צוּוווּקס פון דער פּוילישער באַפעלקערונג פאַרן לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) באַטרעפן 14,686 נפשות (פון 90,056 אין 1900 יאָר אויף 104,742 אין 1910 יאָר)

אָדער 16.3 פּראָצענט. אַנדערש געזאָגט, די מזרח-גאַליצישע שטעטלעך האָבן אויך אינם לעצטן יאָרצענדליק נישט געדינט אַלס צוזואַנדערונגס-פּונקטן פאַר דער פּוילישער באַפעלקערונג, און די פּאָלאַקן האָבן דאָ בלויז אויפגעהאַלטן זייער גאַנצן נאַטירלעכן צוּוווקס. אָבער שוין דאָס אַליין, וואָס די פּאָלאַקן האָבן אויך אינם לעצטן יאָרצענדליק נישט גענומען קיין אַנטייל אין דער אויסוואַנדערונג פון די מזרח-גאַליצישע שטעטלעך און זיי האָט זיך איינגעגעבן איינצוהאַלטן זייער גאַנצן נאַטירלעכן צוּוווקס ביי אַ גלייכצייטיקער באַדייטנ-דער אויסוואַנדערונג פון די ייִדן און רוסינער איז זייער באַלערנד.

וואָס אַמבאַלאַנגט דער אַנטוויקלונג פון די דריי הויפּט-פעלקער פון מזרח-גאַליציע — ייִדן, פּאָלאַקן און רוסינער — אין די באַזונדערע שטעטלעך איז געווען דער:

פאַקטישער צוּוווקס אין 1881 — 1910 יאָר.

	ביי די ייִדן.	ביי די פּאָלאַקן.	ביי די רוסינער.
מער, ווי דער נאַטירלעכער. (צוזואַנדערונגס-פּונקטן).	אין 11 שטעטלעך	אין 32 שטעטלעך	אין 18 שטעטלעך
ווייניקער, אָדער גלייך מיטן נאַטירלעכן צוּוווקס.	אין 45 שטעטלעך	אין 47 שטעטלעך	אין 55 שטעטלעך
אַן אבסאָלוטע פאַרקלענערונג.	אין 27 שטעטלעך	אין 4 שטעטלעך	אין 10 שטעטלעך
ס"ה . .	83 שטעטלעך	83 שטעטלעך	83 שטעטלעך

בכלל איז צו באַמערקן, אַז אויך די פּאָלאַקן האָבן נישט געקענט איינהאַלטן זייער נאַטירלעכן צוּוווקס אין דער גרעסטער העלפט מזרח-גאַליצישע שטעטלעך, אָבער דאָך האָבן זיי געהאַט די גרעסטע צאָל שטעטלעך, וווּ זיי האָבן נישט בלויז אויפגעהאַלטן זייער גאַנצן נאַטירלעכן צוּוווקס, נאָר זיי האָבן אויך געהאַט אַ געוויסע צוזואַנדערונג. אין דעם פּרט פאַרנעמען די פּאָלאַקן דעם ערשטן פּלאַץ. די רוסינער האָבן אַזעלכע פּונקטן בלויז 18

און די ייִדן נאָך ווייניקער — ס"ה 11. אין דער דאָזיקער צאָל גייען שוין אַריין די 5 שטעטלעך אין מזרח-גאַליציע, וואָס האָבן זיך בכלל שטאַרק אַנטוויקלט און האָבן צוליב דעם אין אַלגעמיין געהאַט אַ צוציִונגס-קראַפט נישט בלויז פאַר די ייִדן. כאַראַקטעריסטיש איז אָבער, וואָס די פּאָלאַקן האָבן כמעט נישט געוווּסט אין משך פון די דרייסיק יאָר (1881 — 1910) אין די שטעטלעך פון מזרח-גאַליציע פון אַזאַ מין פאַרדרענגונג, וואָס דריקט זיך אויס אין דער אַבסאָלוטער פאַרקלענערונג פון דער באַפעלקערונג. פון 83 שטעטלעך האָט זיך אין 4 שטעטלעך די פּוילישע באַפעלקערונג אַבסאָלוט פאַרקלענערט, און דאָס איז גיכער פון אַלץ אַזאַ מין אויסנאַם, וואָס דאַרף באַשטעטיקן דעם פאַרקערטן רעגל. אין דער זעלבער צייט אָבער האָט זיך די ייִדישע באַפעלקערונג פאַרקלענערט אין 1/3 חלק פון אַלע מזרח-גאַליצישע שטעטלעך.

אויך די רוסינער האָבן זיך אין זייער ווייניק מזרח-גאַליצישע שטעטלעך אַבסאָלוט פאַרקלענערט, אָבער דאָך איז געווען זייער צאָל (10) 2 מיט א האַלבן מאָל אַזוי גרויס, איידער די צאָל פון די שטעטלעך, וואָס האָבן געהאַט אַן אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער פּוילישער באַפעלקערונג. אַלזאָ, **פון אַלע שטעטלשע איינוווינער אין די שטעטלעך פון מזרח-גאַליציע האָבן זיך די ייִדן אַרויסגעוויזן עקאָנאָמיש די שוואַכסטע.**

אין צוזאַמענהאַנג מיטן אויבנדערמאָנטן פּראָצעס, זיינען אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר פאָרגעקומען אין די מזרח-גאַליצישע שטעטלעך שטאַרקע שנוים אין די רעלאַטיווע פאַרהעלטנישן צווישן די דריי הויפּט-פעלקער.*)

אין משך פון די דרייסיק יאָר האָט זיך דער פּראָצענט

פאַרגרעסערט: ביי די ייִדן אין 18 שטעטלעך.
״ ״ ״ פּאָלאַקן ״ 66 ״
״ ״ ״ רוסינער ״ 42 ״
געבליבן אומגעענדערט: ״ ״ ייִדן ״ 6 ״
״ ״ ״ ״ פּאָלאַקן ״ 7 ״
״ ״ ״ ״ רוסינער ״ 17 ״
פאַרקלענערט: ״ ״ ייִדן ״ 59 ״
״ ״ ״ פּאָלאַקן ״ 10 ״
״ ״ ״ רוסינער ״ 24 ״

העכער ווי אין 2/3 פון די מזרח-גאַליצישע שטעטלעך האָט זיך דער פּראָצענט פון די ייִדן פאַרקלענערט, און די פּאָליטישע מאַכט פון די ייִדן איז

*) די ענדערונג ביז 1 פּראָצענט ווערט אין באַטראַכט נישט גענומען.

דאָ באַדייטנד אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די צאָל שטעטלעך, ווו ס'איז געפּאַלן רעלאַטיוו די צאָל פּאָלאַקן, איז אומבאַדייטנד ס״ה 10. אויך די רוסינער האָבן זיך אין אַ גאַנץ גרויסער צאָל שטעטלעך רעלאַטיוו פאַרקלענערט, אָבער דאָך נישט אין אַזוי פיל, ווי די ייִדן.

אינם גרעסטן רוב פון די מזרח־גאַליצישע שטעטלעך איז געוואַקסן רעלאַטיוו דער פּראָצענט פון די פּאָלאַקן. אויך די רוסינער האָבן געהאַט אַ באַדייטנדע צאָל אַזעלכע פּונקטן, מיט אַ רעלאַטיווער פאַרשטאַרקונג, אָבער דאָך פיל ווייניקער איידער די פּאָלאַקן. די קלענסטע צאָל אַזעלכע פּונקטן — מיט אַ רעלאַטיווער פאַרשטאַרקונג — איז געווען ביי די ייִדן ס״ה 18. פון די דאָזיקע 18 פּונקטן האָבן זיך די ייִדן רעלאַטיוו פאַרגרעסערט אין 6 (דעלאַטין, מיקאָלאַיעוו, האַליטש, בעלז, ראַדזיעכאָוו און ניזשאַנקאָוויץ) אַ דאַנק דעם, וואָס זיי האָבן דאָ געהאַט אַ גרעסערע צוואַנדערונג איידער די נישט־ייִדישע באַפעלקערונג, און אין די איבעריקע 12 האָט זיך זייער פּראָצענט פאַרגרעסערט אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר צוליב דעם, וואָס זיי האָבן פון די דאָזיקע שטעטלעך געגעבן אַ קלענערע אויסוואַנדערונג איידער די נישט־ייִדן.

מיר פירן אונטער אַ ס״ה דער אַנטוויקלונג פון דעם מזרח־גאַליצישן שטעטל: די שטאַרקסטע נאַציאָנאַלע גרופּע זיינען דאָ די פּאָלאַקן און די שוואַכסטע די ייִדן. אָבער מערקווירדיקער פון אַלץ איז דער פאַקט, וואָס בנוגע צו די ייִדן האָבן זיך דאָ אין די מזרח־גאַליצישע שטעטלעך די פּאָלאַקן אַרויסגעוויזן פאַר מער געפערלעכע קאָנקורענטן, איידער אין זייער „מעטראָפּאָלע״ אין פּוילישער מערב־גאַליציע. דאָרט האָבן זיך אויך די פּאָלאַקן באַטייליקט אין דער איינוואַנדערונג פונם שטעטל, און אינם ערשטן און לעצטן יאָרצענדליק נישט אין קיין סך קלענערער מאָס (רעלאַטיוו) איידער די ייִדן, בעת דאָ אין מזרח־גאַליצישן שטעטל, וואָס איז אין אַלגעמיין אָפּגעשטאַנענער עקאָנאָמיש פונם מערב־גאַליצישן שטעטל, און ווו די פּאָלאַקן בילדן אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט, האָט זיך זיי איינגעגעבן אויפצוהאַלטן זייער גאַנצן נאַטירלעכן צוּוואוּקס הויפּטזעכלעך אויפן חשבון פון דער ייִדישער אויסוואַנדערונג.

ערקלערט זיך עס דערמיט, אפשר, וואָס דאָס מערב־גאַליצישע שטעטל איז בכלל מער קאַפּיטאַליזירט (גענומען אויפן גאַליצישן מאַסשטאַב) איידער דאָס שטעטל פון מזרח־גאַליציע, און דער האַנדל און מלאכה געפינט זיך אין די מערב־גאַליצישע שטעטלעך אויף אַ העכערער מדרגה פון אַנטוויקלונג, און דעריבער איז דאָ די לאַגע פון די ייִדישע מאַסן אַ מער

זיכערע? *)

אָדער אפשר ווירקן דאָ אַנדערע פּאַקטאָרן, און באַזונדערס דער באַוווּסט־זיניקער אָרגאַניזירטער עקאָנאָמישער קאַמף, וואָס די פּאָלאַקן פירן, כדי עקאָנאָמיש און דאַן אויך פּאָליטיש צו עראָבערן און פּאָלאָניזירן מזרח־גאַליציע, אויסנוצנדיק צוליב דעם דעם פּאָליטישן און מלוכה־אַפּאַראַט, וואָס האָט זיך געפונען אויך ביז דער וועלט־מלחמה אין זייערע הענט, ווי אויך די פאַרשיידענע פּוילישע אינדוסטריעלע און ערד־בענק, וואָס האָבן זיך געשטעלט דעם ציל צו פאַרפעסטיקן די לאַגע פונם פוילישן קליינבירגערטום, און וואָס קאָנצענטרירן זייער אַרבייט הויפּטזעכלעך אין מזרח־גאַליציע?

ביי איצטיקן מאָמענט איז אוממעגלעך צו געבן אַן אויסשעפּנדע תשובה אויף די דאָזיקע זייער וויכטיקע פראַגן, אָבער גיכער פון אַלץ האָבן דאָ געווירקט די אַלע אויבנדערמאָנטע סבות צוזאַמען.

*) וועגן דעם, ווי ס׳ווירקט בכלל די קאַפּיטאַליזירונג אויף דער אויבנאַמספּעציקייט פון די שטעט און שטעטלעך בנוגע צו די יידישע מאַסן, זע אויספירלעכער מיין אַרטיקל: „די אינערלעכע יידישע איבערוואַנדערונג אין רוסלאַנד“ און די ווירקונג פון דער קאָנצענטראַציע אויף דער פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעלונג פון די יידן „דאָס נייע לעבן“, ניו־יאָרק, 1910 יאָר, העפט 2 און 6.

די אבסאָלוטע און רעלאַטיווע אנטוויקלונג פון די יידן אין די דערפער און מאַיאָנטקעס פון מזרח- און מערב-גאַליציע.

יאָרצענדליקער.	אבסאָלוט.				אין פראָצ.		
	אינגאַנצן.	יידן.	פּאָלאַקן.	רוסינער.	יידן.	פּאָ-לאַקן.	רוסי-נער.
מערב-גאַליציע.							
1880	1,788,251	64,354	1,640,864	76,157	3.6	91.8	4.3
1890	1,937,442	69,888	1,781,003	79,901	3.6	91.9	4 1
1900	2,078,217	65,633	1,924,264	83,343	3.1	92.6	4.0
1910	2,154,570	61,549	2,006,242	81,935	2.9	93.2	3 8
מזרח-גאַליציע.							
1880	3,147,454	209,146	650,519	2,260,945	6.6	20.5	71.4
1890	3,515,772	243,740	737,643	2,504,242	6.9	21.0	71.2
1900	3,910,937	257,904	840,553	2,782,418	6.6	21.5	71.1
1910	4[illegible]	258,790	984,594	3,012,238	6.0	23.0	70.8

דער פאַקטישער צוּוואוּקס פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג.

יאָרצענדליקער.	אַבּסאָלוט. אינגאַנצן.	אַבּסאָלוט. יידן.	אַבּסאָלוט. פּאָלאַקן.	אַבּסאָלוט. רוס־נער.	אין פּראָצ. אינ־גאַנצן.	אין פּראָצ. יידן.	אין פּראָצ. פּאַ־לאַקן.	אין פּראָצ. רוסי־נער.
מערב־גאַליציע.								
1881 — 1890	149,191	5,534	140,139	3,744	8.3	8.6	8.5.	4.9
1891 — 1900	140,775	— 4,255	143,261	3,442	7.3	6.1	8.0	4 3
1901 — 1910	76,353	4,084	81,978	1,408	3.7	6.2	4.3	1.7
1831 — 1910	366,319	— 2,805	365,378	5,778	20.4	4.4	22.3	7.5
מזרח־גאַליציע.								
1881 — 1890	368,318	34,594	87,124	243,297	11.7	16.5	13.4	10.8
1891 — 1900	395,165	14,164	102,910	278,176	11.2	6.0	14.0	11.1
1901 — 1910	368,852	886	140,041	229,820	9.4	0.3	17.1	8.3
1881 — 1910	1,132,335	49,644	330,075	751,293	36.0	23.7	50.7	33.2

מערב־גאַליציע: ווי ס'איז צו זען פון דער געבראַכטער טאַבעלע, טראָגן די מערב־גאַליצישע דערפער אַן אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַל־פּוילישן כאַראַק־טער. אין 1910 יאָר האָבן דאָ די פּאָלאַקן געבילדעט 93.2 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. די רוסינער זיינען דאָ אין די דערפער שטאַרקער פאַר־געשטעלט איידער אין די שטעט און שטעטלעך פון מערב־גאַליציע און בילדן ביז 4 פּראָצענט פון דער גאַנצער דאָרפישער באַפעלקערונג. די רוסינער זיינען דאָ פאָרגעשטעלט שטאַרקער איידער די ייִדן, וואָס האָבן געבילדעט אין 1910 יאָר ס"ה 2.9 פּראָצענט פון דער גאַנצער דאָרפישער באַפעלקערונג. דאָס ער־קלערט זיך דערמיט, וואָס אין די באַצירקן, וואָס גרעניצן זיך מיט מזרח־גאַלי־ציע (רוסינישן טייל) געפינט זיך אַ באַדייטנדע טייל רוסינער. אין אַלע אַנדערע באַצירקן איז זייער צאָל אַן אומבאַדייטנדע, און אין דעם איז דער הויפּט־חילוק צווישן דעם כאַראַקטער פון די ייִדישע און רוסינישע נאַציאָנאַלע מיעוטן אין די דערפער פון מערב־גאַליציע. דער רוסינישער נאַציאָנאַלער מיעוט אין די מערב־גאַליצישע דערפער איז אַ מער קאָנצענטרירטער, בעת דער ייִדישער נאַציאָ־נאַלער מיעוט איז פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן דאָרפישן טייל פון מערב־גאַליציע.

דאָס מערב־גאַליצישע דאָרף ווייזט אַרויס אַן אויסגעשפּראָכענע טענדענץ גאָר מער צו „פאַרפּוילישן זיך". אין משך פון די גאַנצע דרייסיק יאָר איז דער דאָזיקער פּראָצעס פאָרגעקומען אומאויפהערלעך, און אַ דאַנק דעם, איז דער פּראָצענט פון די פּאָלאַקן דאָ געשטיגן אין פאַריאָד 1881 — 1910 יאָרן פון 91.8 פּראָצענט אויף 93 2 פּראָצענט פון דער גאַנצער דאָרפישער באַפעלקערונג. דאָס רעלאַטיווע וואַקסן פונם פּוילישן עלעמענט אין מערב־גאַליצישן דאָרף איז פאָרגעקומען אויפן חשבון פון די רוסינער, וועמענס פּראָצענט ס'איז געפאַלן פון 4.3 אויף 3.8 און נאָך מער אויפן חשבון פון די ייִדן, וועמענס פּראָצענט איז געפאַלן פון 3.6 אויף 2.6.

נאָך בולטער וועט זיך אַרויסווייזן דער דאָזיקער פּראָצעס, ווען מיר וועלן אונטערזוכן דעם פאַקטישן צוּוואוקס פונם מערב־גאַליצישן דאָרף אין אַלגעמיין, ווי אויך פון זיינע נאַציאָנאַלע טיילן.

דאָס מערב־גאַליצישע דאָרף האָט זיך בכלל זייער שוואַך אַנטוויקלט און זיין פאַקטישער צוּוואוקס איז אין אַלע דריי יאָרצענדליקער געווען באַדייטנד נידע־ריקער איידער דער דורכשניטלעכער נאַטירלעכער צוּוואוקס, ד. ה., אַז דאָס מערב־גאַלי־צישע דאָרף האָט אין משך פון די אַלע דריי יאָרצענדליקער געגעבן אַ באַדייטנ־דע אויסוואַנדערונג. באַזונדערס קליין איז געווען דער פאַקטישער צוּוואוקס אינם לעצטן יאָרצענדליק, ווען ער האָט באַטראָפן בס"ה 3.7 פּראָצענט. די לעצ־טע ציפערן שפּיגלען אָבער נישט אָפּ ריכטיק די ווירקלעכקייט. אינם לעצטן יאָר־צענדליק (1901 — 1910) איז אַ גאַנץ גרויסע צאָל דאָרפישע געמיינדן פאַרייניקט

געוואָרן צו די שטעט, און דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, געווירקט פאַרקלענערנד אויפן פאַקטישן צוּוואוּקס פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג. אַזוי, למשל, זיינען אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) פאַרייניקט געוואָרן צו קראָקע דאָרפישע געמיינדן, וועלכע האָבן געציילט אין 1900 יאָר 27,825 נפשות, צו ניי-סאַנדעץ דערפער מיט 3,262 און צו זשעשאָוו דאָרפישע געמיינדן מיט 4,802 נפשות. רעכענען מיר אַראָפּ אָט די דאָזיקע צאָלן פונם אַלגעמיינעם סכום דאָרפישע איינוווינער אין מערב-גאַליציע אין 1900 יאָר, באַקומען מיר פאָלגנדע ציפער:

די צאָל דאָרפישע איינוווינער האָט אין מערב-גאַליציע אין 1900 יאָר באַטראָפן 2,042,328 נפשות, דער פאַקטישער צוּוואוּקס האָט אין משך פונם לעצטן יאָרצענדליק באַטראָפן 2,154,470 — 2,042,328-112,142 נפשות אָדער 5.5 פראָצ.

מיר זען, אַלזאָ, אַז ווען מיר נעמען אַפילו אין באַטראַכט די אַלע אַדמיניסטראַטיווע שנוים, באַקומען מיר דאָך אַ פאַקטישן צוּוואוּקס פונם מערב-גאַליצישן דאָרף פאַרן לעצטן יאָרצענדליק אַ סך אַ קלענערן, איידער דער פאַקטישער צוּוואוּקס פון די פריערדיקע יאָרצענדליקן, ד. ה., אַז די אויפנאַמספּעזיקייט פונם מערב-גאַליצישן דאָרף האָט זיך אויך אינם לעצטן יאָרצענדליק פאַרקלענערט, און דאָס דאָרף האָט דאָ געגעבן אַפילו אַ גרעסערע אויסוואַנדערונג איידער אין די פאָריקע יאָרצענדליקער.

ווי אַזוי דאָבן זיך באַטייליקט אינם דאָזיקן פּראָצעס פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּעס, וואָס וווינען אין די דערפער פון מערב-גאַליציע?

אינם ערשטן יאָרצענדליק (1881 — 1890) איז דער פאַקטישער צוּוואוּקס פון די ייִדן און פּאָלאַקן געווען איינער און דער זעלבער אינם מערב-גאַליצישן דאָרף (ביי די ייִדן 8.6, ביי די פּאָלאַקן 8.5), אָבער דאָך איז געווען די ייִדישע אויסוואַנדערונג פונם דאָרף אין משך פונם דערמאָנטן יאָרצענדליק באַדייטנדער איידער די פּוילישע, ווייל די נאַטירלעכע פאַרמערונג איז ביי די גאַליצישע ייִדן שטאַרקער איידער ביי דער אַרומיקער באַפעלקערונג. ביי די רוסינער איז דער פאַקטישער צוּוואוּקס געווען אַ סך קלענער (4.9 פּראָצענט), אָבער נעמענדיק אין אַכט, אַז זייער נאַטירלעכער צוּוואוּקס איז אַ סך קלענער איידער דער נאַטירלעכער צוּוואוּקס פון די ייִדן, קומען מיר צום באַשלוס, אַז רעלאַטיוו איז זייער אויסוואַנדערונג נישט געווען שטאַרקער, איידער די אויסוואַנדערונג פון די ייִדן.

אָנהויבנדיק פונם צווייטן יאָרצענדליק, פאַרנעמען די ייִדן רעלאַטיוו דאָס ערשטע אָרט אין דער אויסוואַנדערונג פונם מערב-גאַליצישן דאָרף. די ייִדישע אויסוואַנדערונג איז דאָ אַזוי גרויס, אַז זי איז אָרים צו אַן אַבסאָלוטער פאַרקלענערונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אויף גאַנצע 6.1 פּראָצענט, אין דער זעלבער צייט, ווען די פּאָלאַקן האָבן געהאַט אַ פאַקטישן צוּוואוּקס פון 8.0

פּראָצענט, כּמעט דעם זעלבן, וואָס אין פּאָריקן יאָרצענדליק.

אויך די רוסינער האָבן געהאַט אַ פאַקטישן צוּוווּקס, וואָס איז כּמעט גלײַך געווען צום פאַקטישן צוּוווּקס פוּן פאָריקן יאָרצענדליק (1881 — 1890).
די ייִדן זײַנען, אַלזאָ, געווען די איינציקע, וואָס האָבן געהאַט אין משך פוּן דעם דאָזיקן יאָרצענדליק (1891 — 1900) אַן אַבסאָלוּטע פאַרקלענערוּנג.

אינם לעצטן יאָרצענדליק האָט זיך פאַרגרעסערט אויך די אויסוואַנדערוּנג פוּן די פּאָלאַקן פוּנם מערב-גאַליצישן דאָרף, אָבער דאָך האָבן זיי דאָ געהאַט אַ פאַקטישן צוּוווּקס פוּן 4.3 פּראָצענט, אוּן ווען מ'זאָל נעמען אין באַטראַכט די פריִער דערמאָנטע אַדמיניסטראַטיווע שנוים (דאָס פאַרייניקן פוּן אַ גרויסע צאָל דאָרפישע געמיינדן צוּ די שטעט), וועט דער פאַקטישער צוּוווּקס פוּן די פּאָלאַקן זײַן בערך פוּן 6 פּראָצענט, די ייִדן האָבן אָבער ווידער געגעבן אַן אַבסאָלוּטע פאַרקלענערוּנג אויף 6.2 פּראָצענט. געוויס האָבן אויך דאָ געווירקט די דערמאָנטע אַדמיניסטראַטיווע שנוים, אוּן אין דער ווירקלעכקייט איז די אַבסאָלוּטע פאַרקלענערוּנג פוּן דער ייִדישער באַפעלקערוּנג געווען עטוואָס קלענער, אָבער דאָך איז אַזאַ אַבסאָלוּטע פאַרקלענערוּנג פוּן דער ייִדישער באַפעלקערוּנג פאָרגעקוּמען אינם מערב-גאַליצישן דאָרף אויך אינם לעצטן יאָרצענדליק. איצט אָבער אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) זײַנען די ייִדן נישט געווען דער איינציקער אויסנאַם: אַן אַבסאָלוּטע פאַרקלענערוּנג — אמת, אַבסאָלוּט אוּן רעלאַטיוו אַ סך אַ קלענערע, בס"ה אויף 1.7 פּראָצענט — האָבן אין משך פוּנם לעצטן יאָרצענדליק געגעבן אויך די רוסינער.

מזרח-גאַליציע. דאָס מזרח-גאַליצישע דאָרף האָט אין משך פוּן די גאַנצע דרײַ יאָרצענדליקער אַרויסגעוויזן אַ גרעסערע אויפנאַמספעיִקייט איידער דאָס דאָרף אין מערב-גאַליציע. אינם ערשטן יאָרצענדליק (1881 — 1890) איז דער פאַקטישער צוּוווּקס דאָ געווען 11.7 פּראָצענט, גלײַך מיטן דוּרכשניטלעכן נאַטירלעכן צוּוווּקס פאַר גאַנץ גאַליציע. די קאַפּיטאַליזירוּנג פוּנם דאָרף האָט זיך אין מזרח-גאַליציע וואַרעיינלעך אין יאָרצענדליק (1881 — 1890) נאָך נישט אָנגעהויבן אוּן דאָס מזרח-גאַליצישע דאָרף האָט נישט געוווּסט פוּן די פאָלגן פוּן דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קאַפּיטאַליזירוּנג — שטײַגנדע פאַראָרימטקייט אין איבערבאַפעלקערוּנג — אוּן האָט דעריבער אויפגעהאַלטן כּמעט זײַן גאַנצן נאַטירלעכן צוּוווּקס. דאָס לעצטע באַמערקט זיך בײַ אַלע דרײַ פעלקער פוּן גאַליציע. אוּן אויב בײַ די ייִדן איז אין מזרח-גאַליצישן דאָרף אינם דערמאָנטן פּעריאָד (1881 — 1891) געווען 16.5 פּראָצענט, בעת בײַ די פּאָלאַקן האָט ער באַטראָפן 13.4 אוּן בײַ די רוסינער 10.8, איז עס בלויז דערפאַר, וואָס בײַ די ייִדן איז דער נאַטירלעכער צוּוווּקס פאַרן דערמאָנטן פּעריאָד געווען אַ סך גרעסער איידער בײַ די פּאָלאַקן אוּן רוסינער.

אָבער שוין צונהייבנדיק פֿונם צווייטן יאָרצענדליק (1891 — 1900) האָט דאָס מזרח-גאַליציַשע דאָרף אָנגעהויבן צו געבן אַ גרויסע יידישע אויסוואַנדערונג. דער פֿאַקטישער צוּוווּקס פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג האָט דאָ באַטראָפֿן אין פּעריאָד 1891 — 1900 ס״ה 6.0 פּראָצענט, בעת דער דורכשניטלעכער טירלעכער צוּוווּקס פֿון די יידן איז אינם דאָזיקן פּעריאָד געווען 19.6 פּראָצענט. אין דער זעלבער צייט האָבן די פּאָלאַקן אין די מזרח-גאַליציַשע דערפֿער אויפֿגעהאַלטן זייער גאַנצן נאַטירלעכן צוּוווּקס, און די אויסוואַנדערונג פֿון די רוסינער איז געווען אַן אומבאַדייטנדע. דער הויפּט-אויסוואַנדערונגס-עלעמענט פֿונם מזרח-גאַליציַשן דאָרף אין משך 1891 — 1900 זיינען געווען די יידן.

אינם לעצטן יאָרצענדליק האָט זיך די יידישע אויסוואַנדערונג פֿון די מזרח-גאַליציַשע דערפֿער אויף אַזוי פֿיל פֿאַרשטאַרקט, אַז זי האָט אַוועקגעטראָגן דעם גאַנצן נאַטירלעכן צוּוווּקס פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג (די פֿאַקטישע פֿאַרמערונג פֿון די יידן האָט דאָ באַטראָפֿן ס״ה 886 נפשות אָדער 0.3 פּראָצ.). אויך די אויסוואַנדערונג פֿון די רוסינער פֿון די מזרח-גאַליציַשע דערפֿער האָט זיך פֿאַרשטאַרקט אינם לעצטן יאָרצענדליק, אָבער דאָך האָבן זיי נאָך געהאַט אַ פֿאַקטישן צוּוווּקס פֿון 8.3 פּראָצענט. די פּאָלאַקן זיינען אויך אינם לעצטן יאָרצענדליק, ווי פֿריִער, געווען אין די מזרח-גאַליציַשע דערפֿער די איינציקע, וואָס האָבן זיך נישט באַטייליקט אין דער אויסוואַנדערונג. זייער פֿאַקטישער צוּוווּקס האָט דאָ באַטראָפֿן אין יאָרצענדליק 1901 — 1910 17.1 פּראָצענט, אַלזאָ, עטוואָס העכער איידער דער דורכשניטלעכער נאַטירלעכער צוּוווּקס פֿון די פּאָלאַקן. דאָס וואָלט געדאַרפֿט הייסן, אַז די פּאָלאַקן האָבן נאָך געהאַט אַ קליינע צוּוואַנדערונג אין די מזרח-גאַליציַשע דערפֿער, וואָס זיינען געווען אין משך פֿון דעם לעצטן יאָרצענדליק באַדייטנדע אויסוואַנדערונגס-פּונקטן, סיי פֿאַר די יידן, סיי פֿאַר די רוסינער. די דאָזיקע ציפֿער אַנטשפּרעכן אָבער נישט גאָר אינגאַנצן דער ווירקלעכער אַנטוויקלונג פֿונם מזרח-גאַליציַשן דאָרף הן אין אַלגעמיין, הן בנוגע צו די באַזונדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס.

מיר האָבן שוין איינִיקע מאָל דערמאָנט, אַז אין מזרח-גאַליציע זיינען פֿאַרהאַן 8 דערפֿער (זניעסיעניע, קלעפּאַראָוו און זמאַרסטינאָוו לעבן לעמבערג, אַלט-בראָד לעבן בראָד, אַלט-זאַלעשציקי לעבן זאַלעשציקי, קניהינין-דאָרף און קניהינען-קאָלאָניע לעבן סטאַניסלאַוו און וויגנאַנקאָ לעבן טשאָרטקאָוו), וואָס זיינען פֿאַקטיש טיילן פֿון די שטעט אָדער שטעטלעך, לעבן וועלכע זיי געפֿינען זיך. פֿאַקטישע שטעטלעך, האָבן זיי, פֿאַרשטייט זיך, אַ גרעסערע אויפֿנאַמספּעיִקייט בכלל, ווי אויך פֿאַר די באַזונדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס און ווירקן פֿאַרגרעסערענד אויפֿן פֿאַקטישן צוּוווּקס פֿונם מזרח-גאַליציַשן דאָרף.

אויב מיר וועלן אַראָפּרעכענען די דאָזיקע פֿאָרמעלע דערפֿער אָדער פֿאַק-

טישע שטעט און שטעטלעך פון דער מזרח-גאַליצישער דאָרפישער באַפעלקערונג (זע טאַב. ז' 141). דעמאָלט וועלן מיר באַקומען פאָלגנד בילד פון דער אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע גרופּעס פונם מזרח-גאַליצישן דאָרף אין משך פונם לעצטן יאָרצענדליק.

פעלקער.	די אַבסאָלוטע צאָל.		דער פאַקטישער צוזווּקס.	
	1900	1910	אַבסאָלוט.	אין פּראָצ.
יידן	248,129	242,733	— 5,396	— 2.2
פּאָליאַקן	822,294	955,558	+ 133,264	+ 16.2
רוסינער	2,771,664	2,995,397	+ 224,233	+ 8.1

מיר זען, אַלזאָ, אַז דער זעלבער פּראָצעס, וואָס מיר האָבן באַמערקט אין מערב-גאַליציע — די אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די דערפער, — קומט אויך פאָר אין מזרח-גאַליציע, וווּ די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אַבסאָלוט פאַרקלענערט אויף 5,396 נפשות אָדער אויף 2.2 פּראָצענט.

כאַראַקטעריסטיש איז אָבער דאָס, וואָס גראָד אינם לעצטן יאָרצענדליק, ווען די יידישע אויסוואַנדערונג פון גאַליציע האָט זיך בכלל פאַרקלענערט נישט בלויז רעלאַטיוו, נאָר אויך אַבסאָלוט, האָט זיך די יידישע אויסוואַנדערונג פון דאָרף שטאַרק פאַרגרעסערט. דאָס מזרח-גאַליצישע דאָרף איז, אַלזאָ, געווען אינם לעצטן יאָרצענדליק (1901 — 1910) דער הויפּט-מקור פון דער מזרח-גאַליצישער יידישער אויסוואַנדערונג. די יידישע אויסוואַנדערונג פון דאָרטן האָט באַטראָפן אינם לעצטן יאָרצענדליק בערך פון 47 טויזנט נפשות. אויב דאָס ווייזט אַן איבעריק מאָל, ווי שוואַך ס'זיינען די סאָציאַל-עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון די יידן אויך אין מזרח-גאַליצישן דאָרף (ווי אין דאָרף בכלל, פאַרשטייט זיך, אויף וויפל די יידישע באַפעלקערונג לעבט אויך דאָ פונם קליינעם מסחר, מלאכה און פאַרמיטלעריי און גייען נישט איבער צו דער לאַנד-ווירטשאַפט און אירע ביי-צווייגן) — ווייזט עס אָבער אויך גלייכצייטיק אויף דעם, אַז אונזער השערה, וואָס מיר האָבן פריער אַרויסגעזאָגט, אַז די אויסוואַנדערונג בכלל הייבט זיך קודם-כל אָן אין די שטעט און שטעטלעך *), אַז די שטעט און שטעטלעך זיינען, אַזוי צו זאָגן, די פּיאָנערן פון דער אויסוואַנדערונג און ערשט נאָך זיי קומט די אויסוואַנדערונג פון דאָרף, איז לכל-הפּחות בנוגע צו דער יידי-

*) זע אויבן דאָס קאַפּיטל „די באַוועגונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גאַליציע."

די נאַציאָנאַלע צוזאַמענשטעלונג פון די 8 פאָרשטאָטן, וואָס זיינען פאָרמעל זעלבסטשטענדיקע דאָרפישע געמיינדן.

פאָרשטאָטן.	פּאָלאַקן.		רוסינער.		יידן.	
	1900	1910	1900	1910	1900	1910
זניעסיעניע, זמאָרסטינאָוו, קלעפּאַראָוו (פאָרשטאָט פון לעמבערג).	7,360	12,594	2,805	5,637	3,112	6,025
קניהינין (דאָרף און קאָלאָניע) (פאָרשטאָט פון סטאַניסלאַוו).	7,349	11,864	4,112	6,836	5,892	8,987
וויגאַנאָנקאַ. (פאָרשטאָט פון טשאָרטקאָוו).	2,549	3,244	2,257	2,576	369	537
אַלט-זאַלעשציקי . . .	261	353	827	893	75	154
אַלט-בראָד	740	981	753	899	327	354
ס"ה	18,259	29,036	10,754	16,841	9,775	16,057

שער אויסוואַנדערונג ריכטיק. אַזוי איז דער דאָזיקער פּראָצעס פּאָרגעקומען אין מערב־גאַליציע, אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט די יידישע אויסוואַנדערונג אויך אין מזרח־גאַליציע. די דאָזיקע ערשיינונג איז פאַר אונז זייער וויכטיק, ווייל זי גיט אונז אַן ערקלערונג, פאַרוואָס זיינען אין אַנדערע לענדער מיט יידישער מאַסן־האַפטער באַפעלקערונג גראָד די יידן (די הויפּט־באַוווינער פון די שטעט און שטעטלעך) די פּיאָנערן פון דער אויסוואַנדערונג.

דער פאקטישער צוּוווּקס פון דער רוסינישער באַפעלקערונג האָט זיך ווייניק געענדערט אויך נאָך דער אַראָפּרעכענונג פון די אויבנדערמאָנטע דערפער און האָט באַטראָפן 8.1 פּראָצענט. וואָס אַמבאַלאַנגט די פּאָלאַקן, האָט זייער פאַקטישע פאַרמערונג אויך אָן די דערמאָנטע דערפער באַטראָפן 16.2 פּראָצ. פּונקט אַזוי פיל, ווי זייער דורכשניטלעכער נאַטירלעכער צוּווּקס אין גאַליציע (16.3 פּראָצענט), דאָס הייסט, אַז די פּאָלאַקן זיינען געווען די איינציקע, וואָס האָבן זיך נישט באַטייליקט אין דער אויסוואַנדערונג פונם מזרח־גאַליצישן דאָרף, אויפהאַלטנדיק דאָ זייער גאַנצן נאַטירלעכן צוּוווּקס, דאָס פאַרשטייט זיך, אַז בלויז אין אַלגעמיין גענומען. בנוגע אָבער צו באַזונדערע אַדמיניסטראַטיווע טיילן פון מזרח־גאַליציע (באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן), ווי מיר האָבן שוין פריער באַוויזן, האָבן די פּאָלאַקן געהאַט אין דער דאָרפישער באַפעלקערונג פון אַ גאַנצער רייע באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן אַ צוּוואַנדערונג, ביי דער גלייכצייטיקער אויסוואַנדערונג פון דער יידישער און רוסינישער באַפעלקערונג.

XIII.

די פאַרטיילונג פון דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג לויט דער גרייס פון די שטאָטישע וווינפלעצער.

צום באַדוירן פאַרמאָגן מיר א גענויע פעסטשטעלונג וועגן דער פאַרטיילונג פון דער אַלגעמיינער און יידישער באַפעלקערונג לויט די פאַרשיידענע וווינפלעצער (איינגעשלאָסן די דערפער און מאַיאָנטקעס) אין גאַליציע, בלויז פאַרן פעריאָד 1881 — 1900 יאָרן.

די עסטרייכישע צענטראַל-סטאַטיסטישע קאָמיסיע האָט זיך, ליידער, אָפּגעזאָגט צו באַאַרבעטן די מאַטעריאַלן פון דער לעצטער (1910) פאָלקסציילונג לויט די באַזונדערע וווינפלעצער, ווי זי האָט עס געטון בנוגע די פריערדיקע פאָלקסציילונגען אין אירע „געמיינדעלעקסיקאָנען” און „אָרטשאַפטס-פאַרצייכניסן”.

מיר זיינען דעריבער געצוווּנגען צו באַגרעניצן אונזער אונטערזוכונג בנוגע דער פאַרטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג לויט דער גרייס פון די וווינפלעצער בלויז מיט דער שטאָטישער באַפעלקערונג. (זע טאַבעלע ז' 144).

אין מערב-גאַליציע לעבט נאָך עד-היום בערך 30 פראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין די קליינע שטאָטישע וווינפלעצער מיט אַ באַפעלקערונג ביז 5,000 נפשות (גענוי 29.5 פראָצענט). דעריבער איז די דאָזיקע מאַסע קאָנצענטרירט אין די שטאָטישע וווינפלעצער מיט אַ באַפעלקערונג פון 2,000 ביז 5,000 נפשות. אין די גאָר קליינע שטאָטישע וווינפלעצער (ביז 2,000 איינוווינער) פון מערב-גאַליציע האָט אין 1910 יאָר געלעבט בלויז 2.0 פון דער גאַנצער מערב-גאַליצישער יידישער באַפעלקערונג.

נישט שטאַרק גינסטיק זיינען די באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער מערב-גאַליצישער יידישער באַפעלקערונג אין די מיטעלע (לויטן גאַליצישן מאַסשטאַב) שטאָטישע פונקטן מיט אַ באַפעלקערונג פון 5,001 ביז 20,000 נפשות. אין דער דאָזיקער קאַטעגאָריע מערב-גאַליצישע שטעט און שטעטלעך האָט אין 1910 יאָר געלעבט בס"ה אַ 1/4 חלק פון דער גאַנצער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג אין מערב-גאַליציע (גענוי 24.3 פראָצענט).

אַמגינסטיקן זיינען, ווי ס'ווייזט אויס, באַדינגונגען פאַר דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די גרעסערע שטאָטישע צענטרן פון מערב-גאַליציע. בלויז אין דער קאַטעגאָריע מערב-גאַליצישע שטעט מיט אַ באַפעלקערונג פון 20,000 ביז 50,000 נפשות זיינען קאָנצענטרירט געווען

פון יעדע 1,000 שטאָטישע יידן האָבן געלעבט

אין שטאָטישע ווינפּלעצער.	1880	1890	1900	1910
מערב־גאַליציע.				
ביז 2,000 איינוווינער.	34	32	35	20
פון 2,001 ביז 5,000	463	418	350	275
„ 5,001 „ 10,000	100	139	123	127
„ 10,001 „ 20,000	104	123	189	116
„ 20,001 „ 50,000	107	103	99	252
„ 50,001 „ 100,000	192	185	204	—
מער פון 100,000 איינוווינער	—	—	—	213
מזרח־גאַליציע.				
ביז 2,000 איינוווינער.	28	7	7	5
פון 2,001 ביז 5,000	286	292	241	187
„ 5,001 „ 10,000	281	230	256	233
„ 10,001 „ 20,000	152	213	171	178
„ 20,001 „ 50,000	154	152	202	214
„ 50,001 „ 100,000	—	—	—	40
מער פון 100,000 איינוווינער	100	106	123	143

אין 1910 יאָר 25.2 פּראָצענט פון אַלע מערב-גאַליצישע ייִדן.

צוזאַמען מיט קראָקע האָבן די מערב-גאַליצישע גרעסערע שטאָטישע צענטרן אין 1910 יאָר פאַרמאָגט כמעט די העלפט פון דער גאַנצער ייִדישער שטאָטישער באַפעלקערונג פון מערב-גאַליציע (גענוי 46.5 פּראָצענט). די מערב-גאַליצישע ייִדן האָבן אויף אַזאַ אופן כשר פאַרדינט דעם נאָמען פון „גרויס-שטעטלער".

נאָך בולטער וועט זיך אַרויסווייזן דער דאָזיקער פּראָצעס — דער רעלאַטיווער וווּקס פון דעם גרויס-שטאָטישן כאַראַקטער פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין מערב-גאַליציע — ווען מיר וועלן פאַרגלייכן די ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָרגעקומען אין דער פאַרטיילונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג צווישן די פאַרשיידענע שטאָטישע ווינקלעצער אין משך פונם גאַנצן דרייסיק-יעריקן (1881 — 1910) פּעריאָד.

אין 1880 יאָר האָט אין מערב-גאַליציע די העלפט פון דער גאַנצער שטאָטישער ייִדישער באַפעלקערונג געלעבט אין די קליינע שטאָטישע פונקטן מיט אַ באַפעלקערונג ביז 5,000 נפשות (גענוי 49.7 פּראָצענט). פאַרקערט, אין די גרעסערע שטאָטישע צענטרן מיט אַ באַפעלקערונג מער פון 20 טויזנט נפשות, האָט בס"ה געלעבט בערך פון 30 פּראָצענט פון דער גאַנצער ייִדישער שטאָטישער מאַסע (גענוי 29.9 פּראָצענטן).

ווען מ'זאָל פון די 57 מערב-גאַליצישע שטאָטישע ווינקלעצער אין 1880 יאָר אַראָפּרעכענען די 13 שטאָטישע פונקטן, וואָס זײַנען, אַדאַנק זייער נאַטירלעכער פאַרמערונג אָדער צופלוס, איבערגעגאַנגען פון קאַטעגאָריע „קליינשטעטלשע" פונקטן (מיט אַ באַפעלקערונג ביז 5000 נפשות) אין דער קאַטעגאָריע פון די מיטלע שטאָטישע פונקטן — וואַדאָוויצע, יאַסלע, קראַסנע, גאָרליצע, מילעץ, קענטי, אָסווענצים, בלאַזשאָווע, לאַנצוט, לעזשאַיסק, זשיוויעץ, זאַקאָפּאַנע, אַלט-סאַנדעץ — דאַן וואָלט באַטראָפן די ייִדישע באַפעלקערונג אין די איבעריקע 44 קליינשטעטלשע פונקטן אין 1880 יאָר 151,111 קעגן 132,277 אין 1910 יאָר; די דאָזיקע פונקטן דאָבן, אַלזאָ, געגעבן אַן אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אויף 18,334 נפשות אָדער אויף 12.1 פּראָצענט.

דער פאַרלוסט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין די דאָזיקע קליינשטעטלשע ווינקלעצער איז אין משך פון די 30 יאָר געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט זיך אַפילו נישט געקענט קאָמפּענסירן דורכן וווּקס פון די יעניקע קליינשטעטלשע פונקטן, וואָס האָבן זיך אין משך פון דעם דרייסיקיעריקן פּעריאָד באַזונדערס שטאַרק אַנטוויקלט און האָבן געהאַט אַ באַדייטנדע ייִדישע צוואַנדערונג. די ייִדישע באַפעלקערונג פון אַלע 57 קליינשטעטלשע ווינקלעצער

אין מערב-גאַליציע (שוין צוזאַמען מיט די, וואָס זיינען אין 1910 יאָר איבער-געגאַנגען אין דער קאַטעגאָריע פון די מיטעלע שטאָטישע פונקטן) האָט באַטראָפן אין 1880 יאָר 164,991 נפשות און אין 1910 יאָר 155,445 נפשות, אַלזאָ, **ווידער אַן אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג פון 9,549 נפשות.**

אויפן חשבון פון אָט די דאָזיקע דעגענערירנדע ווינפּלעצער, האָט זיך די יידישע באַפעלקערונג אַנטוויקלט אין די גרעסערע שטאָטישע ווינפּלעצער פון מערב-גאַליציע, באַזונדערס אין די **מיטעלע שטאָטישע ווינפּלעצער** מיט אַ באַפעלקערונג פון 5,000 ביז 10,000 און פון 10,000 ביז 20,000 נפשות.

מזרח-גאַליציע. די שטאָטישע ווינפּלעצער אין מזרח-גאַליציע זיינען בדרך-כלל גרעסערע איידער אין מערב-גאַליציע. נאָך בעת דער פאָלקס-ציילונג פון 1910 יאָר האָבן 2/3 פון די מערב-גאַליצישע שטעט און שטעטלעך פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג בלויז ביז 5,000 נפשות. אין מזרח-גאַליציע האָט די צאָל פון די דאָזיקע קליינשטאָטישע פונקטן באַטראָפן אין 1910 יאָר ס"ה 47 פון דער אַלגעמיינער צאָל 103 שטאָטישע ווינפּלעצער. אין די מזרח-גאַליצישע קליינשטאָטישע פונקטן (מיט אַ באַפעלקערונג ביז 5.000 נפשות) האָבן אין 1910 יאָר געלעבט 77,406 נפשות, אָדער קאַרגער 1/5 פון דער גאַנצער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג אין מזרח-גאַליציע (גענוי 19.2 פראָצענט).

אין געגנזאַץ צו מערב-גאַליציע, איז דאָ אין מזרח-גאַליציע אַמשטאַרקסטן קאָנצענטרירט די יידישע מאַסן אין די מיטעלע שטאָטישע פונקטן (מיט אַ באַפעלקערונג פון 5 ביז 10 און פון 10 ביז 20 טויזנט נפשות): אין דער דאָזיקער קאַטעגאָריע ווינפּלעצער האָט אין 1910 יאָר געלעבט 163,334 יידישע נפשות, אָדער 41.1 פראָצענט פון דער גאַנצער יידישער שטאָטישער מאַסע אין דער דאָזיקער געגנד

זייער שטאַרק איז אויך דער אַנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די גרויסשטאָטישע פונקטן פון מזרח-גאַליציע (מער פון 20 איינוווינער). צוזאַמען מיט לעמבערג דאָ, דאָ געלעבט כמעט 40 פראָצענט פון דער גאַנצער יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג (גענוי 39.7 פראָצענט).

אויפן ערשטן אויגנבליק קומט פאָר אויך אין מזרח-גאַליציע דאָס אַבסאָלוטע און רעלאַטיווע פאַלן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די קליינשטאָטישע פונקטן (מיט אַ באַפעלקערונג ביז 5000 נפשות). אין 1880 יאָר האָבן אין די דאָזיקע שטאָטישע ווינפּלעצער פון מזרח-גאַליציע געלעבט 95,741 יידישע נפשות, וואָס האָט אויסגעמאַכט 31.4 פראָצענט פון דער גאַנצער שטאָטישער יידישער מאַסע פון דער דאָזיקער געגנד קעגן 77,406 יידישע נפשות אין 1910 יאָר, וואָס מאַכט אויס 19.2 פראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג, וואָס

האָט אין 1910 יאָר געלעבט אין די מזרח-גאַליציש שטעט.

דער מער געגויער אַנאַליז ווייזט אָבער, אַז דאָס איז בלויז אַ ענייניאַקייט. די אַבסאָלוטע און פאַרהעלטנישמעסיקע פאַרקלענערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די קליינשטאָטישע פונקטן (מיט אַ באַפעלקערונג ביז 5000 נפשות), ערקלערט זיך בלויז דערמיט, וואָס אין משך פון די 30 יאָר (1880 — 1910) זיינען 16 קליינשטאָטישע פונקטן (טורקע, סקאַלע, דעלאַטין, פעטשעניזשין קאָסאָוו, טוסטאַנאָוויצע, טלומאַטש, לובאַטשאָוו, מאָסטי וויעלקע, באָברק, גליניאַני, קאָזאָווע, זבאָראָוו, בעלז, פּאָזוואָלאָטשיסק און טשאָרטקאָוו), אַ דאַנק זייער באַטייטלעכער פאַרמערונג און טיילווייז אויך צוּוואַנדערונג, איבערגעגאַנגען אין דער רובריק פון די מיטעלע שטעט.

נעמען מיר די אַנטוויקלונג פון די מזרח-גאַליצישע **קליינשטאָטישע פונקטן** (ביז 5000 נפשות) אָן די דערמאָנטע 16 שטאָטישע פנקטן, דאַן האָבן זיי געציילט אין 1880 יאָר אַ יידישע באַפעלקערונג פון 63,397 נפשות און אין 1910 יאָר 77,406 נפשות, אַלזאָ, אַן אַבסאָלוטע פאַרגרעסערונג פון 14,009 אָדער פון 22.3 פראָצענט, ד.ה., אַז זיי האָבן געהאַט כמעט דעם זעלבן פאַקטישן צוּוואוּקס פון זייער יידישער באַפעלקערונג פאַר דעם דרייסיקיעריקן פעריאָד, ווי די יידישע שטאָטישע באַפעלקערונג אין מזרח-גאַליציע (23.1 פראָצענט אין אַלגעמיין).

וואָס אַמבאַלאַנגט דעם פראָצענטועלן אַנטייל פון די יידן אין די שטאָטישע ווינפלעצער אין צוזאַמענהאַנג מיט זייער צאָלגרייס (זע טאַבעלע ז' 49, 50), איז אין מערב-גאַליציע **אין אַלגעמיין** קיין צוזאַמענהאַנג צווישן דעם פּראָצענטועלן אַנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גרויס פון די שטאָטישע ווינפלעצער נישט צו באַמערקן. דאָך אָבער מוז מען צוגעבן, אַז די עטלעכע שטאָטישע פונקטן, וווּ די יידן בילדן פון 66 ביז 80 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג (דאָמבראָווע, טאַרנאָבזשעג, ראָזוואַדאָוו, בזשעסקע, דוקלע) געהערן צו די קליינשטאָטישע פונקטן. צווישן די גרעסערע פונקטן איז אַזאַ איבערוויגנדע יידישע מערהייט נישט צו טרעפן. אַ חוץ די אַלגעמיינע ווירטשאַפטלעכע און געשיכטלעכע סבות, וואָס פאַרקלענערן דעם פּראָצענטזאַץ פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די גרעסערע שטאָטישע פונקטן, נעמען אויך אָן די הערשנדע קלאַסן, צוליב פּאָליטישע טעמים, באַזונדערע מיטלען אום צו פאַרקלענערן דעם פּראָצענטזאַץ פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די גרעסערע צענטרן, און דאָס ווערט על-פּי-רוב דערגרייכט דורך דעם, וואָס צו גרעסערע שטעט ווערן פאַרייניקט די נאָענט-ליגנדע דאָרפישע געמיינדן.

אין מזרח-גאַליציע לאָזט זיך דער צוזאַמענהאַנג צווישן דעם רעלאַטיוון אַנטייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין גרויס פון די שטאָטישע פונקטן

מערן אויך פון די אַלגעמיינע ציפער וועגן דער אַבסאָלוטער און רע־
לאַטיווער פאַרטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג לויט דער גרייס פון די
סטאָטישע וווינפלעצער (טאַבעלע ז׳ 149, 150). ביי אַלע פאַלקסציילונגען האָט זיך
אין אַלגעמיין דער הויך פונם יידישן פראָצענטזאַץ געפונען אין אַ פאַר־
קערטער שייכות פון דער גרויס פון די שטאָטישע וווינפלעצער.

XIV.

די פאַרטיילונג פון דער יידישער באַפעלקערונג לויט דער גרייס פון די יידישע קהלות.

אין קהלות.	1880 אבסאָלוט.	1880 פון יעדע 1000 יידן.	1890 אבסאָלוט.	1890 פון יעדע 1000 יידן.	1900 אבסאָלוט.	1900 פון יעדע 1000 יידן.	1910 אבסאָלוט.	1910 פון יעדע 1000 יידן.
מערב-גאַליציע.								
ביז 500 נפשות	7,280	69	5,968	53	5,058	40	4,910	32
פון 501 „ 2,000 „	31,527	300	30,228	266	36,239	286	38,983	257
„ 2,001 „ 5,000 „	23,783	226	39,119	345	30,706	242	25,345	167
„ 5,001 „ 10,000 „	10,983	104	5 492	48	16,250	128	34,997	231
„ 10,001 „ 20,000 „	11,349	108	11,677	103	12,586	99	15,108	100
מער פון 20,000	20.269	193	20,939	185	25,910	205	32,321	213
מזרח-גאַליציע.								
ביז 500 נפשות	1,654	5	943	3	1,451	4	544	1
פון 501 „ 2,000 „	58,355	190	46,027	135	44,123	122	49,886	125
„ 2,001 „ 5,000 „	130,411	424	158,933	465	154,817	429	153,237	383
„ 5,001 „ 10,000 „	35,715	116	35,094	102	46,220	128	36,457	92
„ 10,001 „ 20,000 „	50,809	165	64,667	189	70,028	194	102,421	256
מער פון 20,000	30,961	100	36,130	106	44,258	123	57,387	143

ס'איז איבעריק צו דערווייזן, אַז די אַבסאָלוטע גרייס פון די יידישע קהלות איז איינע פון די ווי טיקסטע און ווירקנסטע פאַקטאָרן פון אונזער קולטורעלער און ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג. בלויז ביי אַ געוויסער אַבסאָלוטער באַפעלקערונג איז בכלל מעגלעך צו באַפרידיקן די מינימאַלסטע קולטורעלע און רעליגיעזע באַדערפנישן, בלויז ביי אַ געוויסער צאָלגרייס איז מעגלעך די עקזיסטענץ פון פאַרשיידענע ווירטשאַפטלעכע אַסאָציאַציעס און אַנשטאַלטן פון קעגנזייטיקער ווירטשאַפטלעכער הילף. באַזונדערס שטאַרק איז די באַדייטונג פונם דאָזיקן פאַקטאָר — די אַבסאָלוטע צאָלגרייס פון די געמיינדן — ביי נאַציאָנאַלע מינדערהייטן בכלל און בפרט ביי אַזאַ צעזייטע און צעשפּרייטע נאַציאָנאַלע מינדערהייט, ווי מיר יידן.

ס'איז דעריבער אומבאַדינגט נויטיק גענוי אונטערצוזוכן דעם צאָל־כאַראַקטער פון די יידישע קהלות אין גאַליציע און זייער אַנטוויקלונג

מערב־גאַליציע. אויב מ'זאָל אָננעמען, אַז קהלות ביז 500 נפשות האָבן נישט די מעגלעכקייט צו באַפרידיקן אַפילו די מינימאַלסטע קולטורעלע און רעליגיעזע באַדערפנישן און אַ פשוטא שוין זיינען זיי נישט אומשטאַנד צו טאָן קיין שום ווירטשאַפטלעכע אַסאָציאַציעס און אַנשטאַלטן פון קעגנזייטיקער הילף, האָט זיך אין אַזאַ לאַגע אין מערב־גאַליציע, אַ חוץ די דערפער, אויך אין די שטעט געפונען אַ געוויסע צאָל יידן. די צאָל אָבער פון אַזעלכע יידן איז נישט גרויס. דערביי איז אויך צו באַמערקן, אַז פון יאָרצענדליק צו יאָרצענדליק פאַרקלענערט זיך די צאָל פון די דאָזיקע פאַראיינזלטע יידן אין די מערב־גאַליצישע שטאָטישע פונקטן — אין 1880 יאָר האָט זייער צאָל באַטראָפן 7,280 נפשות און אין 1910 יאָר בלויז 4910 נפשות.

25.7 פּראָצענט פון דער יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג האָט אין מערב־גאַליציע, בעת דער פאָלקסציילונג פון 1910 יאָר געלעבט אין קהלות פון 501 ביז 2000 נפשות. פאַרשטייט זיך, אַז אויך אין אַזעלכע ליליפּוטישע קהלות זיינען די קולטור־מעגלעכקייטן זייער קליין און ווירטשאַפטלעכער הינזיכט איז פאַר דער יידישער באַפעלקערונג פון די דאָזיקע ... אוממעגלעך צו שאַפן די נויטיקע עקאָנאָמישע שוץ־ און הילפס־אָרגאַנען. אַלזאָ, 28.9 פּראָצענט פון דער יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג האָט נאָך אין 1910 יאָר געלעבט ווירטשאַפטלעך און קולטורעל אין זייער אומגינסטיקע באַדינגונגען

אין **מער אָדער ווייניקער** גינסטיקע תנאים — אין קהלות פון 2,000 ביז 5,000 און פון 5,000 ביז 10,000 נפשות, האָט אין מערב־גאַליציע אין 1910 יאָר געלעבט בערך פון 40 פּראָצענט (גענוי 39.8 פּראָצענט) פון דער יידישער שטאָטישער באַפעלקערונג אין מערב־גאַליציע.

אין קהלות מיט אַ יידישער באַפעלקערונג מער פון 10 טויזנט האָט גע־

לעבט כמעט 1/3 חלק פון דער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג (געניי 31.3 פּראָצענט), הערביי האָט בלויז אין קראָקע געציילט אַ יידישע באַפעלקערונג פון 32,321 נפשות, וואָס מאַכט אויס 21.3 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין די שטעט פון מערב-גאַליציע.

פאַרן דרייסיקיעריקן פעריאָד (1881 — 1910) האָבן זיך אין מערב-גאַליציע בלויז געענדערט די פאַרהעלטנישן צווישן די קליינע (ליליפוטישע) און מיטעלע יידישע קהלות. דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די ליליפוטישע קהלות האָט זיך פאַרקלענערט פון 36.9 אויף 28.9 פּראָצענט. אויף דעם חשבון האָט זיך צום 1910 יאָר פאַרגרעסערט דער טייל יידן אין די מיטעלע קהלות (מיט אַ באַפעלקערונג פון 5,000 ביז 10,000) פון 10.4 אויף 23.1 פּראָצענט. דער פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין די גרויסע יידישע קהלות (מיט אַ באַפעלקערונג מער פון 10,000 נפשות) איז אין משך פונם דערמאָנטן פעריאָד געבליבן אומגעענדערט.

עטוואָס בעסער איז אין דעם פּרט די לאַגע אין מזרח-גאַליציע. יידישע שטאָטישע קהלות ביז 500 נפשות האָבן שוין דאָ אין 1910 כמעט נישט עקזיסטירט. אין די איבעריקע ליליפוטישע קהלות (פון 501 ביז 2,000 נפשות) האָט געלעבט בס״ה 12.5 פּראָצענט, פון דער אַלגעמיינער צאָל יידן אין די מזרח-גאַליצישע שטעט (פאַרהעלטנישמעסיק צוויי מאָל ווייניקער, ווי אין מערב-גאַליציע).

כמעט 40 פּראָצענט לעבט אין קהלות פון 2,000 ביז 5,000 נפשות (געניי 38.3) און 9.2 פּראָצענט אין קהלות פון 5,000 ביז 10,000 נפשות.

אין קהלות מיט מער פון 10,000 נפשות האָבן אין מזרח-גאַליציע, בעת דער כאָלקסציילונג פון 1910 יאָר געלעבט כמעט 40 פּראָצענט (געניי 39.9), אַלזאָ, פאַרהעלטנישמעסיק באַדייטנד מער, ווי אין מערב-גאַליציע.

אויף וויפיל ס'איז צו משפטן לויט דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין מזרח-גאַליציע פאַר דעם דרייסיקיעריקן פעריאָד (1881 — 1910), טראָגט זיך איבער מיט אַ גאַנץ באַדייטנדן טעמפּ דער צענטער פונם יידישן לעבן אין מזרח-גאַליציע פון דער קליינער און מיטעלער אין דער גרויסער און צאָלרייכער קהלה מיט גרעסערע קולטורעלע און ווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן. אזוי, צום ביישפּיל, האָבן אין די גרויסע קהלות מיט מער פון 10,000 נפשות געלעבט אין מזרח-גאַליציע, בעת דער פאָלקסציילונג פון 1880 יאָר בלויז 26.5 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג אין די מזרח-גאַליצישע שט״ט און אין 1910 יאָר איז דער פּראָצענט געשטיגן אויף 39.9. בלויז אין לעמבערג האָט אין 1910 יאָר געלעבט 14.3 פּראָצענט פון דער גאַנצער שטאָטישער יידישער באַפעלקערונג (קעגן 10.0 פּראָצענט אין 1880 יאָר).

די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די באַצירקהויפּטמאַנשאַפטן פון גאַליציע אין משך פון 1880 — 1910 יאָרן.

1) **אָסוועגצים:** דער געריכטס-באַצירק אָסוועגצים איז אין 1910 יאָר פון באַצירקהויפּטמ. ביאַלע אויסגעטיילט געוואָרן (זיין באַפעלקערונג איז געווען אין 1890 יאָר 21,307, דאַרונטער יידן 3,350) און צוזאַמען מיטן געריכטס-באַצירק זאַטאָר (באַצירקהויפּטמ וואַדאָוויצע), וועלכער האָט געציילט אין 1901 יאָר איינגאַנצן 13,572 נפשות, דאַרונטער יידן 633 נפשות, האָבן געבילדעט דעם זעלבסטשטענדיקן באַצירקהויפּטמאַנשאַפט אָסוועגצים.

2) **וואַדאָוויצע:** זע אָנמ. 1.

3) **ביאַלע:** זע אָנמ. 1.

4) **וועליטשקע:** געמיינדע- און מאַיאָנטעק יורטשיצע און ראַדזשאָוו מיט אַ באַפעלקערונג פון 2,222 נפשות, דאַרונטער יידן 40 נפשות פון באַצירקהויפּטמ. מיסלעניצע אויסגעשלאָסן און צוגערעכנט צו באַצירקהויפּטמ. וועליטשקע. זע אויך אָנמ. 21

5) **מיסלעניצע:** זע אָנמ. 4

6) **זבאָראָוו:** דער באַצירק זבאָראָוו איז אין 1904 אויסגעטיילט געוואָרן אין אַ באַזונדער פּאָליטישן באַצירק פון באַצירקהויפּטמ. זלאָטשעוו. זיין באַפעלקערונג איז:

	1880	1890	1900
איינגאַנצן	45,272	49,539	54,397
דאַרונטער יידן	6,504	6,771	6,725

7) **זלאָטשעוו** זע אָנמ. 6. די געמיינדן (צוזאַמען מיט די מאַיאָנטקעס) טשיזשקי, לאַבאָטש, בראַבאָווקע, באַלאַזשינאָוו, פּזשעוולאָטשנע, קאָבילע און סקאַלאָווקע מיט אַ באַפעלקערונג פון 6713, דאַרונטער יידן 893 זיינען נאָך

דעם 1880 יאָר פון באַצירקהויפּטמ. בראָד אויסגעשלאָסן געוואָרן און צום באַצירקהויפּטמ. זלאָטשעוו צוגערעכנט.

8) באַצירקהויפּטמ. ס ק אַ ל ע: געריכטס־באַצירק סקאַלע איז אין דעם 1 יאַנואַר 1911 יאָר אויסגעטיילט געוואָרן פון באַצירק־הויפּטמאַנשאַפט סטרי און געבילדעט אַ זעלבסטשטענ־דיקן באַצירקהויפּטמ. זיין באַפעלקערונג איז געווען:

	1880	1890	1900
אינגאַנצן	34,343	40,110	49,771 –
דאַרונטער יידן	2,986	4,017	

9) באַצירקהויפּטמ. ס ט ר י: זע אָנמ. 8.

10) י אַ ס ל ע: צום באַצירקהויפּטמ. יאַסלע איז צוגערעכנט געוואָרן נאָך דער פאָלקסציילונג פון 1890 די געמיינדע מאַרקושאָווע פון באַצירקהויפּטמ. זשעשאָוו מיט אַ באַ־פעלקערונג פון 397, דאַרונטער 8 יידן. זע אויך אָנמ. 22. די געמיינדע סוואָשעווע מיט אַ באַפעלקערונג פון 753, דאַרונטער יידן 8 איז נאָך 1880 יאָר פון באַצירק־הויפּטמ. פילזע אויסגעשלאָסן און צו באַצירקהויפּטמ. יאַסלע צוגערעכנט געוואָרן.

11) ז ש ע ש אָ ו: זע אָנמ. נומ. 10, 18, 21 און 26.

12) באַצירקהויפּטמ. ל ע מ ב ע ר ג: די דערפער הוניאַטיטשע, קאַהויאָוו און ווערביז, מיט אַ באַפעלקערונג פון 1,688, דאַרונטער יידן 50 נפשות, זיינען נאָך דער פאָלקסציילונג פון 1900 יאָר אויסגעשלאָסן געוואָרן פון באַצירקהויפּטמ. רודקי און צוגערעכנט צום באַצירקהויפּטמאַנשאַפט. לעמבערג, די געמיינדן טשערקאָזע, האָרבאַטשע (צו־זאַמען מיט די גוט־באַזיצן) מיט א באַפעלקערונג פון 974, דאַרונטער יידן 48 זיינען אויסגעשלאָסן פון באַצירק־הויפּטמ. רודקי און צוגערעכנט צו באַצירקהויפּטמ. לעמבערג נאָך דער פאָלקסציילונג פון 1880 יאָר.

13) באַצירקהויפּטמ. ר ו ד ק י: זע אָנמ. נומ. 2.

14) פּ אָ ד ג ו ז ש ע דאָס דאָרף ראַזאָוויצע איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון באַצירקהויפּטמ. וואַדאָוויצע נאָך דער פאָלקסציילונג פון 1900 יאָר און צוגערעכנט געוואָרן צו פּאָדגוזש. די

באַפּעלקערונג ס"ה 528 (קיין איינציקער ייִד).

15) באַצירקהויפּטמ. ס אַ נ אָ ק: די געמיינדן: דאָבראַ-ראַסטיקאַלנע און דאָבראַ-שלאַכעטסקאַ מיט אַ באַפּעלקערונג פון 1,694 נפשות, דאַרונטער ייִדן 54 זיינען נאָך דער פאָלקסציילונג פון 1900 יאָר אויסגעשלאָסן געוואָרן פון באַצירקהויפּטמ. דאָבראָמיל און צוגערעכנט צו באַצירקהויפּטמ. סאַנאָק.

16) באַצירקהויפּטמ. ד אָ ב ר אָ מ י ל: זע אָנמ. נומ. 15.

17) ט ל ו מ אַ ט ש: דאָרף כאָטשימעזש מיט אַ באַפּעלקערונג פון 2,877, דאַרונטער 334 ייִדן איז נאָך דער פאָלקסציילונג פון 1900 יאָר אויסגעטיילט געוואָרן פון באַצירקהויפּטמ. האָראָדענקאָ און צוגערעכנט געוואָרן צו באַצירקהויפּטמאַנשאַפט טלומאַטש.

18) באַצירקהויפּטמ. פּ ז ש ע ה אָ ר ס ק: די דערפער הוצעסקע, יאַוואָרניצקי און ווידאָטשאָוו מיט אַ באַפּעלקערונג פון 1,181 נפשות, דאַרונטער 20 ייִדן זיינען נאָך דער פאָלקסציילונג פון 1900 יאָר אויסגעטיילט געוואָרן פון באַצירקהויפּטמאַנשאַפט זשעשאָוו און צוגערעכנט צו פּזשעוואָרסק. דער דאָזיקער באַצירקהויפּטמ. איז געבוי דעם געוואָרן צו דער פאָלקסציילונג פון 1900 פון געריכטס-באַצירק פּזשעוואָרסק (באַצירקהויפּטמאַנש. לאַנצוט) מיט אַ באַפּעלקערונג פון 43,326, דאַרונטער ייִדן 3,116 נפשות.

19) באַצירקהויפּטמ. מ י ל ע ק: דאָס דאָרף דאָמביע מיט אַ באַפּעלקערונג פון 1,141 נפשות, דאַרונטער ייִדן 7 איז נאָך דער פאָלקסציילונג פון 1900 יאָר אויסגעטיילט געוואָרן פון באַצירקהויפּטמאַנ. פּילזנע און צוגערעכנט צו מילעק.

20) באַצירקהויפּטמ. פּ י ל ז נ ע: זע אָנמ. נומ. 19, נומ. 10.

21) פּ אָ ד ג ו ז ש ע: איז צו דער פאָלקסציילונג פון 1900 יאָר געבילדעט געוואָרן פון געריכטס-באַצ. פּאָדגוזשע

און סקאַווינע, וואָס זיינען אויסגעטיילט געוואָרן פון באַצירקהויפּטמ. וועליטשקע מיט אַ באַפעלקערונג פון 26,636) פּאָדג. און 17,076 סקאַווינע)- 43,72, דאַרונטער יידן (פּאָדג. 4,644 און סקאַווינע 686)- 5,330 נפשות.

22) סטזשיזשאָוו: איז צו דער פאָלקסציילונג פון 1900 געבילדעט געוואָרן פון געריכטס-באַצירק סטזשיזשאָוו (באַצירקהויפּטמ. זשעשאָוו) און פרישטאַק (באַצירקהויפּטמ. יאסלע) מיט: אַ באַפעלקערונג (לויט דער פאָלקסציילונג פון 1890 יאָר)

סטזשיזשאָוו ס"ה	27,389,	דאַרונטער	יידן	1,965	
פרישטאַק	23,391	"	"	1,470	- 6,3 פּרצ.
אינגאַנצן	50,780	"	"	3,435	

23) באַצירקהויפּטמ. לאַנצוט: זע אָנמ. 18.

24) פעטשעניזשין: געבילדעט צו דער פאָלקסציילונג פון 1900 פון געריכטס-באַצירק פעטשעניזשין (באַצירקהויפּטמ. קאָלאָמעאַ) מיט אַ באַפעלקערונג פון 34,385, דאַרונטער יידן 4,204 (לויט דער פאָלקסציילונג פון 1890 יאָר).

25) באַצירקהויפּטמ. קאָלאָמעאַ: זע אָנמ. 24.

26) בזשעשאָוו: דאָס דאָרף באָריטש מיט אַ באפעלקערונג פון 814, דאַרונטער יידן 15 איז נאָכן 1880 יאָר אויסגעשלאָסן געוואָרן פון באַצירקהויפּטמ. זשעשאָוו און צוגערעכנט געוואָרן צו בזשעזשאָוו.

27) טורקע: געמיינדע סווידניק מיט אַ באַפעלקערונג פון 399, דאַרונטער יידן 17 איז נאָך 1880 יאָר אויסגעשלאָסן געוואָרן פון באַצירקהויפּטמ. דראָהאָביטש און צוגערעכנט צו באַצירקהויפּטמ. טורקע.

28) דראָהאָביטש: זע אָנמ. 27.

29) סטאַניסלאַוו: געמיינדע מעדורע מיט אַ באַפעלקערונג פון 1428, דאַרונטער יידן 41 נפשות איז נאָך 1880 יאָר פון

באַצירקהויפּטש. ראָהאַטין אויסגעשלאָסן און צו באַ-
צירקהויפּטש. סטאַניסלאַוו צוגערעכנט געוואָרן.

30) ראָהאַטין: זע אָנמ. נומ. 29.

31) בראָד: זע אָנמ. נומ. 7.

32) דאָמבראָווע: די דערפער קאנארי, ניטשיטשע, פּאָדלעסיע, דעמבאָ-
ווע און זשאַבניע מיט אַ באַפעלקערונג פון 2917 נפשות,
דאַרונטער ייִדן 719 זיינען נאָכן 1880 יאָר אויס-
געשלאָסן געוואָרן פון באַצירקהויפּטש. טאַרנאָוו און
צוגערעכנט צו באַצירקהויפּטש. דאָמבראָווע.

33) טאַרנאָוו: זע אָנמ. 32.

34) האָראָדענקאָ: זע אָנמ. נומ. 17.

אינהאלטס-פארצייכניש:

אריינפיר 3

I די צאל ידן אין גאליציע אין 1772 יאר 7

II די אנטוויקלונג פון דער ידישער באפעלקערונג לויט די פאלקסציילונגען
פון 1869, 1880, 1890, 1900 און 1910 יארן 11

III די ידן אין מזרח= און מערב=גאליציע 17

IV די באוועגונג פון דער ידישער באפעלקערונג:

א) נאטירלעכע באוועגונג 24

ב) איינוואנדערונג 25

ג) אויסוואנדערונג 27

V די אבסאלוטע און רעלאטיווע אנטוויקלונג פון דער ידישער באפעלקערונג
אין די באצירק=הויפטמאנשאפטן פון גאליציע לויט די פאלקסציילונגען פון
1800, 1890, 1900 און 1910 יארן:

א) די ידישע באפעלקערונג אין די באצירק=הויפטמאנשאפטן פון
גאליציע לויט דער פאלקסציילונג פון 1910 יאר 37

ב) די אלגעמיינע און ידישע באפעלקערונג אין די גאליצישע בא=
צירק=הויפטמאנשאפטן לויט די פאלקסציילונגען פון 1880, 1890,
1900 און 1910 יארן 42

VI דער פאקטישער צוּוואקס פון דער ידישער באפעלקערונג אין די גאליצי=
שע באצירק=הויפטמאנשאפטן פארן יארצענדלינק 1901 — 1910 53

VII די פארטיילונג פון די ידן אין די שטעט, שטעטלעך און דערפער
פון גאליציע 70

VIII די אנטוויקלונג פון דער ידישער באפעלקערונג אין די שטעט פון
מזרח= און מעדב=גאליציע 83

IX די אנטוויקלונג פון דער ידישער באפעלקערונג אין די שטעטלעך פון
מזרח= און מערב=גאליציע 89

X די רעלאטיווע אנטוויקלונג פון דער ידישער באפעלקערונג אין די
שטעט און שטעטלעך 96

XI די רעלאטיווע אנטוויקלונג פון די ידן אין די שטעטלעך פון מערב=
און מזרח=גאליציע 121

XII די אבסאלוטע און רעלאטיווע אנטוויקלונג פון די ידן אין די דערפער
פון מזרח= און מערב=גאליציע 134

XIII די פארטיילונג פון דער שטאטישער ידישער באפעלקערונג לויט דער
גרויס פון די שטאטישע הויזגעזעצער 143

XIV די פארטיילונג פון דער ידישער באפעלקערונג לויט די גרויס פון די
ידישע קהלות 151

די ענדערונגען, וואס זענען פארגעקומען אין די באצירק=הויפטמאנשאפטן
פון גאליציע אין משך פון 1881 — 1910 יארן 154

זייט	שוו
	שערבל
17	11
17	18
24	19
26	24−
29	1
31	19
33	29
40	15
48	8
50	31
51	8
52	26
57	24
60	17
63	19
64	20
65	11
66	11
66	27
66	34
68	3
68	16
72	2
72	9
76	2
74	22
75	16
72	10

תיקון טעות

זייט	שורה	ס׳איז געדרוקט	ס׳דאַרף זיין
	שערבלאַט	האַבּפּבורגער	האַבסבורגער
17	11	ווינציקע	איינציקע
17	18	שווערקייט	שוואַכקייט
24	19	פּראָפ. פילאַט	פּראָפ. פילאַט און ד״ר בוזעק
26	25—24	1916—1914	1906—1904
29	1	קאַפּיצענט	קאָעפיציענט
31	19	עמיגראַציאָנס=צענטער	אימיגראַציאָנס=צענטער
33	29	אָדער	אָבער
40	15	24	25
48	8	פון צווישן	צווישן
50	31	זשאָראָוו	זבאָראָוו
51	8	בעת בא דער יידישער	די יידישע
52	26	8	10
57	24	געטראָפן	באַטראָפן
60	17	ווירקלעך צו באַמערקן	אינם לעצטן יאָרצענדליק 1901—1910 ווירקלעך צו באַמערקן
63	19 פון סוף	2.3	14.2
64	20	87.4	78.4
65	11	אין מערב=גאַליציע	ווי אין מערב-גאַליציע
66	11	דער פאַקטישער	דער נאַטירלעכער
66	27	איבערווינגדן	איבערוויגנדן
66	34	צו	דאָ
68	3	12	12000
68	16	36.000	96000
72	2	אין די שטעט	אין די שטעט און שטעטלעך
72	9 פון סוף	144445	114445
76	2 „ „	39.5	29.5
74	22	עמיגראַציאָנס=פּוקטן	אימיגראַציאָנס-פונקטן
75	16	די יידישע באַפעלקערונג	די נישט יידישע באַפעלקערונג
72	10	פּראָצעס אורבאַניזירונג	אורבאַניזירונגס=פּראָצעס

זייט	שורה	ס'איז געדרוקט	ס'דאַרף זיין
78	10	514 0.3	514 (—) 0.3 (—)
78	16	3162 1.0	3162 (—) 1.0 (—)
84	20	20.4	20.4 (—)
84	23	2.6	2.6 (—)
87	8	11	10
87	17—18	עמיגראַציאָנס=פּונקט	אימיגראַציאָנס=פּונקט
87	23	0	9
87	34	עמיגראַציאָנס=	אימינראַציאָנס=
88	8	עמיגראַציאָנס-פּונקטן	אימיגראַציאָנס=פּונקטן
90	18	,370	1370
101	1	5.9	15.9
119	5	1900	1910
120	10	20.0 20.4	20.0 (—) 20.4 (—)
121	14	מיט קאַפּיטאַליזירטער	נישט קאַפּיטאַליזירטער
124	17	ווינפּונקטן	אַנדערע ווינפּונקטן
125	9	14	12
127	3 פון סוף	10.1 (—)	0.3 (—)
135	6 „ „	4.4	4.4 (—)
135	7 „ „	4048, 1408, 6.2, 1.7	4048(—), 1408(—), 6.2(—), 1.7(—)
			6.2 (—)
135	8 „ „	6.1	6.1 (—)
137	33	ארים	גורם
143	16	דעריבער	דער עיקר
148	26	20	20.000
148	29—30	אַבסאָלוטן און רעלאַטיוון פאַלן	אַבסאָלוטן פאַלן
149	3	אַבסאָלוטע און פאַרהעלטנישמע=סיקע פאַרקלענערונג	אַבסאָלוטע פאַרקלענערונג
149	15	ד. ה. אַז זיי האָבן געהאַט כמעט דעם זעלבן פאַקטישן צוווּקס פון זייער יידישער באַפעלקערונג פאַר דעם דרייסיקיעריקן פעריאָד, ווי די יידישע שטאָטישע באַפעלקערונג אין מזרח=גאַליציע (23.1 פּראָצענט אין אַלגעמיין)	דאָך אָבער האָבן זיי געהאַט א באַדייטנד קלענערן פאַקטישן צוווּקס פון דער יידישער באַפעלקערונג, ווי די גרעסערע ווינפלעצער (מער פון 5000 איינוווינער), ווו דער פאַקטישער צוווּקס פון די יידן פאַרן דרייסיקיעריקן פעריאָד (1881 — 1910) האָט באַטראָפן 31.1 פּראָצענט.
149	20	(זע טאַבעלע ז' 49, 50)	(טאַבעלע ז' 146, 147)
150	3	(טאַבעלע ז' 149, 150)	(טאַבעלע ז' 146, 147)
150	5	פון	צו

3 1761 08957024 6

DS
134.66
.G35
R83
1923Y
ROBARTS